VI 1942:77

VI
1942:779

דר. יעקב קלאַצקין

# די פּראָבלעמען
# פון מאָדערנעם יודענטום

פאַרלאַג „אחיספר" בײַ געז. „צענטראַל" וואַרשע, נאַוואַליפּקי 7.

דר. יעקב קלאַצקין

# די פּראָבלעמען פון מאָדערנעם יודענטום

פאַרלאַג „אחיספר" ביי געז. „צענטראַל" וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7.

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942: 779
76018

PRINTED IN POLAND

Zakład Graf. „STEREOTYP"
Warszawa.

# במקום הקדמה

דאָסדאָזיקע בוך, וואָס איז דערשינען אין דייטש אין דריי אויפלאַגעס און דערשיינט איצט אין יידיש, איז געשריבן געוואָרן מיט העכער צען יאָר צוריק. הגם אין פאַרלויף פון דערדאָזיקער תקופה זענען פאָרגעקומען גרויסע שינויים, פונדעסטוועגן, אַז איך האָב ווידעראַמאָל גוט אַדורכגעקוקט מיין בוך, האָב איך אין אים קיין זאַך נישט געפונען, וואָס זאָל מיך צווינגען עטוואָס צו ענדערן.

דאָס בוך האָט אין זיינע ערשטע צוויי אויפלאַגעס געמאַכט אַ גרויסן רושם. יידישע און נישט יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי אויך אַ ריי ביכער האָבן אים געווידמעט גרעסערע אַרטיקלען און קאַפּיטלען. דוכט זיך, אַ דערפאָלג! און דאָך נישט דער דערפאָלג, וועלכער האָט געדאַרפט באַשערט זיין דעם בוך. דאָס בוך האָט געוואָלט ווירקן רעוואָלוציאָנער, אָנפילן אַ נייעם דור מיט אַ נייעם גייסט, און דאָס איז נישט דערגרייכט געוואָרן, אָדער ס'איז געבליבן אומבאַמערקט. די ציוניסטישע באַוועגונג אין אירע חשובע און השפּעהדיקע קרייזן באַשטייט נאָך אַלץ פון קאָנסערוואַטיווע און באַלעבאַטי-

שע עלעמענטן. נאָך איז פון דער יידישער רענעסאַנס-באַוועגונג נישט פאַרשוואונדן די השפעה פון אחד-העמס פסעוודאָ-נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז אַזוי באַקוועם און גוט צוגעפּאַסט צו דער באַלעבאַטישער השגה, אַזוי, אַז ער האָט נאָך פיל חסידים צווישן אונזער אינטעליגענץ פון לעצטן דור.

איך ווענד מיך דעריבער נישט צו די אַלטע ציוניסטן, נישט צו די חשובים און פירער פון אונזער באַוועגונג, נאָר צו דער יוגנט, צו די אונטערערדישע עלעמענטן, וואָס זענען בכוח אויפצונעמען רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען וועגן אַ נייעם מעשולעך פרייען יידנטום. איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין בוך זאָל ווייניקער געלויבט ווערן, דערפאַר אָבער מער רעוואָלוציאָנעריש ווירקן.

יעקב קלאַצקין

בערלין תר״ץ

## קאפיטל איינס

# בלאנדזשענישן פון א נאציאנאלן אינסטינקט.

ווי אזוי איז אנטשטאנען דאס, וואס מען רופט: רוח-היהדות (דער גייסט פון יידישקייט). — דער אומבאוואוסטער עקזיסטענץ-גרונט פון דער מערב-יידישער ארטאדאקסיע. — דריי קריטעריומס פון יידישקייט. — דער גייסטיקער נאציאנאליזם און דער עוואלוציע-געדאנק. — נאציאנאלע ווערטשאצונג און נאציאנאל קריטעריום. — אנאליז פון „רוח-היהדות". — די אפאזיציע קעגן מיטאס. — די קבלה. — יידישקייט אלס געזעצלערע און אלס אידעאלאגיע. — אינדיווידואל-עלעמענטן און אוניווערסאל-עלעמענטן. — דער געדאנק וועגן דער יידישער מיסיע. — אינהאלט און פארם אלס נאציאנאלער דיפערענצירונגס-מאמענט.

I.

בשעת די „השכלה" צעטרייסלט די יסודות פון דער יידישער רעליגיע, איז צום ערשטן מאל ארויפגעשוואומען די יידישקייט-פראגע, וואס איז רייך אין רעזולטאטן און איז פאר אונזער שיקזאל מער אנטשיידנדיק, ווי די יידנפראגע: צי איז פאראן יידישקייט א חוץ דער טריישאפט צו דער יידישער אמונה? אויב אין פארלויף פון יאר-טויזנטער זענען יידישקייט און יידישע רעליגיע געווען איינס און דאסזעלבע, צי הייסט עס נישט, אז בשעת מען רייסט זיך אפ פון די

יידישע רעליגיע-געזעצן, רייסט מען זיך אויך אָפּ פון יידישקייט? דער אומבאַוואוסט-נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן דעמדאָזיקן טויטאורטייל. ער האָט געזוכט אַ נייעם יסוד צו באַרעכטיקן דעם נאָמען ייד, וואָס האָט פאַרלוירן זיין אַלטן יסוד.

אין דערדאָזיקער פאַרלעגנהייט האָט ער געפונען אַן אויסוועג דערין, וואָס ער האָט באַשטימט אַ סוראָגאַט פאַר דער רעליגיע. איייניקע אַבסטראַקטע אידעען, וואָס בלייבן איבער נאָכן אַוועקוואַרפן די אַזויגערופענע רעליגיעזע שאָלעכץ, דאַרפן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אינהאַלט, וואָס האָט זיין ווערט פאַרלוירן. און עס דויערט נישט לאַנג און דידאָזיקע אידעען ווערן דערקלערט אַלס דער אייביקער קערן, וואָס גאַראַנטירט דעם קיום פון יידישקייט אויף אייביק. אַזויאַרום ווערן באַפרידיקט ביידע פאָדערונגען, — אי די פאָדערונג פון דער השכלה, אי די פאָדערונג פונם אומבאַוואוסט-נאַציאָנאַלן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג: די גרענעצן פון רעליגיע ווערן אָפּגעשאַפט. יידישקייט אָבער ווערט נישט אָפּגעוואָרפן. עס ווערט אויפגעבויט אַ אידעאָלאָגיע, וואָס איז פולשטענדיק צוגעפּאַסט צום גייסט פון דער צייט און גלייכצייטיק ראַטעוועט זי אַרויס די יידישקייט פון די חורבות פון רעליגיע. דידאָזיקע אידעאָלאָגיע ווערט אָנגעפירט פון דעם באַדערפעניש, וואָס נעמט זיך פון אַ גייסטיקער שפּאַלטונג, מעגלעך צו מאַכן יידישקייט אָן יידישע לעבנספאָרמען. דאָס קען זי אויפטון נאָר דורכדעם, וואָס זי שליסט אויס די יידישע פאָרמען פון עצם פון יידישקייט; דורכדעם, וואָס זי דערקלערט יידישקייט אַלס אידעע, און דווקא אַלס אַזאַ אידעע, וואָס טרעט אַרויס קעגן יעדערליי באַזונדערע פאָרמען. אָנשטאָט דעם, וואָס פריער איז יידישקייט און יידישע רעליגיע געווען איינס און דאָסזעלבע, ווערן איצט איינס און דאָסזעלבע יידישקייט און מענטשלעכקייט. אָנשטאָט דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער ענגשאַפט טרעט אַרויס די קאָסמאָפּאָליטישע ברייטקייט. יידישקייט ווערט דעקלאַרירט אַלס אידעע פון דער מענטשהייט; בלויז דידאָזיקע אידעע איז דער עצם פון יידישקייט; דאָס

איבעריקע איז בלויז אַ טפל. אַזוי אַרום ווערט געפֿונען די געווינטשטע באַקוועמע יידישקייט. פֿאַראַן יידישקייט אַ חוץ יידישע לעבנס־פֿאָרמען, פֿאַראַן אַ יידיש באַוואוסטזיין אין יידישן לעבן. מ׳איז אַ ייד, כאָטש מען מוז נישט דווקא לעבן יידיש; אדרבא, ערשט דאַן איז מען אַ ייד, בשעת מען לעבט נישט־יידיש. שוין דער תּוך פֿון דער יידישקייט־אידעע אַנטהאַלט אין זיך דעם אָנזאָג צו פֿאַרטושן און פֿאַררייבן די נאַציאָנאַלע פֿאָרמען פֿון אונזער אייגנאַרטיקייט.

דערזען, אַז די רעליגיע האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און וואָס פֿאַר אַ קריזיס עס אַנטשטייט דערפֿון, האָט דער דערפֿינדערישער נאַציאָנאַלער אינסטינקט אויסגעטראַכט די דאָזיקע דעפֿיניציע, וואָס טראָגט אין זיך אַלע סימנים פֿון אַן אינערלעכן קאָנפֿליקט און פֿון אַן אומבאַוואוסטזיניקער סתּירה, ווייל זי האָט די צווייידייטיקע אויפֿגאַבע, מעגלעך צו מאַכן צו זיין אַ ייד, נישט זייענדיק יידיש. די דאָזיקע פֿאָרמול האָט טאַקע דעם פֿאַרדינסט, וואָס זי האָט אין פֿאַרלויף פֿון צענדליקער יאָרן דערהאַלטן דאָס יידישע באַוואוסטזיין אָן אַ יידישן לעבן און האָט אויף אַ לאַנגער צייט אָפּגעשטופּט דעם קריזיר

סוף־כּל־סוף האָט אָבער געמוזט קומען דער רעזולטאַט דערפֿון. די יידישקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדאַמפּט ביז צו רוחניות און איז פֿאַרמינערט געוואָרן ביז צו אַן אינהאַלט פֿון אַ לערע, האָט געפֿירט צו אַסימילאַציע. איר אידעען־קאָמפּלעקס — די אידעען פֿון מאָנאָטעיזם, פֿון מעסיאַניזם, פֿון אָפּטימיזם, פֿון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט א. אז. וו., וואָס דאַרפֿן זיך אַלע צענויפֿקומען אין דער אידעע פֿון איין מענטשהייט — האָט נישט קיין נאַציאָנאַלע התחייבות און באַגרענעצונג; ער פֿאָדערט זיי נישט, פֿאַרקערט, ער פֿאָדערט דעם היפּוך. אַן עטיק, אַ וועלטאָנשויונג איז קיינמאָל נישט אימשטאַנד צו פֿאַרטרעטן דעם פּלאַץ פֿון אַ נאַציאָנאַלן דיפֿערענצירונגס־מאָמענט, בפֿרט נאָך די יידישע עטיק, די יידישע וועלטאָנשויונג קאָן דאָס אוודאי און

אוודאי נישט. און אַזוי־אַרום איז אַנטשטאַנען די פיקטיווע יידישקייט אין מערב-אייראָפּע.

אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער לאָזונג: ר ו ח - ה י ה ד ו ת. דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג האָט זיך גע-ראַנגלט און נישט געוואָלט אַנערקענען דעם טויטאורטייל און דעריבער אויסגעטראַכט אַ רעזאָן ד׳עטר, וואָס איז געווען בכּוח נאָר אויף אַ קורצער צייט אונטערצושטיצן אַ כּלומרשטע עקזיסטענץ, וואָס איז אָבער, לויט זיין גאַנצן שורש און איינהאַלט, געווען באַשטימט נאָר אונטערצוגראָבן אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. אָט אַזוי האָט באַנקראָטירט דער לאָזונג: רוח-היהדות.

די ערשטע שטויסן צו דער אַסימילאַציע-באַוועגונג זענען נישט אַרויסגעקומען פון מאַטעריאַליסטישער שטרעבונג אָדער ריכטונג, וואָס האָט געוואָלט, ווי מען איז געוויינט צו זאָגען, פאַרקויפן די יידישע נשמה פאַר אַ טאָפּ לינזן פון גלייכבאַרעכטיקונג; זיי זענען אַרויסגע-קומען פון דעם אידעאַליסטיש באַשטימטן געדאַנק, וואָס האָט געמיינט, אַז נאָכדעם, ווי עס זענען צעטרייסלט געוואָרן די רעליגיעזע יסודות פון יידישקייט, ווערט ער די יידישקייט קאָנען דערהאַלטן אַלס אַן אידעאָלאָגיע.

און דעריבער איז די אַסימילאַציע-טענדענץ — סאַמע אין איר אָנהויב — כּלל נישט קיין נייגונג צו נאָכאַמונג און „עבדות בתּוך חירות“ (קנעכטשאַפט און פרייהייט), ווי מען פלעגט איר פאַרוואַרפן. ז י א י ז ג י כ ע ר א פ א ר ב ל אָ נ ד ז ש ע נ י ש פ ו ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן א י נ-ס ט י נ ק ט, ו ו אָ ס ה אָ ט ג ע פ ר א ו ו ט ר אַ ט ע ו ו ע ן ד י י י ד י ש ק י י ט אַ ל ס אַ ת ו ך פ ו ן אַ ל ע ר ע.

דער רעזולטאַט, וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען, איז אַן אויפ-ריכטיקע קאָנזעקווענץ פונם קריטעריום פון יידישקייט אַלס אידעען-קאָמפּלעקס: ווייל דידאָזיקע אידעען טראָגן אַן עטישן, אַלגעמיין-מענטשלעכן כאַראַקטער און מוזן זיך אויסלאָזן מיט אַן אַנטנאַציאָנאַלי-זירנדיקן אוניווערסאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם.

אַזוי־אַרום קען מען באַגרייפן די טיפע איראָניע, וואָס האָט,

אלס אויסדרוק פון יענעם אינערלעכן קאנפליקט, זיך ארויסגעוויזן דערין, וואס די ראשי-המדברים פון דער עמאנציפאציע-עפאכע האבן אלס א פאסטולאט פון דער וועלטאנשויונג פון יידישקייט ארויסגעשטעלט דאס אפזאגן זיך פון יידישן פאלקסלעבן בנשימה אחת — מיט דער שטאלצער אויסרופונג פון אונזער „אתה-בחרתנושקייט” און פון דער מיסיע-אידעע, וואס אנטהאלט כמעט א נאציאנאלן שאוויניזם... אזויארום קען מען באגרייפן די טיפע איראניע, אז די אסימילירונג פון יידן האט געמוזט געפאדערט ווערן אין נאמען פון רוח-היהדות, אין נאמען פון אונזערע נביאים.

אויף אזא מין גייסטיקער שפאלטונג און אויף אזא מין איראניע קרענקט אויך די מערב-אייראפעישע ארטאדאקסיע: זי ווערט נישט דערנערט פון אייגענע לעבנסזאפטן. דער נאציאנאלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאלטונג — אט פון וואס עס האט געקאנט אויפגעריכט ווערן אין מערב אונזער רעליגיע, וואס די נשמה איז איר אויסגעגאנגען. ער האט זיך אנגעכאפט אן דער טראדיציע און דורך איר אריינגעגאסן א נייעם כוח אין לעבן; זיין כוח איז עס געווען, וואס האט אין איר געווירקט. און דער דאזיקער אומבאוואוסט-נאציאנאלער פונקציע אירער האט די מערב-יידישע ארטאדאקסיע, וואס איז אן א שיטה געבליבן, צו פארדאנקען איר דערהאלטונג.

און דעריבער, בשעת עס איז אויפגעקומען די נאציאנאלע באוועגונג, האט מען אייגנטלעך געמוזט מיינען, אז זי וועט ענדגילטיק מאכן א סוף מיטן קריטעריום פון „גייסטיקער יידישקייט”. אזוי איז עס אבער נישט געשען. דאס פאטאלע קריטעריום איז פארבליבן אויך אויף ווייטער און איז אריבערגענומען געווארן אין דער גדאנקען-וועלט פון נאציאנאלן רענעסאנס. נאך אויף היינטיקן טאג הערן מיר, אז די פארטיידיקער פון דער נאציאנאלער אידעע כאפן זיך אן אין „רוח-היהדות”, ווי אין א רעטונג. אויך דא באשטעטיקט זיך יענע היסטארישע דערשיינונג, וואס ווערט אפט באמערקט, אז סורראגאטן, וואס זענען באשטימט צו דערפילן א געוויסע אויפגאבע, פארלירן

נישט, אַ דאַנק דעם גע‏זעץ פון אינערציע, זייער ממשות אויף אַ לאַנגער צייט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין זייער פונקציע פאַרענדיקט. די סכעמע פון אַ גייסטיקער יידישקייט, וואָס דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט האָט אין זיין פאַרטיידיקונג זי באַנוצט צו פאַרטרעטן מיט איר דעם פלאַץ פון דער רעליגיע, האָט פון איר זייט באַקומען די ממשלה איבער דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ד ע ר ק ע נ ט נ י ש, וואָס אַלס דערקענטניש באַדאַרף זי שוין מער נישט צו האָבן דידאָזיקע פאַרטיידיקונג, און יענער שוץ שטעלט פאַר איהר פאַר אַ סכנה.

ווען מיר אָבער אונזער נאַציאָנאַלע אידעע דערקענען אין איר גאַנצער ריינקייט און גלאַנץ, דאַן וועט מען אויך זיך אָפּזאָגן פון דערדאָזיקער ירושה-נאָכשלעפּעניש פון „יידישקייט פון גייסט”. מיר מוזן געניי דערגיין, ווי ווייט עס פירט אונז אַוועק דער נאַציאָנאַלער געדאַנקענגאַנג און מיר טאָרן נישט לאָזן פאַרטושן די שייד-ליניע צווישן צוויי גרויסע תקופות.

2.

ביז צום אויפקום פונם נאַציאָנאַלן געדאַנק זענען געווען צוויי קריטעריומס פון יידישקייט: דאָס קריטעריום פון דער רעליגיע, וואָס לויט אים איז יידישקייט אַ לערע פון מצוות און עבירות, און דאָס קריטעריום פונם גייסט, וואָס האָט אין יידישקייט דערגרונטעוועט אַ לערע פון אידעען, ווי די אידעע פון מאָנאָטעיזם, פון מעסיאַניזם, פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט א. אַז. וו. דיביידע קריטעריומס זענען גלייך דערין, וואָס פאַר זיי איז יידישקייט אַ סוביעקטיווער מאָמענט, אַ באַקענטניש. זיי ביידע דעפינירן דאָס יידישע פאָלק אַלס אַ גייסטיקן כלל: אַלס כלל אויפן יסוד פון דער רעליגיע — לויטן ערשטן קריטעריום; אַלס כלל אויפן יסוד פון אַ וועלטאַנשויונג — לויטן צווייטן קריטעריום. ווער עס וואַרפט אָפּ די יידישע רעליגיע, דער נעמט זיך אַרויס פונם יידישן כלל — פּסקנט די ערשטע דעפיניציע. ווער עס וואַרפט

אָפּ די אידעען פון דער יידישער עטיק, דער נעמט זיך אַרויס פונם יידישן כּלל — אַזוי מוז זיין די לאָגישע קאָנזעקווענץ פון דער צווייטער דעפיניציע. אַזויאַרום טיילט זיך דאָס קריטעריום פון גייסט אין צוויי מינים: איין מין פון א ס י מ י ל אַ צ י ע און איינער פון נ י ש ט-צ ײ ט י ק ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם.

און אָט אַנטקעגן דידאָזיקע קריטעריומס טרעט אַרויס די דריטע דעפיניציע: דאָס קריטעריום פון קאָנזעקווענטן נאַציאָנאַליזם. לויט דער-דאָזיקער דעפיניציע איז יידישקייט אַן אָביעקטיווער מאָמענט. זי לערנט: אַ ייד זיין הייסט נישט אַ רעליגיעזע אָדער עטישע באַקענטניש. מיר זענען נישט קיין כּלל פון איין גלויבן און נישט קיין כּלל פון איין וועלטאַנשויונג, נאָר מיטגלידער פון איין פאַמיליע, טרעגער פון איין געמיינזאַמער היסטאָריע. בכן, ווער עס לייקנט אין דער יידישער וועלטאַנשויונג, שליסט זיך נישט אויס פון יידישקייט, פונקט אַזוי ווי איינער, וואָס אַנערקענט דעם יודאיזם, מאַכט עס אים נאָך נישט פאַר אַ ייד. קורץ, די נאַציאָנאַלע באַקענטניש פאָדערט נישט דווקא אַ באַקענטניש צו דער יידישער רעליגיע אָדער צו דער יידישער וועלטאַנשויאונג.

נאָר צי שטעלט פאָר דער היסטאָרישער באַנד דעם ג אַ נ צ ן תּוך פון אונזער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט צו איינאַנדער? צי האַנדלט עס זיך בלויז וועגן דעם געמיינזאַמען כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט דורך די איבערלעבונגען און שיקזאַל, וואָס זענען גע-מיינזאַם פאַרן גאַנצן כּלל? צי האַנדלט עס זיך בלויז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט פון אַ היסטאָרישן פאַמיליען-קיבוץ? צי קאָן מען זיך נישט אויסשליסן פון יידישקייט, פונקט אַן ערך ווי אַ מענטש קאָן זיך נישט אויסשליסן פון זיין פאַמיליע? די ערשטע צוויי קריטעריומס האָבן געהאַט די מעלה פון אַ פּריוואַט-פּרינציפּ, ווי-באַלד זיי האָבן דאָס, וואָס מ׳איז אַ ייד, אויפגעפאַסט ווי אַ רעליגיעזע אָדער עטישע באַקענטניש; בשעת דאָס נאַציאָנאַלע קריטעריום באַשטימט אין פלוג דאָס, וואָס מ׳איז אַ ייד, אַלס אַ היסטאָרישן פאַקט, וואָס קאָן דורך אַ באַקענטניש נישט בטל ווערן. אין אמתן אָבער איז עס נישט

אזוי. חוץ דער היסטאָרישער אָנגעהעריקייט צו איין פאַמיליע, פאָדערט נאָך דאָס נאַציאָנאַלע קריטעריום דעם ווילן צו געהערן צו דעמועלבן קיבוץ אויך אויף להבא. בכן באַשטימען אונזער נאַציאָנאַליטעט צוויי מאָמענטן: אי דאָס, וואָס מ׳איז אַ ייד, אי דאָס באַוואוסטזיין וועגן דעם, דער צושטאַנד און די באַקענטניש—דער מאָמענט פון היסטאָרי־שער צוגעבונדנקייט און דער מאָמענט פון היסטאָרישן ווילן, דער ווילן צו דער צוגעבונדנקייט און צו בילדן איין כּלל אויף לדורי־דורות.

---

דער גייסטיקער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז דערהויפּט פאַרטרעטן דורך אחד העם, שטיצט זיך אויפן אַנטוויקלונגסגעדאַנק. דער גייסט פון יידישקייט האָט זיך אַנטוויקלט פון דער רעליגיע צו אַן עטישער וועלטאַנשויונג און האָט זיין עיקרדיקן אויסדרוק געפונען אין אַ באַ־שטימטן תּוך פון אידעען. ווילן מיר אָפּהיטן אונזער נאַציאָנאַלע אינ־דיווידואַליטעט, אַזוי מוזן מיר שיצן און פלעגן דידאָזיקע היסטאָרישע צורה פון אונזער גייסט. דעריבער האַלט דערדאָזיקער נאַציאָנאַליזם, אַז די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון יידישקייט דאַרף מען באַגרייפן אַלס אַנטוויקלונג פון אַ באַשטימטער וועלטאַנשויונג. ער באַגייט אָבער איין מעטאָדישן פעלער: ער מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן נאַציאָנאַלער ווערטאָפּשאַצונג און נאַציאָנאַלן קרי־טעריום. דער נאַציאָנאַלער ווערט פון אַן אידעע דערהויבט זי נאָך נישט צו אַ נאַציאָנאַלן קריטעריום. פּונקט אַזוי ווי דידאָזיקע אחד־העמישע טעאָריע פאָדערט נישט אין קיין פאַל פון אַ יידן דווקא אַ באַקענטניש צו דער יידישער רעליגיע, וואָס פאַרמאָגט דאָך אין זיך אָן שום ספק גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן, פּונקט אַזוי באַדאַרף זי אויך נישט צו פאָדערן קיין באַקענטניש צו אַ יידישער אידעענלערע.

דאָס אויסנוצן דעם אַנטוויקלונגסגעדאַנק פאַר אַ נאַציאָנאַלן קריטעריום פון יידישקייט קען ברענגען אַלס רעזולטאַט נאָר אַ ווערט־

אָפּשאַפֿונג, אָבער נישט קיין דעפֿיניציע פֿון ייִדישן גייסט, שוין בלויז דערפֿאַר, ווייל מיר קאָנען דאָך נישט אַנטשיידן, וואָסער פּראָגרעס דאַרף באַדייטן אַן עוואָלוציאָנערן המשך און וואָסער אַ רעוואָלוציאָנערע הפסקה פֿון דער קאָנטינואיטעט פֿון גייסטיקן עצם. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דידאַזיקע טעאָריע איז פֿול סתירות. זי באַוועגט זיך צווישן די צוויי קריטעריומס, וואָס יעדעס פֿון זיי איז פֿאַר זיך קאָנזעקווענט, צווישן דעם רעליגיעזן און דעם נאַציאָנאַלן. פֿון איינעם נעמט זי זיך דעם סוביעקטיוו-רעליגיעזן מאָמענט, די פֿאָדערונג פֿון אַ באַקענטניש; פֿון דעם אַנדערן נעמט זי אַרויס דעם אָביעקטיוו-נאַציאָנאַלן מאָמענט, דעם מאָמענט פֿון היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

די סתירה ווערט נאָך גרעסער און בולטער, ווי נאָר די פּסעוודאָ-נאַציאָנאַלע טעאָריע דערהויבט די דערהאַלטונג און די אָפּהיטונג פֿון די אידעען, וואָס זי האָט זיי פֿיקסירט אַלס דעם גייסט פֿון ייִדישקייט, צו אַ נאַציאָנאַלער פֿליכט. פֿון איין זייט שטעלט זי דידאָזיקע פֿאָדערונג דערפֿאַר, ווייל אַזוי פּסקנט דער נאַציאָנאַלער ווערט פֿון דידאָזיקע אידעען; פֿון דער אַנדערער זייט מוז זי אַנערקענען, אַז דער ווערט פֿון אַן עטישע תּורה קאָן נישט אָפּגעשאַצט ווערן דורך עפּעס, וואָס איז אונטער איר גופֿא — און דעריבער באַמיט זי זיך צו באַגרינדן די אידעען פֿון יודאַיזם, אַרויסגייענדיק פֿון אַלגעמיין קולטורעלע שטאַנדפּונקטן. אַזוי אַרום ווערן אַרויסגעשטעלט צוויי פֿאַרשיידנאַרטיקע מאַסשטאַבן, וואָס ווייזן אויף בלויז די צווײדײטיקייט פֿון יענער טעאָריע. ממה-נפֿשך, איז ייִדישקייט אַן עטישע תּורה, אַזוי דאַרף וועגן איר אַנטשיידן אַן עטיש און נישט קיין נאַציאָנאַל קריטעריום, זי מוז קודם-כּל אָפּגעבן אַ חשבון אין איר דיסציפּלין; אויב אירע אידעען זענען אין דער עטיק אַנערקענט, דאַן מוזן זיי פֿאָדערן, זיי זאָלן גילטן אַלס אַלגעמיין-מענטשלעכע; זענען זיי אין דער עטיק נישט אַנערקענט, קאָנען זיי אויך נישט פּרעטענדירן צו גילטן אַלס נאַציאָנאַלע. די ייִדישע עטיק קאָן נישט זיין קיין ספּעציעלע תּורה, וואָס איז רעזערווירט ספּעציעל פֿאַר ייִדן, ד. ה. זי קאָן אונז נישט פֿאַרפֿליכטן אויס נאַציאָנאַלע גרונדן; זי שטעלט פֿאָרויס אַלס

תּנאי אַ באַקענטניש, און אַ באַקענטניש, וואָס לאָזט זיך נישט באַשטימען פון אַן אויבערפלעכלעכן גרונט. בכן קאָן בלויז די עטישע קולטור פאָדערן די דערהאַלטונג און אָפּהיטונג פון דער עטישער אידעע, וואָס פלעגט פריער אויפטרעטן אַלס רוח־היהדות; און אַלס אַזעלכע, אַלס עטישע אידעע, איז זי אונטערגעוואָרפן דער קאָמפּעטענץ און דער אָפּשאַצונג פון דער עטיק, וואָס בלויז זי אַליין האָט דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן, וויפל אמת עס האָט דער תּוך פון דער אידעע און זי אנערקענען אָדער אָפּוואַרפן.

אַזאַ מין צונויפפאָרונג פון פאַרשיידנאַרטיקע ווערטאָפּשאַצונגען געפינען מיר ביי פיל פון די פרומע מפורשים פון דער תּורה, וואָס האָבן אָפט געפּראַוווט צו געפינען פאַר געוויסע יידישע מצוות, ווי אַ שטייגער, פאַר די דינים וועגן שפּייזן, טעמים על פּי חכמת המעדיצין, כּדי צו דערווייזן זייער וויכטיקייט. זיי באַמערקן נישט דערביי, אַז דערמיט טוען זיי דעם דת אַ זייער שלעכטע טובה, ווייל זיי שטעלן די־דאָזיקע דינים פאַר אַ נישט רעליגיעזן משפּט און זענען מבּקיר זייער אומבאַדינגטקייט: זיי מאַכן זייער גילטיקייט אָפּהענגיק פון אַ וויסנשאַפטלעכער מיינונג.

אָט פונוואַנען עס נעמט זיך, וואָס דאָסדאָזיקע פּסעוודאָ־נאַציאָנאַלע קריטעריום פון יידישקייט איז מעטאָדאָלאָגיש שוואַכער איינגעפונדעוועט, ווי דאָס רעליגיעזע קריטעריום. די דעפיניציע פון יידישקייט אַלס רעליגיע איז קלאָר און איינהייטלעך; זי איז איינגעפּאַסט אין פעסטע כּללים. דער „רוח־היהדות" אָבער לאָזט זיך נישט אַריינ־נעמען אין איין פאָרמול, ער בלייבט שטענדיק היפּאָטעטיש און קאָן דעריבער נישט בילדן קיין קריטעריום. וויפל פאַרשיידענע דעפיניציעס האָט דערדאָזיקער גייסט פון יידישקייט אַלץ געמוזט אויסשטיין. איי־ניקע געפינען אים אין מאָנאָטעיזם, אַנדערע אין מעסיאַניזם. און נאָך אַלץ איז נישט געלעזט די פראַגע, צי אונזער גאָט איז אַ „גאָט פון נקמה" אָדער אַ „גאָט פון באַרעמהאַרציקייט". איין דעפיניציע דערגרונטע־וועט דעם גייסט פון יידישקייט אין אָפּטימיזם, אַן אַנדערע אין דער אידעע פון אַבסטראַקציע: „לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה" — „דו

זאָלסט זיך נישט מאַכן קיין בילד און קיין געשטאַלט"; אַ דריטע אין דער אידעע פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט; אַ פערטע אין ראַציאָנאַליזם. און זאָמבאַרט פאַרשטייט גאָר דעמדאָזיקן ראַציאָנאַליזם אַלס דעם סוחרישן ראַציאָ (פאַרשטאַנד, שכל), וואָס כאַראַקטעריזירט דעם גייסט פון יידישקייט. ווען דידאָזיקע דעפיניציעס וואָלטן דערהויבן געוואָרן צו אַ קריטעריום, צי וואָלט מען דאַן נישט געמוזט פאָדערן אין נאָמען פונם גייסט פון יידישקייט צו היטן און פלעגן דעם מאָנאָטעיזם, דעם משיחישן געדאַנק, דעם אָפּטימיזם, די אידעע פון אַבסטראַקציע, דעם ראַציאָנאַליזם, אָדער אפילו דעם האַנדלסגייסט, כדי דאַדורך צו היטן און פלעגן אונזער נאַציאָנאַלן עצם? און וואָס אַן אמת, אַזוי פּאַסירט דאָך עס טאַקע אָפט. נאָר דאָ ווייזט זיך ווידעראַמאָל אַרויס, ווי יענע טעאָריע פון רוח-היהדות האָט קיין ממשות נישט.

און טאַקע דעריבער האָט אפילו אין נאַציאָנאַלן לאַגער געקאָנט ערנסט אַרויפשווימען די פראַגע, צי איז שוין נישט דער גייסט פון יידישקייט פאַרטרעטן און פאַרברייטערט געוואָרן דורכן קריסטנטום און צי האָט נאָך יידישקייט עפּעס אַ רעזאָן ד'עטר, און צי אונזערע צרות, מחמת יידישקייט, האָבן נאָך עפּעס אַ זין. צו אַזאַ מין שטעלן די פראַגע האָט אויך צוגעפּאַסט יענע אויפקלערונג, וואָס האָט, צום גליק, איינגעפונען אַ חילוק צווישן יידישקייט אַלס פּרינציפּ פון גערעכטיקייט און צווישן קריסטנטום אַלס פּרינציפּ פון ליבע, און אין דעמדאָזיקן חריפותדיקן חילוק פאַרפעסטיקט אונזער עקזיסטענץ-גרונט. בכן, פון איצט אָן וועט וועגן דעם קיום-היהדות באַשליסן אַ וויסנשאַפטלעכע אינסטאַנץ, די פאָרשונג וועגן דעם עצם פון יידישקייט און דעם עצם פון קריסטנטום. אויב דער רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נישט גינסטיק און דערדאָזיקער אידעאָלאָגישער חילוק וועט אַנערקענט ווערן פאַר נישט ממשותדיק, דאַן וועט אונזער עקזיסטענץ נישט האָבן קיין יסוד, קיין אינהאַלט. אָט דאָס איז די עובדא פון קריטעריום פונם גייסט, וואָס עס מאַכט אָפּהענגיק אונזער רעכט צום לעבן פון דעם, צי איז דער יודאַיזם באַרעכטיקט אַלס

לערע, צי איז דידאַזיקע לערע אַן אייגנאַרטיקע און אַ גוטע. און אַזוי־אַרום האָט עס אַרויסגערופן יענע משונהדיקע פראַגן וועגן דעם זין פון אונזער עקזיסטענץ.

דאַקעגן, אַ קאָנזעקוועטנטע טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם זאָגט: אַלע די־יעניקע הקירות וועגן עצם פון יידישקייט קאָנען זיך זייער וואויל זיין נאַציאָנאַלע ווערטשאַצונגען, נאַציאָנאַלע קוואַליפיצירונגען; קיין נאַציאָנאַלע קריטעריומס זענען זיי אָבער נישט. פונקט אַזוי ווי דער פראַנצויזישער פסוק: „אַלץ, וואָס איז נישט דייטלעך, קלאָר, איז נישט פראַנצויזיש" קאָן אפשר זיין אַ נאַציאָנאַלע ווערטשאַצונג, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַל קריטעריום, אזוי איז אויך דער שפּרוך פון אונזערע חכמים: „בני ישראל רחמנים, ביישנים ונדבנים" — יידן זענען באַרעמ־האַרציק, שעמעוודיק און ווילטעטיק; אויב ער איז ריכטיק, קען ער זיין אַ ווערטאָפּשאַצונג פון אונזער עצם — קיין נאַציאָנאַל קריטעריום אַנטהאַלט ער נישט.

### 3.

נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז מיר וועלן דעם רוח־היהדות יאָ לאָזן גילטן אַלס אַ קריטעריום פאַרן נאָמען ייד; צי וואָלטן מיר דען נישט געמוזט זיך באַשליסן קעגן נאַציאָנאַליזם? די טיפסטע אייגנאַרטיקייט פון דעמדאָזיקן גייסט פירט דווקא דערצו, אַז ער זאָל נישט קאָנען בילדן דעם תוך פון אונזער נאַציאָנאַלן קריטעריום.

דאָס רוב אנטיקע רעליגיעס זענען פאַרפּעסטיקט אין די עלעמענטן פון געפיל און פאַנטאַזיע. אָט די ביידע, געפיל און פאַנטאַזיע, זענען באַטייליקט אין דער שאַפונג פון מיטאָס; און יעדער מיטאָס איז: זען די גאָטהייט אין דער נאַטור. די יידישע רעליגיע אַנערקענט צוויי פאַרשיי־דענע מינים פון הויה (זיין, עקזיסטענץ) און טיילט אָפּ די הויה פון — גאָט פון דער הויה פון — נאַטור. זי באַקעמפט דעם מיטאָס. איר שטאַרקייט איז נישט גלויבן, נאָר דערקענטניש (דעת) און

טריישאַפט (אמונה). זי הויבט אָן דערמיט, וואָס זי וואַרפט אַראָפּ פון די טראָגען די מיטישע געטער, די געטער-בילד-זיילן פון געפיל און פאַנטאַזיע, און אין איר ראַציאָנעלן וועזן איז באַגרינדעט די טענדענץ צו ווערן פון אַ פעלקער-רעליגיע אַ וועלט-רע-ליגיע.

די קראַפט פון דערקענטניש איז דער אורקוואַל פון יידישקייט. די דערקענטניש פון איינאיינציקן גאָט האָט געפירט צו דער דער-קענטניש פון עטישער איינציקייט, פון עטישן געזעץ. און דער טיפסטער גרונט פון דער יידישער רעליגיע איז דאָס געזעץ.

די אָפּאָזיציע קעגן דעם מיטאָס האָט אָפּגעשניטן נישט בלויז דעם עלעמענט פון געפיל און פאַנטאַזיע, נאָר אויך דעם מעטאַפי-זישן מאָטיוו פון מיטאָס. דער מיטאָס אינטערעסירט זיך מיטן קאָסמאָס, ער באַמיט זיך צו דערהויבן די נאַטור פון דער וועלט און די נאַטור פון גאָט; די יידישע רעליגיע וואַרפט אָפּ פון זיך דעמדאָזיקן טעאָרע-טישן אינטערעס פון מיטאָס אין דער וועלט און אין גאָט. איר דער-קענטניש איז אָריענטירט אין מענטשן, איז אָנגעווענדעט אויף אַ פּראַק-טישן אינטערעס, אויף די מעשים, אויף די כללים, וויאַזוי דער מענטש דאַרף לעבן. די אַטריבוטן פון יידישן גאָט זענען נישט די אַטריבוטן פון דער הויה, פון גאָטס נאַטור, נאָר פון די מעשים, פון גאָטס מצוות — לערנט דער רמב״ם. „בהדי כבשי דרחמנא למה לי?״ — „וואָס געהען מיך אָן די געהיימנישן פון גאָט?״ די יידישע רעליגיע ווייסט נישט פון קיין מעטאַפיזיק; אייגנטלעך האָט זי נישט קיין פילאָ-זאָפיע. איר רעליגיע-פילאָזאָפיע איז אָנטשטאַנען זייער שפּעט און אונטער פרעמדע איינפלוסן.

און דאַדורך פאַרשטייען מיר די דערשיינונג, וואָס האָט כמעט קיין גלייכן נישט צו זיך: די יידישע רעליגיע האָט נישט אָנצוווייזן אויף קיין שום גלויבן-פּרינציפּן, אויף קיין טעאָרעטישן יסוד פון אַ לערע יעדע רעליגיע ווערט באַגרינדעט אין אַ פילאָזאָפישער, אין אַ טעאָרע-טישער לערע; אירע פּראַקטישע פאָרשריפטן קומען אַלס רעזולטאַט פון דער אידעאָלאָגישער באַגרינדונג. אונזער תורה אָבער איז טיילווייז

כראָניק, טיילוויין קאָדעקס. וואו האָט איר דאָ די מעטאַפיזישע באַ-גרינדונג? „אנכי ה׳ אלהיך—איך בין גאָט, דיין גאָט״. א. אַז. וו. דאָס איז די איינציקע קורצע הקדמה, וואָס גלייך נאָך איר קומען די טרוקענע עשרת הדברות: וואָס דו מוזט יאָ טון און וואָס דו טאָרסט נישט טון. וואו איז דאָ דער טעאָרעטישער יסוד? דאָס גיעזעץ איז די העכסטע רעליגיעזע מאַכט. אונזער רעליגיע האָט אָפּגעוואָרפן די פאָרשונג וועגן די סיבות פון די פאַראָרדענונגען. זי האָט מצוות עשה און לא תעשה, כללים, אָבער נישט קיין לערע-פרינציפּן, קיין דאָגמען; אָט די לעצטע זענען צוגעקומען פיל שפּעטער און אייגנטלעך נאָר אַלס סיסטעמאַטישע לייטמאָטיון, און דאָס אויך זענען זיי לאַנג און העפטיק באַקעמפט געוואָרן.

דעריבער האָט די קבלה נישט געקאָנט אַרויסרופן קיין שפּאַלטונג אין יידנטום, ווייל זי האָט געוואָלט זיין בלויז אַ טעאָרעטישער אויפטו, אָבער נישט קיין פּראַקטישע רעפאָרם. זי האָט איינגעפירט נייע אידעען, דאָס געזעץ אָבער האָט זי נישט גערירט. אין יעדער אַנדער רעליגיע פירט צו אַ נייע לערע, ווי עס שטעלט פאָר די קבלה, צו דער בילדונג פון סעקטעס; די יידישע רע-ליגיע אָבער האָט פון אייביק אָן טאָלערירט די גרעסטע דיפערענצן פון טעאָרעטישן כאַראַקטער, די גרעסטע מיינונג-פאַרשיידנהייטן פון די שולן, וואָס האָבן געקעמפט צווישן זיך, כל-זמן די מצוות המעשיות זענען נישט אָנגערירט געוואָרן. אונזער רעליגיע איז טאָלעראַנט אין באַצוג צו אפּיקורסישע אידעען, אָבער שטרענג אין איר פאָדערונג וועגן אָפּהיטן די דינים, טאָלעראַנט בנוגע דער מחשבה, אָבער שטרענג בנוגע מעשים. „לא המדרש הוא העיקר, אלא המעשה״ — „דער עיקר איז נישט דער דרוש, נאָר די מעשים״ — זאָגן אונזערע חכמים. און אפילו „מצוות אינן צריכות כוונה״ — די מצוות דאַרפן נישט געטון ווערן מיט כוונה. תורה איז נישט דער טייטש פשוט לערע, נאָר לערע פון געזעץ.

נאָר דיפערענצן, וואס האָבן געשטרעבט צו רעפאָרמירן

דאָס געזעץ, האָבן געבראַכט צו אַ ברוך אין דער איינהייטלעכ־קייט פון יידישקייט. דאַדורך זענען אַנטשטאַנען די סעקטעס פון איסיים און צדוקים. דאָס קריסטנטום וואָלט זיך אפשר נישט אָפּגעטיילט פון יידישקייט, ווען עס וואָלט נישט באַקומען די איבערהאַנט די פּאַולי־נישע ריכטונג, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער „קללה פון געזעץ״.

דאָס געזעץ איז די אייגנשאַפט פון דער יידישער רעליגיע סאַמע פון איר אָנפאַנג אָן. פיל מיסטישע רעליגיעס זענען אויך דורכגעמישט מיט עפּישע מאָטיוון, אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט די פונקציע פון אַ געזעץ־אַנשטאַלט; קיין איינע פון זיי איז נישט קיין קאָדעקס פון רעליגיעזע, עטישע און מלוכהשע געזעצן. קיין רעליגיע קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער יידישער בנוגע דער קראַפט פון התחייבותן, וואָס זי לייגט אַרויף. קיין איינע פון זיי איז נישט אַזוי רייך, ווי זי, אין „סיגים״ און „סיגים לסיגים״ (צוימען און צוימען אויף צוימען). קיין איינע פון זיי איז נישט אַזוי, ווי זי, אָנגעפילט מיט מעשים. קיין איינע פון זיי זאָרגט זיך נישט אַזוי, ווי זי, פעסטצושטעלן די לעבנס־פאָרמען פון יחיד און פון כלל דורך פאָרשריפטן און פאַראָרדענונגען ביז צו די קלענסטע פרטים מיט דער גרעסטער גענויאיקייט. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס זי האָט פון שטענדיק אָן אַרויסגעוויזן אַ באַ־זונדערן חשק צום אויסטייטשן און דערקלערן די געזעצן און די אותיות פון די דינים. דורכן אויסטייטשן און דערקלערן ווערט דאָס געזעץ געפלעגט; דאָס איז אַ גוטער סימן פאַר דער לעבנסקראַפט פון געזעץ, ווייל דאָס באַווייזט די האַרבקייט פון געזעץ.

דער יידישער ליבעראַליזם, וואָס וויל כלומרשט פאַרטיידיקן און פאַרענטפערן אַ רעליגיע אָן רעליגיע־געזעצן, אַן אינהאַלט אָן פאָרמען, אַן אַבסטראַקטע אידעע אַלס יידישקייט, באַמיט זיך — מיטן כוח פון יענער אינטערפּרעטאַציע־מעטאָדע, וואָס לייגט אַריין אין די ווערטער אַזאַ כוונה, ווי זי וויל פון זיי אַרויסלייענען — צו באַווייזן, אַז די רעליגיעזע דינים פון אונזער רעליגיע זענען לויט זייער נאַטור פון דער צווייטער מדרגה. דאָס איז אָבער פאַלש. ניין, נישט אומזיסט

איז זייער צאָל אַזוי גרויס. זיי שטייען אויף דערזעלבער מדרגה, ווי די עטישע און די מלוכהשע געזעצן, אויף דער מדרגה פון געטלעכן באַפעל. די יידישע רעליגיע שאַצט נישט אָפּ דעם ווערט פון אירע געזעצן, זי מאַכט נישט לכתחילה קיין אונטערשייד צווישן די רעליגיעזע און די עטישע געזעצן אפילו דורך אַן אויסער-לעכן טערמין, שוין נישט צו רעדן דורך אַן אינערלעכער באַדייטונג און שטעלונג, ווייל זי איז טאַקע נישט קיין לערע פון אידעען, נאָר אַ לערע פון געזעצן. אונזער תורה ווערט באַצייכנט אַלס אַ תורה פון מצוות, חוקים און משפטים (באַפעלן, באַשטימונגען און געזעצן). אפילו דער שפּעטערדיקער העב-רעישער אויסדרוק פאַר אונזער רעליגיע, וואָס איז גענומען געוואָרן פון אַ פרעמדער שפּראַך, איז: דת (געזעץ), „דת משה וישראל" (געזעץ פון משה און ישראל). יוסף אלבו באַנוצט דעם אויסדרוק דת אפילו אין זין פון סאָציאַלער אָרדענונג.

און דערפון נעמט זיך אויך די באַדייטונג פון לערנען תורה אין דער יידישער רעליגיע, וואָס איז איינציק אין איר אַרט. אַלס אַ געזעץ-קאָנסטיטוציע פון צוויי הונדערט אַכט און פערציק מצוות עשה (באַפעלן, וואָס מען מוז טון) און דריי הונדערט פינף און זעכציק מצוות לא תעשה (באַפעלן, וואָס מען טאָר נישט טון), וואָס אַלע צוזאַמען רעגולירן זיי אַלע מעשים פון מענטשן, פאָדערן זיי, מען זאָל זיי שטודירן פלייסיק און טריי.

געוויס איז די עטישע אורקראַפט דער שעפערישער מאָטיוו אין אונזער געזעץ-קאָדעקס; זי איז אָבער איינגעפאַסט אין אים צניעותדיק און ווי ממילא ווירקט זי אין אים אָרגאַניש. דאָסזעלבע איז אויך מיטן געדאַנק פון השארת־הנפש (אומשטערבלעכקייט), וואָס איז, אין קעגנ-זאַץ צום מיטאָס און טאָטעמיזם, מעטאַפיזיש פאַרטונקלט געוואָרן, אָבער נייטש אַרויסגעשטעלט בפירוש אין אַן אידעאָלאָגיע.

און אָט, כל-זמן דער גייסט פון יידישקייט האָט געלעבט אין די פאָרמען פון דת, האָבן מיר אויך אין גלות געהאַט אַ נאַציאָנאַלע און כמעט אפילו אַ פּאָליטישע קאָנסטיטוציע; אַן

אייגענעם געזעץ-קאָדעקס, וואָס האָט אַרומגענומען און אַרומגעגרענעצט אונזער לעבן אין זיין גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט, נאָכמער: געגעבן אים אפילו אַ באַשטימטע געשטאַלט. קוים אָבער איז דער צניעותדיקער גייסט אַרומגעשיילט און אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס אידעע, דאַן האָט דער געדאַנק פון אַסימילאַציע געקאָנט און געמוזט געפינען אַ סאַנקציע אפילו אין יהדות גופא. דער גייסט, וואָס איז אויסגעטון געוואָרן פון אַלע זיינע פאָרמען, האָט אַלס עטיק, אַלס וועלטאַנשויונג אַנטשידן זיך געשטעלט קעגן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון יידישקייט. אַזוי גרויס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אונטערשייד צווישן דעם גייסט אין דת און דעם גייסט אַלס אַבסטראַקטע אידעע, צווישן דער רעליגיעזער שאָלעכץ און דעם עטישן קערן. די שאָלעכץ האָט אַ נאַציאָנאַלע קראַפט, דער קערן — אַן אַנטנאַציאָנאַליזירנדיקן כּוח. די שאָלעכץ האָט נאַציאָנאַלע באַזונדערע פאָרמען, דער קערן, וואָס האָט זיך פון איר אָפּגעריסן, וואַקסט אַריין אין די אַלגעמיין-מענטשלעכע אײנפאָרמיקייט פון די עטישע אידעען.

---

בכן, אַן אַנאַליז פון „רוח-היהדות" ווייזט אַרויס: א) די לעבע-דיקע יידישקייט איז נישט קיין אידעאָלאָגיע, און דעריבער קאָן זי נישט האָבן קיין קריטעריום אין אַ באַשטימטן תּוך פון אידעען; ב) אַלס אידעע האָט די יידישקייט איר יסוד נישט און די אינדיווי-דואַל-עלעמענטן פון געפיל און פאַנטאַזיע, וואָס בילדן די שעפערישע קראַפט פון מיטאָס, נאָר אין די אוניווערסאַל-עלעמענטן פון אַ ראַציאָ-נעלער מאָראַלישקייט, וואָס האָבן רעכט צו גילטן אַלס אַלגעמיין-מענטשלעכע; דעריבער קאָן דידאָזיקע אידעע נישט באַדייטן קיין נאַציאָנאַל קריטעריום, ווייל זי שטרעבט צו זיין ראַציאָנעל-אוניווערסאַל און איז נישט קיין נאַציאָנאַלער דיפערענצירונגס-מאָמענט.

מיר פלעגן זיך אָפט טרייסטן: יידישקייט איז אַן אייביק עטי-שער אידעאַל, וואָס קאָן קיינמאָל נישט אויפהערן — און מיר באַ-

מערקן נישט, אַז דערמיט דריקן מיר אויס דעם טיפסטן יידישן שמערץ: יידישקייט קאָן קיינמאָל נישט אויפהערן, ווייל לויט איר עצם איז זי איבערנאַציאָנאַל, אוניווערסאַל, ד. ה. אַן אַלגעמיין-מענטש-לעכער .קולטוראידעאַל. מיר דערקלערן מיט שטאָלץ: די אידעען פון יידישקייט דרינגען אַלץ מער אַריין אין דער מאָראַלישער קולטור און באַזיגן די מענטשהייט, און מיר באַמערקן נישט, אַז דערמיט זאָגן מיר: די אידעען פון יידישקייט טרעטן אַלץ מער אַרויס פון דער ספערע פון נאַציאָנאַלן און ווערן דאָס אַלגעמיינע פאַרמעגן פון דער מענטש-הייט. יעדער פון דידאָזיקע נצחונות פאַרקלענערט אונזער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן.

דידאָזיקע אידעען זענען, לויט זייער ראַציאָנעל-אוניווערסאַלן מהות, נישט צוגעפאַסט צו דער ערד, פונוואַנען זיי וואַקסן אַרויס, זיי זענען פעאיק „טראַנספּאָרטירט" צו ווערן, און דעריבער טויגן זיי גאַנץ גוט פאַר אַ מיסיע; זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, באַוועגלעכע גיטער, אין קעגנ-זאַץ צו די אינדיווידואַל-עלעמענטן פון מיטאָס און קונסט, וואָס זענען טיף איינגעוואָרצלט אין דער נאַציאָנאַלער פערזענלעכקייט און שטעלן פאָר, אַזוי צו זאָגן, די אומבאַוועגלעכע גיטער פון גייסט. דורך דער דאָ-זיקער פעאיקייט פון די יידישקייט-אידעען, צו ווערן אוניווערסאַל איבערגעטראָגן און זיך פאַרשפּרייטן, דערקלערט זיך דער טיפערער אַסי-מילאַציע-געדאַנק פון אַ יידישער מיסיע.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די מערב-אייראָפּעישע יידן פאָדערן אין נאָמען פון „רוח-היהדות", אין נאָמען פון די אוניווער-סאַלע אידעען פון אונזערע נביאים זיך אָפּצוזאָגן פון יידישן פּאַרטי-קולאַריזם, איך מיין פון אַ בעזונדערער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. בכן זענען זיי — פון רוח היהדות אַרויס — דערגאַנגען צו אַסימילאַציע. אויב די דערהאַלטונג פון יידישקייט איז דאָסזעלבע, ווי די דערהאַל-טונג פון איר מאָראַלישן גייסט, דאַן זענען אפשר גערעכט אונזערע מאָדערנע אַסימילאַציע-ראַבינער, ווען זיי פּרעדיקן: מיר פירן אויס אין גלות אַ הויכע מיסיע פון יידישקייט. מיר זענען געוואָרן די

משגיחים איבער דער וועלט; אונזער גייסט פאַרשפרייט זיך איבער דער מענטשהייט אין אַלע טיילן פון דער ערד; ער וועט זיך דערהאַלטן, אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט; ער ווערט געפלעגט דאַדורך, וואָס ער ווערט דאָס אַלגעמיינע פאַרמעגן פון יעדער קולטור.

אַזוי־אַרום האָט דוד ניימאַרק, אויך אַ פאַרטרעטער פון גייסטיקער יידישקייט, געקאָנט אויפפאַסן דאָס קריטעריום פון „גייסט" אין דעם זין: יידישקייט איז אייביק; יידישקייט איז אַן אידעע, די אידעע פון גוטס. בכן איז פלאַטאָן אויך! אַ ייד... אַזוי ווי די מאַטעמאַטיק באַשטייט נישט אין דער עקזיסטענץ פון די מאַטעמאַטיקער, נאָר אין אירע אייביקע וואָרהייט־באַגריפן — אַזוי איז אויך יידישקייט... און אַן אַנדער שריפטשטעלער האָט פון דער דעפיניציע פון גייסט פון יידישקייט געמוזט ציען דעם קאָנזעקווענטן באַשלוס: נישט קיין קאָנצענטראַציע פון יידן גאַראַנטירט דעם קיום פון יידישקייט, נאָר בלויז די צעשפרייטונג קאָן דערפילן דידאַזיקע אויפגאַבע, ווייל דורך איר ווערט ברוח השגחה עליונה די וועלטאָנשויונג פון יידישקייט פאַרשפרייט אין אַלע לענדער און צווישן אַלע פעלקער.

איז דען נישט באַרעכטיקט די באַהויפטונג, אַז דורכן פאַרלירן פון אונזער מלוכה־וועזן האָט דער גייסט פון יידישקייט בלויז געוואונען אין ווירקלעכקייט, אין פאַרטיפונג און פאַרשטאַרקונג? מיטן פאַרשווינדן פון אונזער מאַכט האָבן מיר אויפריכטיקער געקאָנט פרעדיקן די נישטיקייט פון קראַפט און באַשטעטיקן דאָס נביאישע וואָרט: „לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוחי" (נישט דורך מאַכט און נישט דורך קראַפט, נאָר דורך מיין גייסט). און דעריבער האָט הערמאַן כהן געמעגט זאָגן, אַז דער אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה איז געווען אַ געבענטשט געשעעניש: ערשט דער אונטערגאַנג פון אונזער מלוכה האָט מעגלעך געמאַכט דעם ווייטערדיקן קיום און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונזערע אידעען אין זייער פולווערטיקער וואָרהאַפטיקייט. און אין דעם זין פאַרטייטשן אויך די מערב־אייראָפּעישע ראַבינער דעם שפרוך פון מדרש: „אום תשעה באב איז משיח געבוירן"...

יעדנפאַלס, וואָס עס איז גינסטיק פאַרן גייסט פון יידישקייט אַלס עטיק, איז נאָך נישט גינסטיק פאַר דער נאַציאָנאַלער באַזונדערער אַרט פון יידישקייט. אַזויפיל האָט זיך אין סאָציאַליזם דערהאַלטן פון גייסט פון יידישקייט און אַזוי ווייניק האָט זיך אין אים דערהאַלטן פון נאַציאָנאַלן קיום פון יידישקייט. און צי איז נישט דער סאָציאַליזם גיכער אַ מין עקספּראָפּריאירונג פון גייסט פון יידישקייט? די אידעען פון יידישקייט פאַרשפּרייטן זיך אַלץ מער — געוויס, נאָר צי הייסט עס נישט, ווי געזאָגט, אַז זיי הערן אויף אַלץ מער צו זיין אונזער נאַציאָנאַל-אייגנטום, דאַדורך, וואָס זיי גייען אַריבער צום פאַרמעגן פון דער מענטשהייט?

און דאַן מוזן מיר אין זינען נעמען פאָלגנדיקן כּלל:

דאָס היטן און פּלעגן דעם גייסט פון יידישקייט, דעם מאָנאָטעיזם, דעם מעסיאַניזם, דעם אָפּטימיזם, דעם סאָציאַליזם און אַלע די אידעען, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס יודאַיזם, באַדייט נאָך נישט היטן און פּלעגן אונזער נאַציאָנאַלן קיום; גאַנץ אָפּט איז די טובה פון דעמדאָזיקן „גייסט" די רעה פון אונזער קיום.

4.

נאָר צי דען וויל דער נאַציאָנאַליזם פאַרניינען דעם „רוח-היהדות"? דערדאָזיקער פאָרוואורף וואָלט קיין באַרעכטיקונג נישט געהאַט. ער וויל אים נישט פאַרניינען, ער וויל אים בלויז נישט דערהויבן צו אַ נאַציאָנאַלן קריטעריום. ער וויל, אַז די באַדינגונג צו זיין אַ ייד זאָל זיין נישט אַ סובּיעקטיווער מאָמענט, אַ באַקענטניש, נאָר אַן אָביעקטיווער: לאַנד און שפּראַך. ווייל דאָס זענען די גרונטפאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן.

נאָר אונזער לאַנד איז נישט אונזערס, אונזער שפּראַך איז נישט קיין פאָלקסשפּראַך. געוויס, זיי זענען די באַדינגונגען, וואָס אַ נאַציאָנאַלע פאָדערונג נעמט זיי אויס אַלס תנאי; און נאָר אין א ו י ס נ ע מ ע ן

זיך אַלס תּנאי די צוקונפט, וואָס צו איר שטרעבן מיר און אין פאַרניינען די גלות-קעגנוואַרט, האָבן מיר דאָס רעכט זיך אָנצורופן נאַציע. אָן דער שטרעבונג צו אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט פון אונזער לאַנד און אונזער שפּראַך, אָן דערדאָזיקער קעגנזייטיקער באַציונג, אָן דער אָריענטירונג אין דעמדאָזיקן קיום, וואָס באַדאַרף זיין און וואָס שטעלט נאָך דערוויל נישט פאַר קיין קיום, קאָנען מיר נישט פאָדערן פאַר יידן אין גלות דעם באַגריף פון אַ נאַציע.

אין גלות האָבן מיר אויפגעהערט צו זיין אַ נאַציע — זאָגן די אַסימילאַציע-יידן. און דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום מוז ענטפערן: מיר זענען אַ נאַציע אויך אין גלות, כּל-זמן אונזער ווילן איז אָנגעווענדעט דערויף, מיר זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות; און אונזער לאַנד און שפּראַך זאָלן ווידער אויפלעבן.

אויך אין גלות בילדן מיר אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, אויך אין אַ פרעמדן לאַנד און אין אַ פרעמדער שפּראַך, אויב נאָר מיר לעבן און ווירקן אין גייסט פון יידישקייט, — זאָגט דער גלות-נאַציאָנאַליזם. און דאָס עכטע נאַציאָנאַל-יידנטום מוז ענטפערן: אין אַ פרעמדן לאַנד און אין אַ פּרעמדער שפּראַך איז אונזער עקזיסטענץ קיינמאָל נישט נאַציאָנאַל, אפילו ווען מיר לעבן און ווירקן אין גייסט פון יידישקייט, ד. ה. פון דער יידישער עטיק. אָן דער קעגנזייטיקער באַציונג מיט דער צוקונפט פון נאַציאָנאַלן לאַנד און פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, האָט דער נאַציאָנאַליזם אין גלות קיין זין נישט, און דאַן איז אַסימילאַציע אַ מוטיקע קאָנזעקווענץ.

אונז איז אויך באַקאַנט דער בעסערער סטיל פון אַפּטערנאַציאָנאַליזם, וואָס דערקלערט די פאַרניינונג פון גלות און שטעלט אַרויס די פאָדערונג פון לאַנד און שפּראַך. נישט מער, ער באַגרינדעט עס אויף זיין שטייגער: לאַנד און שפּראַך זענען פאַר אים „בלויז" די נאַציאָנאַלע פאָרמען, דערפאַר איז דער גייסט פון יידישקייט דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט. וואָס פאַר אַ ווערט וואָלטן די פאָרמען געהאַט אָן דעם אינהאַלט? וואָס פאַר אַ זין וואָלט געהאַט אַ מאַרטירעריי פאַר פאָרמען, אויב דאָס וואָלט געשען נישט צוליב דעם גרויסן אינהאַלט, צוליב

דער באַקענטניש, צוליב די אידעען פון יידישקייט? צי לוינט זיך עס צו פירן אַ קאַמף פאַר „פאָרמען, וואָס זענען פון אינהאַלט אויסגעליידיקט געוואָרן?“ אַזוי פרעגט דער גייסטיקער נאַציאָנאַליזם.

כלעבן, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון איבערגעווערטעטן לעבן אין ארץ-ישראל וועט דער נייער דור העלדיש און פריידיק פירן אַ קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע פאָרמען, לאַנד און שפּראַך, נישט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר קיין קרבנות, פונקט ווי אונזערע זיידעס אין גלות האָבן געקעמפט פאַרן אינהאַלט פון יידישקייט. און צי האָבן מיר שוין נישט די ערשטע סימנים דערפאַר, אַז דער נייער דור, וואָס דער אינהאַלט פון יידישקייט, פון זיין רעליגיע און פון די אידעען פון יודאַיזם איז אים כמעט פרעמד, ווייסט פונדעסטוועגן אַרויסצווייזן אַ זין פאַר מאַרטירערײ „בלויז“ צוליב דער פאָרם — צוליב אונזער נאַציאָנאַלער שפּראַך? צי דען איז שפּראַך בלויז אויסערלעכע פאָרם, בלויז אַ כלי, בלויז אויסדרוק? צי ווירקט דען נישט אין איר דער געניוס פון אַ פאָלק, דער פאָלקסגעניוס פון אַלמענטשנטום טיפער און פרוכטבאַרער, ווי אין די אָנזעעוודיקע אינהאַלטן פון אַן אידעאָלאָגישן גייסט? כלעבן, עס שטראָמט אין איר מער אינערלעך לעבן און עס ליגט אין איר באַהאַלטן מער אינהאַלט, ווי אין דעם כלומרשט קאָנקרעטן אינהאַלט, וואָס טראָגט גאַנץ אָפט די סימנים פון אַ נאַציאָנאַלער כלי פאַר זיין היסטאָרישער סטרוקטור.

דאָ זעען מיר אין דעם גרונט-טעות פון דער נאַציאָנאַלער טעאָריע וועגן גייסט פון יידישקייט. זי האָט מיט דער רעליגיע אין געמיינזאַמע מעטאָדע צו אַנערקענען אַן א י נ ה אַ ל ט אַלס אַ קריטעריום פון יידישקייט. נישט מער, וואָס אין עצם פון רעליגיעזן קריטעריום, וואָס פאָדערט אַ באַקענטניש צו אַ באַשטימטן אינהאַלט, איז דידאָזיקע מעטאָדע טיף באַגרינדעט, בשעת אין אַ נאַציאָנאַלן קריטעריום שטעלט זי פאַר אַן אינערלעכע סתירה. דער אינהאַלט פון אַ לערע, אַ רעליגיעזע באַקענטניש, אַ וועלטאַנשויונג, אַ באַשטימטער אידעען-קאָמפּלעקס קאָן קיינמאָל נישט בילדן קיין נאַציאָנאַלן דיפערענצירונגס-מאָמענט; נאָר די פאָרם איז אימשטאַנד אַזאַ מאָמענט צו בילדן. און

דער אַבסטראַקטער אינהאַלט פון יידישקייט אַלס עסיציזם קאָן אחדאי און אוודאי נישט בילדן קיין נאַציאָנאַלן מאָמענט. זעען מיר דאָך, אַז לויט זיין מהות מוז ער זיך אַריינגיסן אין אוניוועריסאַליזם. לויט זיין נאַטור איז ער אַנאַציאָנאַל און אפילו אַנטינאַציאָנאַל. האָבן מיר דאָך שוין איינגעזען: די דערהאַלטונג פון עטישן אינהאַלט פון יידישקייט קאָן מען בשום אופן נישט רעכענען פאַר איינס און דאָסזעלבע, ווי די נאַציאָנאַלע דערהאַלטונג פון יידישקייט. דערדאָזיקער אינהאַלט ווערט דערהאַלטן אויך אַחוץ דער נאַציאָנאַלער גרענעץ פון אונזער עקזיסטענץ, נעמלעך, אין דער פאָרם פון דער אַלגעמיין מענטשלעכער מאָראַלישער אָרדענונג, פון סאָציאַליזם און פון די פיל קולטור-אינסטיטוציעס, וואָס פאַרווירקלעכן דעם גייסט פון יידישקייט. אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער דערהאַלטונג פון אינהאַלט פון דער יידישער תּורה, אַזוי ווערט, צום ביישפּיל, די סאָציאַליסטישע אידעע פון שבת— דערהאַלטן אין דער קריסטלעכער זונטיק-רו; אָבער די נאַציאָנאַל-היסטאָרישע פ אָ ר ם פון דערדאָזיקער יידישער אינסטיטוציע ווערט דאַדורך פאַרניכטעט.

---

אינהאַלטן זענען לויט זייער עצם נישט נאַציאָנאַל, זיי זענען אַנאַציאָנאַל; אפילו אויב זייער אָנפאַנג איז נאַציאָנאַל, שטרעבן זיי דאָך צו אוניוועריסאַליטעט, ווייל זיי שטרעבן צו ווערן גילטיק פאַר אַלעמען. אַזוי איז עס מיט די אינהאַלטן פון די רעליגיעזע און עטישע תּורות. דעריבער בילדן גלויבן און מאָראַל די-יעניקע היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס ברעכן דורך די נאַציאָנאַלע מחיצות און פאַרייניקן די פאַרשיידנ-סטע פעלקער אין נאָמען פון אַ לערע-אינהאַלט; זיי זענען די אַנטי-נאַציאָנאַלע טענדענצן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אַ פרעמדער אינהאַלט קאָן גאַנץ אָפט איינגעבירגערט ווערן אין יידנטום און באַקומען „נאַציאָנאַלע קדושה” דורך אַרויפלייגן אויף אים דעם שטעמפּל פון אַ יידישער פאָרם. אָבער אַ פרעמדע פאָרם קאָן

קיינמאָל נישט ווערן יידיש און אַריבערגיין אין אונזער נאַציאָנאַל-פאַר־מעגן דורך אַ יידישן אינהאַלט; גיכער וועט זי דעם אינהאַלט עקספּראָ־פּריאירן און אים דערוועדבן פאַר אירע נאַציאָנאַלע געביטן. דער בעסטער נאַציאָנאַלער סימן פון אַלע ווערטן איז די פאָרם.

דעריבער טאַקע מוזן אונזערע צייטונגען אין נישט-יידישע שפּראַכן זיך באַשעפטיקן אויסשליסלעך מיט יידישן אינהאַלט, דאַקעגן אונזערע צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך זענען שטענדיק יידיש, אפילו בשעת זיי באַהאַנדלען דורכאויס נישט-יידישע אינהאַלטן; זיי פירן זיי דאַדורך אַריין אין יידישן ליטעראַרישן אוצר.

גלויבנדיק, אַז ער וועט קאָנען אָפּהיטן און אפילו אַנטוויקלען דעם גייסט פון יידישקייט אין אַ פרעמדן לבוש, האָט פ י ל אָ ן גע־וואָלט באַקליידן דעם יידישן אינהאַלט מיט אַ העלעניסטישער פאָרם. עס איז אים געגאַנגען וועגן דעם אינהאַלט, און צוליב אים האָט ער מיט ליבע און יראת-הכבוד זיך גענומען צו זיין שווערער אַרבעט. אָבער די פאָרם האָט געזיגט איבערן אינהאַלט. פילאָנס ווערק האָט געקאָנט געפינען אַ דויערהאַפטן ווירקונגספּלאַץ נאָר מחוץ די גרענעצן פון יידישקייט. ווייטער האָבן מיר אַ היסטאָרישן ביישפּיל פון דער אויבער־מאַכט פון דער פאָרם אין דער אַראַביש-יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אויף יידישקייט נאָר אַזויפיל געהאַט אַ שעפערישע השפעה, אויף וויפל זי איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיש. אויך אונזער נייע ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין פרעמדע שפּראַכן, קאָן נישט באַ־טראַכט ווערן אַלס אונזער נאַציאָנאַל-אייגנטום און מוז פריער אויסגע־לייזט ווערן פון שפּראַכן-גלות, כדי צו ווערן אַ טייל פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף אפשר אַרויסגעזאָגט ווערן די השערה, אַז אַ דייטשער דיאַלעקט וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט ווערן קיין יידיש, ווען ער וואָלט נישט גענומען די אויסערלעכע פאָרם פון דער יידישער שפּראַך: דעם כאַראַקטער פון די העברעישע אותיות.

נאָר פאָרמען קאָנען בילדן אַ נאַציאָנאַלן קריטעריום. מיר קאָנען אויסמעסטן דעם מרחק צווישן דעם קריטעריום פון אינהאַלט און דעם קריטעריום פון פאָרם. לויט די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטרעמונגען אין מאָדערנעם יידנטום: פון איין זייט די אַסימילאַציע-פּרעדיקער, וואָס ווערן נישט מיד צו לויבן דעם „עצם פון יידישקייט“ און דעם „רוח-היהדות“; פון דער אַנדערער זייט — די פאָרקעמפער פון אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, די שעפער פון דער ניי-העברעישער ליטעראַטור (צ. ב. ש. בערדיטשעווסקי, טשערניכאָווסקי א. א.), וואָס טרעטן אַרויס קעגן די יסודות פון יהדות. ווער פון די ביידע גרופּעס שאַפט נאַציאָנאַלע ווערטן? דער ענטפער איז קלאָר.

עס איז בלויז נאַטירלעך, וואָס דער כלומרשטער נאַציאָנאַליזם איז אַזוי שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם טעריטאָריאַל-געדאַנק פון מאָדערנעם ציוניזם. דער ציוניזם באַדייט אין זיין טיפסטן יסוד דאָס אויסשליסן דעם אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן קריטעריום — צו באַטאָנען: קריטעריום —, וואָס לאָזט זיך באַשטימען בלויז פון פאָרמען, ווי דערהויפּט לאַנד און שפּראַך. דעריבער שטעלט פאָר דער ציוניזם די שטרענגסטע קאָנזעקווענץ פון דער נאַציאָנאַלער דערקענטניש. ער איז די סעקולאַריזירונג פון כלל-ישראל. ער באַדייט אַ נייע עפּאָכע אַלס יסוד פון אַ נייעם קריטעריום פון יידישקייט.

## קאַפּיטל צוויי

# די פראַגע וועגן דעם קיום פון דער מאָדערנער יידישקייט.

דער גלויבן אין דער אוממעגלעכקייט פון דער יידישער אַסימילירונג. — די דערפאָלגן פון דער אַסימילאַציע. — יידיש באַוואוסטזיין און יידיש לעבן. — דער צוואַנג־כאַראַקטער פון דער אַסימילאַציע. — דאָס רעטעניש פון דער דויערהאַפטיקייט פון יידישקייט. — די באַוועגלעכע מלוכה. — רעליגיעז־נאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע פאָרמען. — הלכה און אגדה. — דער נאַציאָנאַלער אינסטרומענט פון דער תורה שבעל־פה. — די דאָפּלטע פונקציע פון רבניזם. — די פאָרמקראַפט פון דער יידישער רעליגיע. — מזרח־יידישקייט און מערב־יידישקייט. — די אַמעריקאַנישע יידישקייט. — די פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אָפּשוואַכונג פון נאַציאָנאַלן לעבן. — אַן אינהאַלט אַלס עקזיסטענץ־גרונט. — וואָס קומט אַרויס, ווען די רעליגיעזע פאָרמען האָבן זייער ווערט פאַרלוירן. — קעגנזייטיקע באַציונג צווישן רעליגיע און דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג אין אַ פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער ריכטונג. — יידישער אָפּטימיזם אַלס דערהאַלטונגס־פאַקטאָר. — דער ווידערשטאַנד פון די פעלקער קעגן דער יידישער אַסימילאַציע. — די נעגאַטיווע פאַקטאָרן פון דער דערהאַלטונג. — אַ קולטורעלע שטערונג פאַר דער אַסימילאַציע. — דער רעזולטאַט.

## I.

איין טעאָריע זאָגט:

עס איז אויסגעשלאָסן, אַז דער יידישער כּלל זאָל אינגאַנצן קאָנען אויפהערן צו עקזיסטירן. די פּראָבעס פון אַסימילאַציע דאַרף מען באַטראַכטן אַלס נישט געלונגענע; זיי זענען נישט אימשטאַנד געווען אָפּצומעקן אונזער נאַציאָנאַלן שטעמפּל און אפילו נישט צו מילדערן די יידישע פראַגע. וועגן לעזן זי איז אוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן. מיר קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס אַ מינדערהייט, וואָס איז, פון שטאַנד-פּונקט פון כּמות, אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון צאָל און מאַסע, נאָר מיר מוזן באַטראַכט ווערן אַלס אַן אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קוואַליטעט, וואָס באַזיצט יענע מערקווירדיקע אייגנשאַפט, וועלכע קען קיינמאָל און אין ערגעץ נישט אָפּגעמעקט ווערן.

דערדאָזיקער גלויבן, אַז אַ פולשטענדיקע אַסימילאַציע פון יידן איז אוממעגלעך, איז דורך דער ציוניסטישער לערע דערהויבן געוואָרן צו אַן אומדערשיטערלעכן דאָגמאַט. ער האָט געזוכט און טאַקע באַלד געפונען אַ שטיצפּונקט אין דער נאָך זייער וואַקלדיקער ראַסן-טעאָריע, וואָס כאָטש זי איז נאָך אַליין אַ גאַנץ שוואַכע היפּאָטעזע, האָט דאָך דער ציוניזם מיט נאַיווער באַגייסטערונג זי אויפגעכאַפּט און אַוועקגע-שטעלט אַלס אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד.

אַ צווייטע טעאָריע זאָגט:

ארץ-ישראל קען נישט לעזן די פראַגע פון דער יידישער נויט, נאָר בלויז די פראַגע פון דער י י ד י ש ק י י ט - נ ו י ט. אַ יידישע באַ-זעצונג אין ארץ-ישראל וועט נישט אָפּשאַפן דעם גלות, וועט נישט ברענגען צו אַ קיבוץ-גליות, נאָר וועט בלויז שאַפן אַ היים פאַר יידי-שער קולטור, וועט מעגלעך מאַכן אַ נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אונזערע נאַ-ציאָנאַלע ווערטן אויף אונזער היסטאָרישער מאַמע-ערד: ז י  ו ו ע ט  א ו י פ-ב ו י ע ן  אַ  ג ײ ס ט י ק ן  צ ע נ ט ע ר (אַ מרכּז-רוחני). פון דעם-דאָזיקן צענטער. וואָס וועט אויפלייכטן אַזוי ווי די זון פון פאָלק און

וועט זיין דער מיטלפונקט פון אַלע זיינע שעפערישע קרעפטן, וועלן אַרויספליסן שטראַלן פון די ווייטסטע מקומות פון גאַנצן כלל-ישראל אין די גלות-לענדער; דידאָזיקע שטראַלן וועלן זיי שענקען ליכט און וואַרעמקייט און דערמיט וועלן זיי באַפרוכפערן און אַנטוויקלען די יידישקייט אומעטום. דער קליינער טעמפל פון אונזער נאַציאָנאַלן בית-המקדש אין ארץ ישראל וועט אויך שיצן די גרויסע מאַסן אין די גלות-לענדער, זיי זאָלן נישטאויפהערן צו זיין יידן. די צעשפרייטע גלידער פון פאָלק וועלן זיך זאַמלען אַרום דעם גייסטיקן צענטער, אַרום הארץ פון פאָלק, פונוואַנען זיי וועלן באַקומען ניי לעבן, ווי נאָר זיי וועלן נאָך פונדערווייטנס דערהערן דאָס קלאַפּן פון דעמדאזיקן האַרץ. די גייסטיקע קאָנצענטרירונג וועט גובר זיין די צעשפרייטונג אין שטח.

דערדאָזיקער אופן פון שטעלן און לעזן דאָס פּראָבלעם פון קולטור-ציוניזם איז פאַרבונדן מיט אַ באַזונדערן חשק צו באַטאָנען אַ גייסטיקע יידישקייט, ווי אויך מיט אַ באַזונדערער נייגונג צו דעפיניציעס, וואָס דערגרונטעווען יידישקייט אַלס אַ תוך פון אַ לערע און באַשטימען עס דורך אידעאָלאָגיעס. אין אַזאַ צוזאַמענהאַנג באַקומט דער גייסטיקער צענטער אַ פונקציע, וואָס איז אים פאָרויס אָנגעצייכנט געוואָרן אין אַ ריכטונג, וועלכע נעמט זיך פון אַ באַשטימטן ציל און שטרעבט צו אַ באַשטימטן ציל. דידאָזיקע פונקציע באַשטייט אין דערהאַלטן און אַנטוויקלען די יידישקייט אין גייסט פון איר טראַדיציאָנעלער תורה, פון אירע מאָראַלישע אידעען, אָדער, ווי מען רופט עס, פון איר נאַציאָנאַלער עטיק, פון דער ספּעציפיש יידישער וועלט-אָנשויונג.

אין אַ ענלעכן געדאַנקענגאַנג באַוועגט זיך אויך דער מאָדערנער גלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק באַזיצט אַ וואונדערבאַרע לעבנסקראַפט. אויב די רעליגיעזע יידישקייט איז, אַ דאַנק דעם טיפזיניקן גלויבן אין דער אייביקייט פון דער תורה (נצחיות התורה), איבערצייגט אין דער אומשטערבלעכקייט פון פאָלק ישראל, האָבן אָבער אויך די פאַרטיידיקער פון גייסטיקער יידישקייט דיזעלבע איבערצייגונג, אַ דאַנק

דעם גלויבן אין דער אייביקייט פון דער יידישער עטיק. ווי די אַסימילאַטאָרישע, אַזוי אויך די נאַציאָנאַלע ראשי-המדברים פון יידישן עטיציזם אַנערקענען דעם שפּרוך פון אונזערע חכמים: „ישראל קאָן קיינמאָל נישט אונטערגיין”.

דידאַזיקע טעאָריעס מוזן אָפּגעוואָרפן ווערן דורך דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס איז רייף געוואָרן אין טעריטאָריאַל-געדאַנק, דאָס הייסט דורכן ציוניזם. דער גלויבן, וואָס דידאָזיקע טעאָריעס פאַרטרעטן, מוז דורכן ציוניזם אַנערקענט ווערן אַלס פאַטאַל פאַר אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

2.

אַ פולשטענדיקע אַסימילירונג איז יאָ מעגלעך.

די אַסימילאַציע פאַרשפּרייט זיך און פאַרטיפט זיך אַלץ מער און מער. אמת, זי איז נאָך נישט דערגאַנגען אַזוי ווייט, ביז אויסצולעשן אינגאַנצן די יידישע אומה און צו באַזייטיקן פון דער וועלט די יידישע פראַגע, אָבער דערמיט איז נאָך נישט דערוויזן געוואָרן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט דערגיין אַזוי ווייט. זי שטייט נאָך דערווייל אין אָנהויב פון איר אַנטוויקלונג און קאָן זיך שוין באַרימען מיט באַדייטנדיקע דערפאָלגן. אין דער קורצער צייט, וואָס זי ווירקט, איז אונזער נאַציאָנאַלער באַזיץ שטאַרק פאַרשמעלערט געוואָרן; דער פּראָצעס פון אַנטנאַציאָנאַליזירונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט איין יאָר-הונדערט צוריק, האָט שוין פאַרקריפּלט, דעגענערירט פיל און וויכטיקע גלידער פון אונזער פאָלקסקערפּער, און איצט לאָזן זיך שוין שפּירן די סימנים פון זייער פאַרפוילטקייט. מיט וואָס פאַר אַ רעכט מעגן מיר באַצייכענען די אַסימילאַציע פאַר נישט געלונגען? די אַסימילאַציע איז איצט אונטערוועגס. זי האָט ערשט נאָר וואָס אָנגעהויבן אַ פוס צו שטעלן, און מען מוז מודה זיין: זי איז אין אַ שנעלן טעמפּאָ שוין דורכגעגאַנגען אַ גרויס שטיק וועג—אַוועקגייענדיק

פון יידישקייט. און די ערשטע,—אמת, די לייכטערע העלפט פון איר אויפגאַבע — דאָס אויסוואָרצלען זיך — גען טיט דערשטוינלעכער געשיקטקייט. און ווער קאָן אָפלייקענען דעם פאַקט, אַז אויך די צווייטע העלפט פון איר אויפגאַבע — דאָס איינוואָרצלען זיך — האָט שוין געמאַכט אַ התחלה, וואָס גיט איר זייער גוטע האָפנונגען?

אונזער צוויי-טויזנטיעריקער קיום אין גלות קאָן זיכער נישט דינען אַלס באַווייז דערפאַר, אַז אונזער אַסימילירונג איז פשוט נישט מעגלעך. די קראַפט פון די רעליגיעזע לעבנספאָרמען, וואָס האָבן דערהאַלטן אונזער פאָלקסטום אין שטרענגער אָפגעשלאָסנקייט, איז אַנטרונען געוואָרן פון אונז, און ס׳איז נישטאָ מער קיין פעסטע שיידוואַנט, כדי ווידער אויפצובויען אַ געטאָ און צו זיכערן אין גלות אַ נאַציאָנאַל-אָפגעזונדערט לעבן.

אָבער דער גייסט פון יידישקייט, דער גייסט פון אונזער אום-שטערבלעכער עטיק, יענער אייביקער קערן, וואָס נאָכן אָפוואַרפן די רעליגיעזע שאָלעכץ באַקומט ער בלויז נאָכמער פעסטקייט און ווירקלעכ-קייט — צי גיט ער נישט קיין גאַראַנטיע פאַרן קיום פון יידישן פאָלק?

ניין. פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט האָט די שאָלעכץ מער ווערט, ווי דער קערן. אין נאַציאָנאַלן זין איז די שאָלעכץ מער פעאיק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, ווי דער קערן. פאַראַן אַ נאַציאָנאַלער אַנ-האַלט אין אונזערע רעליגיע-געזעצן; נישטאָ אָבער קיין נאַציאָנאַלער אָנהאַלט אין אַ אידעאָלאָגיע און בפרט נאָך אין אַ עטישער לערע. אונזער רעליגיע-קאָדעקס איז רייך מיט נאַציאָנאַלע שיידווענט, מיט גדרים און סייגים (פאַרקאָנעס און צוימען), וואָס גרענעצן אָפ פון אַלע זייטן אונזער אייגנאַרטיק לעבן אַרום און אַרום. דער גייסט פון יידיש-קייט האָט עס נישט. די יידישקייט, וואָס איז געבונדן מיט מצוות, האָט נאַציאָנאַלע שמאָלקייט, דער קערן, וואָס האָט זיך פון די מצוות באַפרייט, האָט קאָסמאָפּאָליטישע ברייטקייט. אפשר גאַראַנטירט די מאָראַלישע קראַפט פון יידישקייט איר דערהאַלטונג אין די וועלט-

ספערן פון אירע אידעען. אָבער אין דידאַקטישע ספערן וועט די יידישקייט נישט בלייבן אַלס נאַציאָנאַלע מלוכה. אַ דאַנק דערדאָזיקער מאָראַלישער קראַפט קאָן זיך די יידישקייט פארשפרייטן, אָבער נישט קאָנצענטרירן; זי קאָן ווערן אַ מיטגליד אין בונד פון דער מענטשהייט, אבער דאַן האָט זי נישט מיט וואָס צו בלייבן אָפגעזונדערט פון דער מענטשהייט; זי קאָן ווייטער עקזיסטירן אַלס עטיציזם, אָבער נישט אַלס עטאַט, מעטאָדאָלאָגיש גערעדט: אַלס אינהאַלט, אָבער נישט אַלס פאָרם.

וויבאַלד דער אַנאַליז פון גייסטיקער יידישקייט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן אין ערשטן קאַפיטל, האָט אונז געגעבן דעם רעזולטאַט, אַז דער עטישער תּוך פון יידישקייט קען נישט זיין קיין נאַציאָנאַל קריטעריום, אַזוי ווערט דאָך גלייכצייטיק דערמיט געזאָגט, אַז ער אַנטהאַלט נישט אין זיך קיין נאַציאָנאַלע גאַראַנטיע. ווייסן מיר דאָך שוין: דערהאַלטן און אַנטוויקלען יידישקייט הייסט נישט דערהאַלטן און אַנטוויקלען אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ; גאַנץ אָפט איז די טובה פון דער יידישער וועלטאָנשויונג די רעה פון נאַציאָנאַלן טרעגער. און אויך ווייסן מיר שוין: דער „רוח-היהדות" האָט די אַסימילאַציע סאַנקציאָנירט. פאַר אים, פאַרן „רוח-היהדות", האָט זיך אַנטפלעקט די גאַנצע מענטשהייט, אומגעטיילט און אָן אַ ברעג, די גאַנצע ערד האָט זיך פאַר אים געעפנט, און ער גלויבט באמונה שלמה, אַז ער האָט זיך ענדלעך דערטראַכט, אין וואָס עס באַשטייט זיין אינערלעכער באַרוף, און אַז ער וועט טריי דערפילן זיין וועלט-היסטאָרישע אויפגאַבע דורכדעם, וואָס ער וועט אין נאָמען פון די נביאים מוותּר זיין אויפן „פאַרטיקולאַריזם" און וועט אַלס וועלטגייסט מוחל זיין אַלע אַטריבוטן פון אַ פאָלק. הייסט עס, אַז דער „רוח-היהדות" קאָן אונזער נאַציאָנאַלן קיום נישט גאַראַנטירן. אין בעסטן פאַל קען ער דערהאַלטן אַ יידיש ב אַ ו א ו ס ט ז יי ן — אַ סוביעקטיווע יידישקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ באַקענטניש פון בלויזע ווערטער און נישט מער, אַן איינגערעדטע יידישקייט, וואָס ליגט זיך גאַנץ געשמאַק אויסגעבעט אין אַ נישט-יידישערווירקלעכקייט און וויל זיך נישט אָפזאָגן אפילו פון דער באַקוועמלעכקייט צו באַרואיקן איר

נאַציאָנאַלן געוויסן מיט דער פיקציע פון אַ כלומרשסער עקזיסטענץ. אַזאַ מין יידיש באַוואוסטזיין קאָן דער „רוח־היהדות" דערהאַלטן, אָבער קיין יידישע עקזיסטענץ נישט.

„יידן קענען קיינמאָל נישט אונטערגיין!" — נאָר דער רעליגיעזער ייד און דער אַסימילאַטאָרישער יודאַיסט מעגן אַרויסזאָגן אַזאַ זיכערקייט. פאַרן רעליגיעזן יידן איז דאָס אַן „אני־מאמין". פאַרן אַסימילאַטאָרישן יודאַיסט באַדייט נישט דער אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק דעם אונטערגאַנג פון יידן, נאָר אַ ווייטערע אַנטוויקלונג און אפילו אַ פאַרשטאַרקונג פון יידן, ווייל דורכדעם ווערט דער יודאַיזם געלייטערט און פאַרשפרייט. דורך צעבּרעקלען דעם יידישן כלל האָפט דער אַסימילאַטאָרישער יודאַיסט צו דערהאַלטן די יידישקייט. פאַר אים הייסט עס דעריבער, אַז יידן קאָנען נישט אונטערגיין, ווייל טאַקע דורכדעם, וואָס יידן וועלן אויפהערן צו זיין, וועלן זיי פאָרטזעצן זייער קיום.

דאַקעגן מוז דער נאַציאָנאַלער ייד זאָגן: אפשר וועט די אידעע פון יידישקייט אייביק האָבן אַ קיום אין די ספערן פון אַבּסטראַקטע אידעען, אַלס עלאַסטישער באַגריף, וואָס איז אַזוי ווי קויטשוק פעאיק זיך צו אַלץ צוצופּאַסן, אַלס אַ לופט־יידישקייט, וואָס האָט נישט קיין באָדן אונטער די פיס און איז דעריבער אוניווערסאַל; אפשר איז אונזער גייסט אויך גענוג שטאַרק, כדי זיך צו ווערן און צו פאַרטיידיקן קעגן יעדן אַנדערן נאַציאָנאַל־גייסט פון די הערשנדיקע פעלקער; אפשר איז ער נאָך אפילו אַזויפיל מעכטיק, אַז ער וועט זיך קענען דערהויבן איבּער די נאַציאָנאַלע גרענעצן, כדי איינצונעמען די וועלט און אַרומצובלאָנדזשען צווישן די מענטשן אַלס „נאַקעטע נשמה" פון אַ וואונדערלעכן וועלט־פאָלק, וואָס ווירקט אומעטום גייסטיק און איז אין ערגעץ נישט קענטיק, וואַרפט אָן אומעטום אַן אימה, ווייל ער איז אין ערגעץ נישט היימיש; אפשר האָט נאָך אויך זיין וואָרצל גענוג קראַפט, כדי זיך צו אַנטוויקלען אין נייע שפּונגען און צו פאַרברייטערן און באַלויכטן זיין האָריזאָנט אין אַ מאָדערן־רעליגיעזער נייער אויפלעבונג — אָבער ביי דעם אַלעם קענען יידן דאָך אונטערגיין.

## 3.

דאָס איז אָבער נאָך ווייניק. די אַסימילירונג פון יידישן כּלל אין גלות איז נישט נאָר מעגלעך, נאָר כּמעט אפילו אומפאַרמיידלעך.

אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט און צעטיילט צווישן פיל פעלקער און אין פיל לענדער, מוז פריער אָדער שפּעטער דורך זיי איינגעשלונגען ווערן. מען קאָן דעם גאַנג פון אַסימילאַציע איינטאַמעוען און פאַרלאַנגזאַמערן, אָבער אָפּשטעלן אים אינגאַנצן קאָן מען נישט. מען קאָן דעם לעצטן רעזולטאַט אָפּשלעפּן, אָבער מען קען אים נישט אויסמיידן אינגאַנצן. מען קען אויך דערהאַלטן אַ נאַציאָנאַל לעבן דורך קינסטלעכע מיטלען, פּונקט ווי דורך קינסטלעכע אָטעם-אָרגאַנען. אָבער אַזאַ מין אָנגעשטרענגטע דערהאַלטונג ווייזט זיך גאַנץ שנעל אַרויס פאַר אַן אומנוצלעכע פאַרשווענדונג פון די פאָלקסקרעפטן. אַן אייביק-דויערנדיקער ווידערשטאַנד קעגן דער פרעמדער סביבה, אַ אומאויפהערלעכער קאַמף קעגן דער פרעמדער ווירקלעכקייט איז נישט מעגלעך. די אָנשטרענגונג פונם פאָלקסווילן צו געבן סוראָגאַטן אָנשטאָט די פעלנדיקע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, איז באַרעכטיקט נאָר אַלס איבערגאַנג-צושטאַנד, בשעת מען האָט די האָפענונג צוריק אויפצושטעלן די נאַציאָנאַלע פאָרם; בלייבט זי אָבער אַלס לעבנס-באַדינגונג, געפינט זיך שוין אין דערדאָזיקער באַדינגונג גופא דער טויטאורטייל. וואָס ס׳איז געקינסטלט, מוז עס סוף-כּל-סוף מאַכן מיד, אויב עס דויערט צו לאַנג; אַ צופיל אָנגעצויגענער פאַסעק מוז סוף-כּל-סוף פּלאַצן. וואָס עס ווערט געמאַכט צו בכיוונדיק, צו קאָמבינירט, גענוי אַזוי ווי מען האָט געוואָלט, קען עס אפשר באַפרידיקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, אָבער עס איז נישט אימשטאַנד צו שאַפן עכטע ווערטן פון אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. עס פעלט דערין דאָס עלעמענטאַרע, דאָס אוממיטלבאַרע און אומדערוואוסטע. דאָס איז אַ וואונטש, וואָס מוז זיך שטענדיק אָנשלאָגן אָן דער ווירקלעכקייט, וואָס שטאַרקט זיך כּסדר, און דעריבער מוז ער אָן דערדאָזיקער

ווירקלעכקייט צעקלאַפּט ווערן; דאָס איז אַ אויפֿרייצנדיקע פּליכט, וואָס סוף־כּל־סוף מוז מען זי דערשפּירן אַלס יאָך און דאַן זי פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן. געוויס איז עס אַ פֿאָדערונג פֿון לעבן, פֿון נאַציאָנאַלן אינסטינקט פֿון זעלבסטדערהאַלטונג, זי מוז אָבער ביסלעכווייז פֿאַרלירן איר קראַפֿט און פֿאַרקלענערט ווערן ביז צו אַ גוטן און פֿרומען וואונטש, וואָס ווירקט שוין בלויז מיטן כּוח פֿון אינערציע און שטייט אין ווידערשפּרוך מיט די פֿאָדערונגען פֿון ווירקלעכן לעבן, פֿון אינדיווידועלן אינסטינקט פֿון זעלבסטדערהאַלטונג. וואו נישט וואו קען נאָך אַמאָל אַ גרויסע פּערזענלעכקייט געלינגען זיך אַרויסצורייסן פֿון די איינפֿלוסן פֿון דער סביבה און, זייענדיק שטרענג אָפּגעזונדערט פֿון דער אויסערלעכער וועלט, שעפּן פֿון די קוואַלן פֿון געפֿאַלענעם פֿאָלקסגעניוס; עס קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז אַ געוויסע גרופּע אויסדערוויילטע פֿון פֿאָלק, וואָס איז אידעאַליסטיש געשטימט און באַזיצט אַ שטאַרקן ווילן, זאָל זיך דערלויבן צו שטעלן די לוקסוס־אויפֿגאַבע, צו היטן אונטערערדיש אָדער איבערערדיש די גיטער פֿון פֿאָלק און צו פֿלעגן נאַציאָנאַלע קולטור, אַזוי ווי מען פֿלעגט מערקווירדיקע געוויקסן אין אַ ספּעציעלער אָראַנזשעריע. אָבער דאָס פֿאָלק אַלס גאַנצעס איז אונטערטעניק די געזעצן פֿון צאָל און כּמות און קאָן נישט פֿאַרבלייבן אין אַ שטענדיקער אָפּאָזיציע צו דער געוועלדיקער מערהייט און אין אַ שטענדיקן ווערן זיך קעגן דער ווירקלעכקייט. אין אַזאַ מין אָפּגעזונדערטקייט מוז דאָס פֿאָלק פֿאַראָרעמט ווערן, און ערשט דאַן, זייענדיק אויסגעשעפּט און פֿאַרקבצנט, מוז עס שוין טאַקע באמת פֿאַרשווינדן אין דער פֿרעמדער נאַציע; ווייל פֿריער, ווען דאָס פֿאָלק האָט נאָך פֿאַרמאָגט זיינע נאַציאָנאַלע קולטורווערטן און אַ דעה אין דער וועלט, האָט עס נאָך געהאַט כּוחות נישט צו פֿאָלגן דער פֿרעמדער נאַציע און זיך אָפּצוזאָגן פֿון צו ווערן איין כּלל מיט איר, — איצט וועט עס שוין די קראַפֿט אויך נישט האָבן. אין אַזאַ פֿאָרם אָדער אין אַן אַנדערער, צי אַלס באַרייטווילליקע באַטייליקונג אָדער אַלס פֿאַרניכטנדיקע עלנטקייט, איז די פֿולשטענדיקע אַסימילאַציע אומפֿאַרמיידלעך.

נאָר צי האָבן מיר נישט אויסגעהאַלטן · כמעט צוויי טויזנט יאָר אין גלות, טאָ פאַרוואָס זאָל עס נישט מעגלעך זיין אויך ווייטער ? צי האָבן מיר נישט געשאַפן נאַציאָנאַלע ווערטן אויף פרעמדער ערד, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר איצט שוין מער דאָס נישט קאָנען ? איז דאָך די יידישע ווירקלעכקייט איינגעוואָרצלט אין גלות און נישט אין ארץ-ישראל, טאָ פאַרוואָס זאָלן דידאָזיקע טיפע וואָרצלען פלוצלונג פאַרדאַרט ווערן ? אין גלות איז דאָס יידישע פאָלק אויסגעשטאַנען די שרעקלעכסטע נסיונות און איבערגעלעבט די שווערסטע קריזיסן — טאָ ווי קאָן מען עס זאָגן, אַז דער יידישער כלל אין גלות, וואָס שטעלט פאָר כמעט דעם גאַנצן יידישן כלל, איז פאַראורטיילט אונטער-צוגיין. אַזוי טרייסט מען זיך אומעטום. אַזוי ווערט געפּריידיקט די אמונה אין אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט פון גלות.

דידאָזיקע אַרגומענטאַציע האָבן מיר שוין גענומען אין אַכט און בקיצור געגעבן אָנצוהערן די תשובה אויף די שאלות, נאָך איידער זיי זענען געמאַכט געוואָרן. דאָ אָבער מוזן מיר דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט גענויער באַטראַכטן און באַלויכטן.

די דערמאָנטע אַרגומענטאַציע באַשטייט פון אַ ריי פראַגן, וואָס מוזן ממילא פירן צו זייער אַ גינסטיקן רעזולטאַט. עס ווערט אָבער בכיוון דורכגעלאָזט צווישן די געשטעלטע פראַגן איין פשוטע פראַגע: צי די כוחות, וואָס זיי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונזער אייגנאַרטיקע עקזיסטענץ אַלס פאָלק אָן אַ לאַנד, עקזיסטירן נאָך איצט און צי קענען זיי נאָך לאַנג עקזיסטירן ?

וואָס זענען דאָס פאַר אַ כוחות ?

אפשר דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג ? דערדאָזיקער אינסטינקט האָט נאָך קיינמאָל נישט אויפגעטון די עובדה צו דערהאַלטן אַלס איינהייט אין פאַרלויף פון צוויי טויזנט יאָר אַ פאָלק, וואָס איז צעברעקלט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. צי דען איז דערדאָזיקער אינסטינקט אימשטאַנד געווען צו פאַרהיטן אונזער נאַ-ציאָנאַלע שפּראַך פון אונטערגאַנג ? צי האָט ער שוין לאַנג נישט דער-וויזן פונקט דעם היפוך, אז ער איז מערקווירדיק אומפעאיק צו שפירן

די חרפּה, וואָס דאָס יידישע פאָלק לעבט אין די „שפראַכן פון די גויים”? דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג ווערט אָפּגעטעמפּט אין קאַמף מיטן פרעמדן אָרגאַניזם און ער פאַרלירט באַלד זיין פרימיטיווע נאַטירלעכקייט; ער פאַרלירט אויך די קראַפט פונם נאַציאָנאַל-אומדערוואוסטן און לאָזט איבער בלויז אַן אידעאַלן ווילן, וואָס קאָן נאָך ווינציקער זיך אַנטקעגנשטעלן דער ביני-לביני אומדערוואוסט געוואָרענער אַסימילאַציע און קאָן העכסטנס דערגרייכן אַ „מיתה יפה”, אַ שיינעם טויט.

אונזער רעליגיע — אָט דאָס איז עס, וואו מען דאַרף זוכן דאָס רעטעניש פון אונזער עקזיסטענץ אין גלות. זי איז עס די קראַפט, וואָס האָט אונז פון אַלע פעלקער אָפגעזונדערט און אונז פאַרייניקט, נישט געקוקט אויף אונזער צעזייטקייט און צעשפרייטקייט. די אויסערלעכע געטאָ-מויערן, וואָס אונזערע שונאים האָבן אויפגעשטעלט, וואָלטן עס קיינמאָל נישט געקענט באַווייזן. אָבער די אינערלעכע מויערן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אונזער רעליגיע און וואָס מיר האָבן זיי מיטגענומען אויף אונזער וואַנדערוועג, אַזוי, אַז וואו מיר האָבן זיך נאָר באַזעצט, האָבן מיר זיי אומעטום נאָך מער באַפעסטיקט, — אָט אָ די באַוועגלעכע „אהלי-יעקב” זענען עס, וואָס האָבן אונז אומעטום געזיכערט אַן אייגענע היים. מיר קאָנען זאָגן צוגלייך מיט דאַנטען אָדער מיט היינען, אַז מיר האָבן אונזער פאָטערלאַנד מיטגענומען אויף די זוילן פון אונזערע שיך.

די יידישע רעליגיע איז רייך מיט אַרומצוימונגען (גדרים און סייגים), וואָס גרענעצן אָפ אונזער כלל-וועזן פון דער אויסערלעכער וועלט און דערווייטערן פון אים יעדן פרעמדן שטייגער. די יידישע רעליגיע איז רייך אין פאָרמען, וואָס בינדן אונז אינערלעך און באַצייכענען אונז מיט באַזונדערע סימנים אויסערלעך. איז דאָך די יידישע רעליגיע, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רעליגיעס, נישט קיין לערע פון אידעען, נאָר אַ לערע פון געזעצן. אין אונזערע געזעצן האָבן מיר פאַקטיש פאַרווירקלעכט דאָס רעכט פון

זעלבסטבאַשטימונג. מיר האָבן פאַרלוירן אונזער מלוכה, אָבער נישט די קאָנסטיטוציע פון אונזער מלוכה, מיר האָבן זי אַרויסגעראַטעוועט פונקט ווי אַ באַוועגלעכע מלוכה, וואָס מאַכט אונז אויך אין גלות מעגלעך אַמין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

געוויס, נאָכן פאַרלירן פון אונזער מלוכה, האָבן אויך פיל פון די דינים געמוזט בלייבן אומגילטיק. אין אַלגעמיין אָבער איז אונזער דינים-קאָנסטיטוציע געבליבן אין קראַפט, זי איז נאָך פאַרברייטערט, דערגאַנצט און פאַרפולקומט געוואָרן דורך געניטערע איינצלנע באַשטימונגען. נאָר דער יידישער קאָדעקס האָט באַהערשט און געפאָרעמט אונזער לעבן אין אַלע זיינע אויסדרוקן. נאָר דער יידישער משפט און דער יידישער בית-דין איז געווען מאָסגעבנדיק פאַר אונז. צו די געריכטן פון לאַנד האָבן מיר זיך נישט געווענדעט און זייער קאָדעקס האָבן מיר נישט אַנערקענט. אויב זייערע געזעצן זענען אונז אָנגעוואָרפן געוואָרן מיט געוואַלד, האָבן מיר זיי באַטראַכט ווי שרעקלעכע גזירות און מיר האָבן זיך שטענדיק באַמיט זיי צו באַזייטיקן אָדער אויסמיידן. דערדאָזיקער כאַראַקטער פון „גזירות מלכות הרשעה” איז זיי פאַרבליבן אפילו דאַן, ווען מיר זענען געווען געצוואונגען זיי צו סאַנקציאָנירן דורך דער פאָרמול: „דינא דמלכותא דינא”. דעריבער איז דער „מסור”, וואָס האָט געמסרט אַ יידן ביי דער פרעמדער מאַכט, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַררעטער, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן צו קנס און צו אַנדערע סאָרטן תשובה און איז אויך אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון קהל.

אויך אין אַן אַנדער זין איז אונזער רעליגיע נישט קיין אידעאָלאָגיע. זי איז אַ נאַציאָנאַל-רעליגיע, וואָס איז געבונדן אַן דעם שטאַם און זיין היסטאָריע. דעריבער איז איר נישט באַקאַנט געווען די מיסיע פון באַקערן, פון מגייר זיין, וואָס איז די אייגנשאַפט פון יעדער אמונה. פאַרקערט, זי האָט די גרים געשפירט ווי פרעמדע קערפּער און האָט אַרויסגעגעבן דעם שפּרוך, וואָס האָט אוודאי צו זיך קיין

גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון רעליגיעס, נעמלעך: „קשים גרים לישראל כספחת״ („גרים זענען שעדלעך פאַר יידן אַזוי ווי קרעץ״). ווייל די רעליגיע איז געווען נישט בלויז אַ גלויבנס-געמיינשאַפט, נאָר אַ פאָלקס-געמיינשאַפט, דעריבער האָט דאָס מגייר זיין נישט געקאָנט זיין קיין אימאַנענטע אויפגאַבע פון יידישקייט — (דערמיט דערקלערט זיך די מצווה פון דער תורה, וואָס שטייט פרינציפיעל אין אַ ווידער-שפרוך מיט דער פאָליטיק פון אַנדערע רעליגיע-קאַמפן, אַז די פעלקער וואָס דינען צו פרעמדע געזעצן, דאַרפן פאַרניכטעט ווערן און נישט פאַרייניקט ווערן מיט יידן) — און האָט אַלס פריוויליקער אַקט געהאַט בלויז דעם זין פון אויפנעמען דעם גר און איינבירגערן אים אין ברית־ישראל, אין פאָלקסבונד.

אונזערע ראשי-הגולה, די גאונים און רבנים, זענען נישט געווען קיין גייסטלעכע און קיין נשמה-פאַרזאָרגער, ווי עס האָבן ליב זיך אָנצורופן די מאָדערנע מעריב-רבנים, וואָס האָבן יידישקייט פאַרוואַנדלט אין אַ קירך און טוען אין אַלעמען נאָך די קריסטלעכע גייסטלעכע; זיי זענען געווען פאָרשטייער און פאַרוואַלטער פון אונזער כלל-לעבן; זיי זענען געווען שופטים, ריכטער, מורי-הוראות, דיינים; זיי זענען געווען די אויבערשטע מאַכט פון אונזער גלות-מלוכה. זייערע בתי-דינים האָבן געהאַט די מאַכט אַרויסצוגעבן און דורכצופירן אויך שטראָפאורטיילן. זייערע פאַראָרדענונגען האָבן געהאַט נישט בלויז דעם רעליגיעזן אויטאָריטעט צו לייגן אין חרם די, וואָס פאָלגן נישט און באַגייען עבירות; זיי זענען אויך געווען פאַרזאָרגט מיט מאַכט-מיטלען פון אַ מוסטערהאַפט אָרגאַניזירטן און זייער שטרענגען רעזשים, וואָס האָט שטרענג באַשטראָפט די ווידערשפעניקע. מיר האָבן זיך זיי אונטערגעגעבן מיט ליבע, אָבער אויך אויס מורא פאַר דער מאַכט פון געזעץ.

אונזער געזעץ-קאָנסטיטוציע האָט אונז אויפגעהאַלטן אין גלות אייגנאַרטיקע רעליגיעז-נאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע פאָרמען, וואָס האָבן אין זייערע פונקציעס און אינסטיטוציעס אַרומגענומען פיל צווייגן פון מלאכה און אינדוסטריע, כאָטש געוויסע „מצות התלויות בארץ״

(„מצוות, וואָס קענען אויסגעפירט ווערן נאָר אין ארץ-ישראל״) האָבן אין גלות נישט געקענט דורכגעפירט ווערן.

דעריבער האָט די פרעמדע הערשאַפט נישט געקענט פון אונז אַרויסרייסן די זעלבסטפאַרוואַלטונג, כל-זמן מיר זענען געשטאַנען אונטערן באַפעל פון אונזערע אייגענע געזעצן און געווען אונטער-טעניק אונזערע רבנים. מיר האָבן געבילדעט אן אין זיך גע-שלאָסענעם יורידישן און עקאָנאָמישן כלל. נישט אַ באַקענטניש, נאָר קודם-כל אַ סטאַטוס איז געווען יענער פּאַפּ, וואָס האָט דאָס גאַנצע פאָלק צונויפגעקלעפּט און פאַרייניקט אין איין גאַנצ-קייט. נישט אַזוי ווייט דער רעליגיעזער און עטישער אינהאַלט פון יידישקייט, ווי די קאָנקרעטע פאָרמען פון אונזער מלוכה-קאָנסטיטוציע האָבן אונז אָפּגעשיידט פון אַלע פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן מיר זיך באַזעצט. מיר האָבן נישט גערוט אין די טעג, ווען דאָס הערשנדיקע פאָלק האָט גערוט, און נישט געפייערט זיינע חגאות, זיך נישט באַטיי-ליקט אין זיינע פריידן און זיך נישט געזאָרגט פאַרן גליק פון דער פרעמדער מלוכה. אַ שטאַרקע וואַנט, וואָס מיר האָבן אַליין אויפגעשטעלט, האָט אונז אָפּגעטיילט פונם פאָלק פון לאַנד, וואו מיר האָבן געלעבט, און הינטער דער וואַנט האָט געלעבט אַ יידישע מלוכה אין מיניאַטור.

אַזוי האָבן מיר דעם טייל ערד, וואָס מיר האָבן פאַרנומען אין בבל, אַ נאָמען געגעבן: ארץ-ישראל, און רב הונא האָט מיט רעכט געמעגט זאָגן: מיר באַטראַכטן זיך אין בבל, ווי אין הייליקן לאַנד. אויך אין די ערטער, וואו מיר האָבן זיך שפּעטער באַזעצט, איז דאָס יידישע געטאָ — וואָס האָט איר עצם און איר קיום געהאַט אין אונ-זער געזעץ-קאָנסטיטוציע און נישט אין די בייזע כוונות פון אונזערע שונאים—געווען אַ מלוכה אין אַ מלוכה.

אפילו אונזער שפּראַכלעכע אַסימילאַציע איז נישט אימשטאַנד געווען מיטצווווירקן צו אַ קולטורעל-נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע, כל-זמן אונזער פאָלק-אחדות און פאָלק-אָפּגעזונדערטקייט זענען געווען פאַר-פעסטיקט אין דער רעליגיע. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע האָט איינגיכן

געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אויסגעטיילט די נאַציאָנאַלע פאָרמען, וואָס זענען אַזוי דורכגעשטריקט געוואָרן מיטן יידישן באַזונדערן שטייגער, אַז מען האָט זיי מער נישט געקאָנט שפירן ווי עפּעס פרעמדס. מיטל-הויכדייטש האָט זיך אַנטוויקלט צו יידיש, שפּאַניש צו שפּאַניאָליש, און זיי זענען געוואָרן יידישע שפּראַכן.

מיר דאַרפן עס באַטראַכטן פאַר אַ נאַציאָנאַל גליק, וואָס די רבנים האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די נביאים. ווען עס וואָלט געזיגט די נביאישע ריכטונג פון גייסטיקייט מיט איר אָפּאָזיציע קעגן דער איבערהערשאַפט פון געזעץ, און דידאָזיקע ריכטונג וואָלט באַקומען אַן אַנטשיידענעם איינפלוס אויף יידישקייט, וואָלטן מיר שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק אין גלות; די קראַפט פון אידעען-ווערט וואָלט אונז העכסטנס געקענט געבן די מעגלעכקייט צו פירן אַן איבערנאַציאָנאַלע עקזיסטענץ בלויז אַלס גלויבנס-געמיינדע, אַלס קירך. די פרושים און חכמים, וואָס האָבן געהיט דעם געזעץ, האָבן געהיט די נאַציאָנאַלע יידישקייט. דאָס האָט געוואוסט פּעטרוס, ווען ער האָט די אחדות פון יידישן פאָלק באַוואונדערט; דאָס האָבן געוואוסט די פאַנאַטיקער פון קריסטנטום, וואָס האָבן געהייסן דעם תּלמוד פאַרברענען. דאָס געזעץ איז געווען די פאַרקערפּערונג פון יידישקייט, וואָס האָט די מיסטישע פאַרקערפּערונג אָפּגעוואָרפן.

אַחוץ דעם געזעץ האָט דעריבער די יידישקייט נישט אין וואָס זיך אויסצודריקן, אין וואָס זיך צו פאָרמירן; זי בלייבט, ווי מען רופט עס אין קבלה, אַ נאַקעטע נשמה. אַלע שטרעבונגען, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן מיט דער פאָדערונג צו געבן דער יידישער רעליגיע אַ מער רוחניותדיקן און אינערלעכן אינהאַלט — אַ פאָדערונג, וואָס ביי היינטיקן טאָג לאָזט זי זיך הערן אין אַ מאָדערן-סטיליזירטן לאָזונג פון אַ „נייער באַלעבונג פון דער יידישער רעליגיעזיטעט"—און אויס בענקשאַפט צו רעליגיעזע עמאָציעס טרעטן זיי אַרויס קעגן דעם, וואָס די געטלעכע תּורה איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ טרוקענער לערע פון געזעצן—די אַלע שטרעבונגען האָבן שטענדיק געפירט צום אָפּפאַלן פון יידישקייט, ווייל

זיי זענען אָפּגעפאַלן פון די נאַציאָנאַלע לעבענספאָרמען פון דער יידישער מלוכה-רעליגיע און האָבן אויף דידאַזיקע פאָרמען מותר געווען צוליב דער אומבאַדינגטקייט פון דער רעליגיעזיטעט. אַלס ביישפיל איז גענוג אָנצוווייזן אויף די אסיים און די קאַראַימער.

עס איז נישט גערעכט, ווען מען שטעלט פאָר דעם רבניזם ווי אַ פאַרשטיינערונג אָדער גאָר ווי אַ דעגענעראַציע פון יידישן גייסט. די גרויסע רבנישע ליטעראַטור פון שאלות-ותשובות ווייזט אויף באמת פיל מער נאַציאָנאַלן לעבנספאַרקער, פיל מער לעבעדיקייט פון יידי-שער ווירקלעכקייט, ווי די ניי-העברעישע ליטעראַטור, וואָס שרייט וועגן „תחיה". מיר דאַרפן דאַנקבאַר זיין אונזערע געזעצגעבער דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער פרוכטבאַרע שאַרפזיניקייט און זייער אומדערמידלעכע פלייסיקייט אויף אויסצובויען דעם יידישן שלחן-ערוך; וואָס זיי האָבן געשאַפן אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דער פאַרלוירענער מלוכה. מיר דאַרפן זיי דאַנקבאַר זיין, און באַזונדערס די שטרענגסטע צווישן די מחמירים, דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַזויפיל געזאָרגט וועגן אָפּהיטן די דינים ביז אין די מינדסטע קלייניקייטן, האָבן אַרומ-געשטעלט צוימען אַרום די געזעצן און צוימען אַרום די צוימען און אויסגעבויט אַ שטרענגן רעזשים פון אַ יידישער קאָנסטיטוציע קעגנ-איבער יעדערליי פרעמדער הערשאַפט. נאָכן אונטערגאַנג פון אונזער מלוכה האָט דאָס פליסנדיקע לעבן פון לאַנד געמוזט אַריינגעקוועטשט ווערן אין פאַרגליווערטע פאָרמען, כדי עס זאָל זיך קאָנען אויף לאַנג דערהאַלטן. נאָר דער בלינדער פאַנאַטיזם פון דער „השכלה" האָט גע-קאָנט פלאַפלען וועגן דער פאַרשטיינערטקייט פון רבניזם. נאָר די נאַיווע פריידענקערישקייט האָט געקאָנט אָפּלאַכן פון דער פעדאַנטעריע, פון דער גרויזאַמקייט פון אַ קוצו של יוד (י. ל. גאָרדאָן: „קוצו של יוד") און דערמיט אייגנטלעך אָפּלאַכן פון געזעץ-כאַראַקטער פון אונ-זער רעליגיע.

אמת, דער יאָך פון געזעץ האָט אָן אַ ספק געמינערט די רעליגיע-זיטעט. אָבער דערפאַר האָט ער געבראַכט פיל גרע-סערע נוצן דערמיט, וואָס ער האָט נאַציאָנאַל

קאָנצענטרירט דאָס עקסטעריטאָריאַלע און ממילא אוניווערסאַלע פאָלק; דערמיט, וואָס ער האָט נאַציאָנאַל צוזאַמענגעבונדן דאָס פאָלק און עס דערהאַלטן דורך דער צוואַנג פון דער פאָרם. דעריבער איז די הלכה געווען פיל וויכטיקער פאַר דער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג פון יידישקייט, ווי די אגדה. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אונזערע חכמים, בשעת מען האָט זיי געצוואונגען צו פירן וויכוחים מיט די קריסטן, האָבן אין יידישקייט פיל מוותר געווען פון דער אגדה, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט אַזוי וויכטיק, אָבער אַ האָר נישט פון דער הלכה.

אָבער אויך דאָסדאָזיקע סיסטעם פון יידישקייט אין גלות איז נישט געווען קיין פועל-יוצא פון עפּעס אַ פוילקייט פון גייסט, פון דעם, וואָס דער קוואַל איז פאַרשטאָפּט געוואָרן, די שאַפערישע קראַפט איז אויסגעגאַנגען, דער גייסט איז אין קייטן געבונדן געוואָרן; אויך אינעווייניק פון דעם סיסטעם איז געווען עפּעס, וואָס האָט געפליסט און געשאַפן, וואָס איז אַנטשטאַנען און פאַרגאַנגען. יאָ, די תורה שבעל-פה (די מינדלעכע תורה) — אָט דאָס איז עס געווען, וואָס האָט די יידישקייט דערהאַלטן אין אַ פליסנדיקן צושטאַנד. אין דער אויס-טייטשונג פון דער תורה שבכתב (די געשריבענע תורה) האָט זיך אונזער געזעצגעבונג כסדר באַנייט; דורך דער אויסטייטשונג האָט מען אויפגעטון נייע דינים, געשאַפן נייע געזעצן, וואָס מען האָט זיי כלומרשט געפונען אין דער תורה גופא. מען האָט זיי אָבער דאָרט געפונען דערפאַר, ווייל מען האָט די תורה אַזוי אויסגעטייטשט, אַז מען זאָל די נייסן קאָנען געפינען; מען האָט כלומרשט פון דער תורה גענומען, אינדעראמתן אָבער האָט מען איר געגעבן; אַזוי־אַרום האָט זיך אונזער געזעצגעבונג באַנייט אַלס אַקט פון געבן אין דער רעליגיעזער געשטאַלט פון נעמען, פון דערקלערן דאָס וואָרט פון דער מסורה. אונטער דער טרוקענער שאָלעכץ פון פאָרמאַליסטישער אויס-טייטשונג האָט פולסירט דאָס לעבן פון אונזער כלל-וועזן; די אינטערפּרעטאַציע איז געווען אַ מיטל, וואָס איז אומדערוואוסט געשאַפן

געוואָרן דורכן פאָלקס־אָרגאַניזם, כּדי לכתחילה מעגלעך צו מאַכן, אָדער בדיעבד צו באַשטעטיקן פאַרענדערונגען און נייע אויפטוּעכצן אין יידישקייט. די רעליגיעזע התלהבות, וואָס האָט זיך אָפּט אויפגעכאַפּט און אָפּגעוואָרפן די תּורה שבעל־פּה מיטן פּאַראָל: „צוריק צום אורקוואַל! צוריק צו דער תּורה־שבכתב!" האָט אַלס פּועל־יוצא געבראַכט נישט דאָס, וואָס די יידישקייט איז פאַרייינגערט געוואָרן, נאָר וואָס זי איז פאַרגליווערט געוואָרן; דאָס איז געקומען דערפאַר, ווייל זי האָט אָפּגעוואָרפן פון דער יידישקייט איר נאַציאָנאַלע סטרוקטור, האָט איבערגעריסן איר היסטאָרישן פאָדעם, וואָס האָט זיך אָן אויפהער געצויגן; ווייל זי האָט די יידישקייט געצוואונגען מיט געוואַלד זיך אָפּצושטעלן.

די רבנות האָט אַזוי־אַרום געהאַט אַ דאָפּלטע פונקציע; זי האָט אי דערהאַלטן די יידישקייט, אי זי ווייטער געפאָרעמט. זי האָט כּמעט צושטאַנד געבראַכט אַ ריזיק ווערק פון שלמות: זי האָט אויסגעבילדעט אונזער רעליגיע אין אַ מענגע פון נאָרמען, וואָס זענען געווען גענוי און קלאָר באַשריבן בנוגע אַלע פאַרהעלטענישן און באַציונגען; די־דאָזיקע נאָרמען זענען געווען אַ פעסטונג, וואָס האָט די יידישקייט שטענדיק געשיצט, זי זאָל נישט פאַרמיסטיקט ווערן פון דער מיסטישער ר ע ל י ג י ע ז ע ר ר ו ח נ י ו ת, וואָס האָט געדראָט לויז צו מאַכן אונזער נאַציאָנאַלן צוזאַמענבונד, גלייכצייטיק האָט אָבער די רבנות אויך געמאַכט די יידישקייט אָפּהענגיק פון לעבן, זי ווייטער אַנטוויקלט אין די וועגן פון לעבן און מיטן כּוח פון אויסטייטשונג זי פאַרהיט פון גליווערונג. דעריבער ווערט געזאָגט: „די שפּרוכן פון די חכמים, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער מסורה, האָבן מער באַדייטונג, ווי די ווערטער פון דער תּורה".

אַ טיפזיניקע מדרש־אַלעגאָריע דערציילט: משה רבינו האָט געהאַט בדעה אויפצושרייבן אויך די תּורה שבעל־פּה; נאָר אַזוי ווי ער האָט פאָרויסגעזען, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די אומות־העולם וועלן אויך האָבן די תּורה אין אַן איבערזעצונג און זיי וועלן טענהן: „מיר זענען די בני־ישראל, מיר זענען גאָטס קינדער",

דעריבער האָט גאָט געגעבן אַ סימן: דער-יעניקער, וואָס באַזיצט מיין סוד, דער איז מיין זון. די תּורה שבעל-פּה איז דער סימן, וואָס שיידט אונטער אונזער פאָלק פון אַלע פעלקער. זי קאָן נישט איבערגעזעצט ווערן, זי מוז געלעבט ווערן. זי איז דאָס געהיימניש, וואָס געהער נאָר אונז אַליין, אונזער נאַטור.

און איצט קאָנען מיר שוין אויף דער אויבנגעשטעלטער פראַגע וועגן דעם יסוד פון אונזער קיום אין גלות, ענטפערן גאַנץ קלאָר און גענוי. די פאָרמקראַפט פון דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס לעבן אין זיין גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט, רעגולירט אַלע מעשים און האַנדלונגען, באַשטימט אין דינים און געזעצן סיי דאָס לעבן פון יחיד און סיי דאָס לעבן פון כּלל, פון די אינטימסטע און צניעותדיקסטע פּרטים ביז צו די אויסערלעכסטע און וואָכעדיקסטע; די פאָרמקראַפט פון דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט געשטעמפּלט דעם יידן מיט אַ באַזונדערן מאַניפעסטירנדיקן סימן, כּדי מען זאָל אים דערקענען צווישן אַלע אַנדערע פעלקער (די גאַלע לאַטע האָט מען אויסגעטראַכט נישט אַלס צייכן פאַר אונז, נאָר פּשוט אונז צו דערנידעריקן דערמיט, ווייל חוצדעם האָט זי קיין אַנ-דער זין נישט געהאַט), און דאָך, נישט געקוקט אויף די גרויסע פאַרפאָלגונגען, וואָס יידן זענען אויסגעשטאַנען, האָט זי פונדעסטוועגן געוואַגט אַרויסצוגעבן דעם שטאָלצן און שטרענגען באַפעל, אַז „אַ ייד טאָר נישט ענדערן זיין קליידונג, בכדי צו גיין אומדערקענטערהייט אין אַן אָרט, וואו אים, אַלס ייד, איז פאַרבאָטן צו קומען”; דער פּאָליטישער כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ ווירקונג אין אונזערע רעכט-אינסטיטוציעס, און האָט אין די באַזונדערע באַשטימונגען פאַר נישט-יידן, וואָס זענען קיינמאָל נישט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן, טראָץ דער גאַנצער שנאה צו יידן, פעסטגעשטעלט די נאַציאָנאַלע גרענעצן פון אונזער רעכט-אָרדענונג: אָט די פאָרמקראַפט און די פּאָליטישע קאָנסטיטוציע פון יידישן געזעצקאָדעקס האָבן

אין פארלויף פון צוויי טויזנט יאָר אונז דער-האלטן אין גלות אַ מלוכה, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט, אַלס מדינה אין אַ מדינה.

אויך די יידישקייט אין דער קעגנוואַרט ציט חיונה פון דעם-דאָזיקן כּוח פון אונזער מלוכה-רעליגיע, וואָס אין אירע פאָרמען לעבט נאָך אַ באַדייטנדיקער טייל פון אונזער פאָלק. דער דאָזיקער טייל איז דער שפּייזער- און באַשיצערטייל פון דער יידישער נאַציע. אויך די מאָדערנע יידישקייט ווערט אומבאַוואוסטזיניק פון אים געשפּייזט און באַשיצט.

דידאָזיקע שארית-ישראל ווערט אָבער כּסדר קלענער און שוואַכער, די יידישע רעליגיע-קאָנסטיטוציע ברעכט זיך פון אַלע זייטן, איר פאָרמקראַפט האַלט אין צעפאַלן ווערן — און די יידישקייט פון גלות פארלירט איר קיום.

אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „פאַר די אומות-העולם איז אַ גירוש פון זייער לאַנד קיין גלות נישט. פאַרן פאָלק ישראל אָבער, וואָס עסט נישט פון זיין ברויט און טרינקט נישט פון זיין וויין, איז דער גירוש באמת אַ גלות". קוים האָט דער שלחן-ערוך אויפ-געהערט גילטיק צו זיין, אַזוי האָבן מיר נישט מער צווישן די פעלקער קיין שיידוועגט און מיר זענען נישט מער קיין אויסנאַם; מיר פאַלן אַרונטער דעם שיקזאַל פון אַלע אַנדערע פאַרטריבענע פעלקער-שבטים: דעם שיקזאַל אויסגעמישט צו ווערן צווישן די איבעריקע פעלקער. אונזער לעבן אינדערפרעמד הערט שנעל אויף צו זיין גלות: דאָס פרעמדע לאַנד איז אָדער ווערט פאַר אונז אַ פאָטערלאַנד.

* *

*

מען זאָגט, אַז דער מערב באַווייזט דעם היפוך. אין מערב איז די זון פון אונזער רעליגיע שוין אונטערגעגאַנגען און דאָך איז

די יידישקייט מיט איר נישט אויסגעלאָשן געוואָרן און די יידנפראַגע איז נישט פאַרשוואונדן. געוויס, נאָר דערצו מוז נאָך עפּעס צוגעגעבן ווערן: ווייל דער מזרח האַלט אויף דעם מערב.

די גרויסע פאָלקסמאַסן אין מזרח, וואָס שטעקן נאָך מיט זייער וואָרצל אין דער יידישער טראַדיציע און יעדנפאַלס אין איר אַטמאָספערע, זענען אַ מניעה צו דער אויסלעשונג פונם יידישן כלל אין מערב. די גלייך-שטייענדיקע געשטאַלט פון פאָלק אין מזרח וואַרפט אַריבער איר שאָטן ווייט איבער די גרענעצן פון איר לאַנד און שפרייט אים אויס איבער די שלאַף-געוואָרענע גלידער אין מערב, וואָס קאָנען נישט צוליב דעם אינגאַנצן איינגעוואַקסן ווערן אין פרעמדן אָרגאַניזם, כל-זמן עס רירט זיך נאָך דער יידישער פאָלקסקערפער אויף יענער זייט גרענעץ. פון מזרח ציען זיך אויך שאָטנס פון דער יידנפראַגע אין אַלע געגנטן פון דער וועלט, און ווי בייזע רוחות לאָזן זיי זיך פילן און וואַרפן אָן אַן אימה אויך אין אַזעלכע לענדער, וואו דידאָזיקע פראַגע איז שוין בלויז אַ מאַטער ווידערשיין פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין מרחקים. דער יידישער כלל עקזיסטירט נאָך אַזוי־אַרום אין מערב בלויז אַלס אָפּגלאַנץ פון דער מזרח-יידישקייט, וואָס שיצט אים און וואַרפט אויף אים אַרויף אַ טייל פון די ליידן פון פאָלק. די אַסימילאַנטן ווייסן עס און האָבן מורא פאַרן מזרח-ייד, וואָס פאַרשלעפּט די יידישקייט קיין מערב און שטערט דעם פראָצעס פון פאַרשמעלצונג.

נאָר אונזער לעצטע מויערוואַנט אין מזרח באַקומט אַלץ מער שפּאַלטן און האַלט אין איינפאַלן — מיט איר פאַלן וועט די יידישקייט מער נישט האָבן קיין אָנהאַלט אין דעם אָרט פון איר נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע, היינט ווער רעדט שוין אין דער פעריפעריע פון איר לאַנגען שאָטן, וואָס זי וואַרפט אַריבער אויף יענער זייט פון דער מויערוואַנט.

מען זאָגט, אַז אַמעריקע באַווייזט די מעגלעכקייט פון אַ מאָדער-

נער יידישקייט אין גלות. אָבער אויך דאָרט האָט יידישקייט אַ קיום נאָר אַ דאַנק דער אימיגראַציע פון מזרח-יידן, וואָס הערט נישט אויף. איידער עס געלינגט איין עמיגראַנטן-כוואַליע צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָט דער ים שוין צוגעטראָגן אַ נייע עמיגראַנטן-כוואַליע און מיט איר אַ נייעם אימפּאָרט פון יידישקייט. בשעת די פאַנאַנדערטרייסלענדיקע שטראָמען פון דער מאַסן-עמיגראַציע וועלן זיך איינשטעלן, וועט די אַסימילאַציע אָננעמען איר נאָרמאַלן אַנטוויקלונגס-גאַנג.

חוצדעם, געפינט זיך נאָך אַמעריקע אין מיטן מצב פון נאַציאָנאַלער בילדונג. עס איז נאָך נישטאָ קיין אַמעריקאַניזם, ער בילדעט זיך איצט. בשעת אַמעריקעס פעלקער-געמיש וועט אַרויס פון שמעלצטאָפּ אַלס אַן איינהייט און וועט אָננעמען אַ נאַציאָנאַלע געשטאַלט, דאַן וועלן מיר אויך מער נישט קאָנען באַשיצן אונזער קאָלאָניע פון יענער זייט ים. מיר קאָנען לעבן נאַציאָנאַל נאָר צווישן יענע פעלקער, וואָס האָבן נאָך נישט דערגרייכט זייער נאַציאָנאַלע רייפקייט.

---

קעגן דעם וואָס מען טענהן: זעען מיר דאָך, אַז אונזער נאַציאָנאַליזם איז געוואַקסן גראָד אין די לעצטע צענדליקער יאָרן און גראָד צווישן מאָדערנע יידן, יעדנפאַלס צום וויניקסטן אין דער פרומער יידישקייט אין מזרח.

מען מוז אָבער מאַכן אַן אונטערשייד צווישן דעם, וואָס איז נאַציאָנאַל לויט דער אידעע, און דעם, וואָס איז נאַציאָנאַל אין דער ווירקלעכקייט. אונזער נאַציאָנאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן בשעת און אויף אַזויפיל, וויפל די נאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט פון דער רעליגיעזער יידישקייט איז צעבראָכן געוואָרן. ער איז אַנטשטאַנען אין די רייען פון די, וואָס זייער נשמה האָט זיך צושפּאָלטן אויף צווייען, וואָס האָבן זיך אָפּגעבראָקלט און זענען אָפּגעפאַלן פון גרויסן יידישן כּלל, נישט אינעווייניק אין דער פאָלקס-טיפעניש פון די פאַרייניקטע יידן, וואָס האָבן נאָך שטאַרקע וואָרצלען אין פאָלק; זיין אָנפאַנג האָט זיך

גענומען נישט פון דעם טיפן פאָלקסגעפיל פון די פרומע יידן, און אין זייער סביבה האָט אים קיינער נישט געקאָנט ריכטיק פאַרשטיין, ווייל וויבאַלד זיי באַזיצן די יידישע לעבנספאָרמען, שפירן זיי נישט קיין באַדערפעניש אין אַ נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. אין באַוואוסטזיין פון דער יידישקייט, וואָס לעבט אין זיי, זעען די פרומע יידן אויך נישט, ווי געהעריק, די געפאַר פון אונטערגאַנג, וואָס דראָט דער יידישקייט, און שרעקן זיך נישט, איבעריקנס, פאַר דער צוקונפט פון פאָלק ישראל: זיי האָבן אַ נאַציאָנאַל געפיל פון זיכערקייט, און דעריבער האָבן זיי נישט קיין עכטן זין פאַר אונזערע פּראָבעס זיך צו ראַטעווען. באמת, דער יידישער נאַציאָנאַליזם וואַקסט אין דער מאָס, ווי עס פאַרשווינדט די יידישע ווירקלעכקייט; לויט זיין עליה וואָלט מען געקאָנט מעסטן, וויפל גראַד די ירידה באַטרעפט.

יעדנפאַלס, די שטייגערונג פון אונזער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין באַדייט נישט קיין פאַרשטאַרקונג פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן, קיין פאַרמערונג פון אונזער נאַציאָנאַלער עשירות. דערמיט, וואָס מען איז אַ יידישער נאַציאָנאַליסט, איז מען נאָך נישט קיין נאַציאָנאַלער ייד. דען איז דער מערב-אייראָפעישער יידישער נאַציאָנאַליסט מער ייד ווי דער יידישער אַסימילאַנט? זיי זענען ביידע אין אַ גלייכער מאָס צוגעטשעפעט צום פרעמדן פאָלקסקערפער, אַריינגעטון אין אַ פרעמדער קולטור-געמיינשאַפט; ביידע זענען זיי גלייך אַסימילירט, ביידע לעבן נאַציאָנאַל נישט-יידיש; אויב מען זאָל זיי שאַצן פון שטאַנדפונקט פון נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, זענען זיי ביידע נישט מער קיין יידן. זיי שיידן זיך אונטער אין זייער נאַציאָנאַלער באַקענטניש, אין דער נאַציאָנאַלער ריכטונג פון זייער ווילן, אָבער נישט דערין, ווי זיי זענען פאַקטיש נאַציאָנאַל, ווי זיי זענען פאַקטיש יידיש. און מעג די נאַציאָנאַלע אידעע ווי שטאַרק זיין אַלס באַקענטניש, און מעג זי זיך ווי שטאַרק אויסדריקן אַלס ווילן. וואָס, משטיינסגעזאָגט, קען זי געבן אַנשטאָט דער גלותדיקער מלוכה פון אונזער רעליגיע און ווי אַזוי קען זי שאַפן אַ יידישע

ווירקלעכקייט צווישן די פרעמדע פעלקער? זי קאָן אפשר אויפהויבן אונזער נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין, אָבער נישט אונזער נאַציאָנאַל לעבן. גיכער קאָן זי אויספירן דעם אויפבוי פון אונזער פאָלקסטום אין ארץ-ישראל, איידער דערהאַלטן אָדער גאָר נאָך פאַרמערן די יידישקייט אין גלות.

4.

צי איז נישט די רעליגיע בלויז דער לבוש, אין וואָס אונזער נאַציאָנאַלער גייסט איז געווען איינגעהילט? און דער פאַרלוסט פון לבוש קאָן דאָך נישט באַטראַכט ווערן, ווי דערמיט וואָלט אויסגעגאַנגען אונזער נאַציאָנאַלער כּוח אין גלות. אַזוי טרייסט מען זיך, אַזוי פריי-דיקט מען דעם גלויבן אין אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט פון גלות.

אין אמתן אָבער איז עס אַ פאַלשער אויספיר און אַן אומזיסטע טרייסט, בשעת מען זאָגט: מיטן אונטערגאַנג פון דער רעליגיע פאַלט נאָר אָפּ דער לבוש און דער כּוח פון פאָלק ליידט פון דעם קיין שאָדן נישט.

ערשטנס, די רעליגיע איז פאַר אונז אין גלות געווען נישט קיין לבוש, נאָר דער טיפסטער אינהאַלט פון אונזער עקזיסטענץ. ווען די יידישקייט וואָלט דורכגעמאַכט איר אַנטוויקלונג אין די נאָרמאַלע גרענעצן פון נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, דאַן וואָלט אונזער קיום פאַר-פעסטיקט און געזיכערט געוואָרן אין פאָרמען און וואָלט נישט געווען אָפּהענגיק פון אַן אינהאַלט אַלס עקזיסטענץ-גרונט. אויך פיל רעליגיע-זע פאָרמען, נאָכדעם, ווי זייער אינהאַלט וואָלט זיין ווערט פאַרלוירן, וואָלטן זיי נישט געמוזט פאַרלירן זייער גילטיקייט; זיי וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין נאַציאָנאַלע און מלוכהשע לעבנספאָרמען. שבת, יום-טוב, די געדענק-טעג פון שמחות און פון טרויער, געוויסע מצוות און עבירות, דינים און מנהגים וואָלטן באַקומען אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטי-שע סאַנקציע, ווען יידן וואָלטן צוזאַמען געלעבט אויף איין טעריטאָריע,

און זיי וואָלטן ווייטער געלעבט אויך נאָכן פאַרשווינדן פון זייער רעליגיעזער סיבה.

דאַקעגן די גלות-יידישקייט, נאָכדעם, ווי זי ווערט אויסגעטון פון די לכתחילהדיקע נאַציאָנאַלע פאָרמען, בלייבט זי שטענדיק געבונדן אָן אַ אינהאַלט, אַלס איר עקזיסטענץ-גרונט, און אָן אים איז זי נישט בכוח צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אויך די אָפשטאַרבנדיקע רעליגיע, נאָכדעם, ווי איר אינהאַלט ווערט אויסגעלאָשן, קאָן זי נישט איבערלאָזן קיין פאָרמען, וואָס, זייענדיק אָפגעריסן פון זייער נאַציאָנאַלן קערן, זאָלן זיי קאָנען דערגרייכן נאַציאָנאַלע גילטיקייט אין גלות. מיר האָבן נישט אין גלות, אויסער דער רעליגיע, קיין אויטאָריטעט, קיין אינסטאַנץ, וואָס זאָל בילדן אַ כלל און וואָס די ירושה פון דער רעליגיע זאָל פון איר קאָנען באַקומען אַ סאַנקציע און דעם כוח פון פאַרפליכטן, און דעריבער, אויב אין גלות ווערן לויז די נאַציאָנאַלע בענדער, ווערן דורכדעם אויך צעטרייסלט אַלע די-יעניקע פאָרמען, וואָס נעמען זיך פון אונזער רעליגיע-קאָנסטיטוציע און האָבן דעם כוח צו ווערן ביי אַנדערע באַדינגונגען נאַציאָנאַל.

צווייטנס, נעמען מיר אָן, אַז מיטן אונטערגאַנג פון דער רעליגיע וואַרפן מיר בלויז אַראָפ דעם לבוש. געוויס וואָלט אונזער צוקונפט דאַדורך נישט געליטן, ווען אונזער עקזיסטענץ וואָלס באַשטימט געוואָרן פון נאָרמאַלע נאַציאָנאַל-גרענעצן. דאַן וואָלט דער פאָדעם פון אונזער אַנטוויקלונג נישט איבערגעריסן געוואָרן, די רעליגיעזע פאָרמען וואָלטן עוואָלוציאָניסטיש פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַנדערע לעבנספאָרמען.

אין גלות אָבער איז די באַזייטיקונג פון די רעליגיעזע פאָרמען פשוט אַ פאַרניכטונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע פאָרמען. וועלכע אַנדערע פאָרמען זענען פאַראַן צו פאַרטרעטן מיט זיי דעם פלאַץ פון די באַזייטיקטע רעליגיע-פאָרמען? עס איז נישט קיין פאַרוואַנדלונג, נאָר אַ ריס, אַן אָפהאַקונג פון אונזער היסטאָרישער קאָנטינואיטעט; נאָך דער דיספאָרמירונג קומט נישט קיין נייע פאָרמירונג, נאָכן אויסטון דעם לבוש בלייבט נישט קיין אַנדער לבוש אָנצוטון. לאָמיר נאָכגעבן,

אַז עס איז געשען, ווי אחד-העם זאָגט, בלויז דאָס, וואָס די כּלי איז צעבראָכן געוואָרן; נאָר די עקסטעריטאָריאַלע יידישקייט באַזיצט נישט קיין אַנדערע נאַציאָנאַלע כּלי, וואָס זאָל קענען אַרייננעמען דעם אויסגעגאָסענעם אינהאַלט. אויב מען טרייסט זיך: „צעשטערט איז בלויז דער גוף, אָבער די נשמה עקזיסטירט ווייטער", אַזוי ווערט דערמיט אַרויסגעטראָגן אַ טויטאורטייל אויף דער יידישקייט אין גלות. דער קערפּער — דאָס איז די נאַציאָנאַלע פאָרם, דער נאַציאָנאַלער קאָנקרעטום.

אמת, אונזער רעליגיע האָט זיך נישט געשפּייזט אויסשליסלעך פון אירע אייגענע קרעפטן. עס האָט עקזיסטירט אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער רעליגיע און דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג. בלא יודעים האָט די רעליגיע געצויגן איר יניקה פון דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, וויבאַלד זי האָט אין גלות דערפילט נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. פיל נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס שטייען אויסער דער רעליגיע, האָבן, אויס מאַנגל פון אַן אַנדער מין נאַציאָנאַל לעבן, זיך איינגעפּאַסט אין דער ראַם פון דער רעליגיע. אַזויאַרום האָבן זיך אין אונזער רעליגיע אויפגעהאַלטן קרעפטן און זאַפטן, וואָס זענען נישט איר אייגנטום. אַ דאַנק דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער פונקציע אירער אַלס רעזערוואואַר, האָט זיך פאַרשטאַרקט די לעבנספעאיקייט פון דער רעליגיע גופא; זי איז אַזוי נתעשר געוואָרן דורך די נאַציאָנאַלע גיטער, וואָס זענען איר אָנפאַרטרויט געוואָרן.

דעריבער האָט אין מערב-אייראָפּע געקענט אויפקומען אַ מערק-ווירדיקע יידישע אָרטאָדאָקסיע, וואָס איר רעליגיעזע נשמה איז איר שוין לאַנג אויסגעגאַנגען און זי שטעלט נאָך פאָר בלויז אַ פאַרקריפּלונג פון דער יידישער רעליגיע. דאָס איז דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס דערהאַלט נאָך די רעליגיעזע פאָרמען אין דערדאָזיקער פאַרגליווערונג, דערהאַלט נאָך די שאָלעכץ אָן דעם קערן, ווייל די יידישקייט אין גלות באַזיצט נישט קיין אַנדערע

אָפּגעזונדערטע לעבנספֿאָרמען. דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין האָט זיך אָנגעקלאַמערט, ווי מיר האָבן געזען אין ערשטן קאַפּיטל, אָן דער טראַדיציע און איר דערמיט געגעבן נייע אימפּולסן; געפֿינענדיק אין איר אַן אָנהאַלט, האָט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין איר געגעבן אַן אינהאַלט. דאָס איז אַ קעגנזייטיקע שטיצע, וואָס דער פֿאָלקס־אָרגאַניזם אין זיין קאַמף פֿאַרן קיום פֿאָדערט עס און פֿירט עס דורך. דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער פֿונקציע האָט די פֿאַרשטיינערטע אָרטאָדאָקסיע אין מערב צו פֿאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ, וואָס איז פֿול מיט סתּירות. אויך אין מזרח וועט אונזער רעליגיע, נאָכדעם, ווי די נשמה וועט איר אויסגיין, נאָך אַ לאַנגע צייט פֿירן אַ עקזיסטענץ, וואָס וועט ציען די יניקה פֿון נאַציאָנאַלן אינסטינקט פֿון זעלבסטדערהאַלטונג. ער וועט איר ביישטיין אין דער שעה פֿון נויט, ווייל איר נויט איז אין גלות אויך זיין נויט.

עס זעט דעריבער אויס, ווי דער אינסטינקט פֿון זעלבסטדער־האַלטונג וואָלט געווען די ערשטע סיבה אין דער דערהאַלטונג פֿון יידישקייט. אַזוי זעט עס אויס, כּל־זמן מיר באַטראַכטן יענץ פֿאַר־העלטעניש פֿון דער קעגנזייטיקער ווירקונג בלויז אין דער פּאָזיטיווער און נישט אין דער נעגאַטיווער ריכטונג. קוים איז די קראַפֿט פֿון דער רעליגיע אויסגעגאַנגען, דאַן מוזן אירע פֿאַרטריקנטע פֿאָרמען זיך סוף־כּל־סוף אָפּקרישלען און יענץ פּאָזיטיווע פֿאַרהעלטעניש פֿון דער קעגנזייטיקער ווירקונג הערט אויף. פֿון דעם מאָמענט אָן פֿאַרלירט דער אינסטינקט פֿון זעלבסטדערהאַלטונג זיין אָנהאַלט אָן די רעליגיעזע פֿאָרמען. דידאָזיקע פֿאָרמען פֿאַרלירן ווידער דאַדורך זייער אויסער־רעליגיעזן אינהאַלט, וואָס האָט זיי אומבאַוואוסטזיניק אָנגעפֿילט. *ערשט קומט פֿאָר די זעלבע קעגנזייטיקע באַציונג אין אַ נעגאַטיווער ריכטונג.* דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ־אינסטינקט הויבט דאַן אָן צו וואַנדערן פֿון איין סוראָגאַט צום אַנדערן, בלאָנדזשעט אַרום און זוכט ערגעץ וואו זיך אַהינצוטון אין דער נויט, ביז ער ווערט אויסגעמאַטערט, אָפּגעשוואַכט און לעשט זיך סוף־כּל־סוף אויס. און דעריבער, אויב דערדאָזיקער אינסטינקט שטיצט נאָך די

איינגעפאַלענע רעליגיע, און מחמת דעם, וואָס ער איז איר שטיצע, ווערט ער אַליין אויך פון איר געשטיצט, זענען דאָס טאַקע די לעצטע קאַמפן פון גוסן גלות, דאָס ראַנגלען זיך מיט דער גסיסה. אונזער רעליגיע-קאָנסטיטוציע וועט שוין לאַנג נישט קאָנען דערפילן איר נאַציאָנאַלע פונקציע אין גלות, וויבאַלד זי האָט נישט קיין אייגענעם באָדן צו דערנערן זיך, און דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג וועט זי קאָנען שטאַרקן נאָר אויף אַ קורצער צייט און בלויז אַ ביסל אָפּשטופן איר מפּלה. זיי האָבן זיך אין גלות קעגנזייטיק געשטיצט און מוזן אין גלות אויך צוזאַמענפאַלן.

צי איז אונזער אָרטאָדאָקסיע אין מערב, וואָס ווערט נאָך אומבאַוואוסטזיניק דערהאַלטן פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג, שוין נישט אויפן וועג פון אַסימילאַציע? צי דען שטרעבט זי ווייניקער, ווי די ליבעראַלע יידן, איינצוזאַפּן אין זיך די פרעמדע נאַציאָנאַלע קולטור און מעגלעך צו מאַכן די צונויפקלעפּונג מיטן פרעמדן פאָלקס-אָרגאַניזם?

יעדנפאַלס איז דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג אַליין נישט גענוג. עס איז בלויז אַן אילוזיע, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן אין שווערן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, בשעת די ראשי-המדברים פון נאַציאָנאַלער יידישקייט שטיצן זיך אויף אים און שעפּן פון אים האָפענונג פאַר דער צוקונפט אין גלות. אָן דער ערשטער פרימערער קראַפט פון דער רעליגיע וואָלט דערדאָזיקער אינסטינקט קיינמאָל נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרהיטן פון אונטערגאַנג אונזער פאָלקסטום אין גלות; ער וואָלט אונז נישט געקענט געבן דעם כּוח צו לעבן און צו שטאַרבן אַלס מאַרטירער. וואָס איז דען נאָך איצט אימשטאַנד צו טון דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וואָס איז שוין אויסגעליידיקט פון אינהאַלט און אויסגעטון פון די פאָרמען און האָט נישט קיין צופלוס פון נייע זאַפטן? ווי אַזוי קאָן עס אונז שיצן פאַר דער מאַכט פון דער פרעמדער ווירקלעכקייט, וואָס דראָט אונז צו פאַרשלינגען?

און אפשר וויל מען די האָפּענונג וועגן דער דויערהאַפטיקייט פון דער גלות-יידישקייט ליגן אויף דעם סאָציאָלאָגיש וויכטיקן פאַקט פון דער יידישער לעבנספרייד ?

ערשטנס, איז דידאָזיקע לעבנספרייד געווען אַ געפיל, וואָס איז געקומען אַלס העכסטער אויסדרוק פון לייטזעליקן גלויבן, וואו נישט דעם לעצטן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער גלויבן פון אונזער אתה-בחרתנושקייט און אַז מיר קאָנען נישט אונטערגיין; גלייכצייטיק איז זי אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דער אינערלעכער מאַכט-פּאָזיציע פון דער יידישער תורה. אויך האָט זי איר היסטאָרישן יסוד אין דער אָפּטי-מיסטישער לערע פון דער יידישער רעליגיע. דעריבער, צוגלייך מיט דער צעטרייסלונג פון דעמדאָזיקן גלויבן אין דערדאָזיקער לערע, ווערט אויך די לעבנספרייד אַלץ מער און מער געמינערט: די גייסטיקע שאַפונגען פון דער מאָדערנער יידישקייט זענען שוין זייער שטאַרק דורכגעמישט מיט פּעסימיסטישע שטרעמונגען און אונטער-שטרעמונגען.

צווייטנס, איז דידאָזיקע לעבנספרייד צווייטייטיק: זי איז פון אַ נאַציאָנאַלן און פון אַן אינדיווידועלן סאָרט. גראָד אָט די לעבנס-פרייד הויבט אונז אָפּט אויף איבער דעם נאַציאָנאַלן און גיט אונז אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ אַן עלאַסטישקייט, וואָס איז זייער נוצלעך פאַרן יחיד, אָבער שעדלעך פאַרן כלל. אונזער אָפּטימיסטישע שטרעבונג צום ציל צווינגט אונז זיך צוצופּאַסן צו דער פרעמדער אַרומיקער וועלט און אויסצוקעמפן זיך אין איר אַ שטאַרקע פּאָזיציע. די פּאָזיטיווע באַציונג צום לעבן, וואָס ליגט אין אונזער נאַטור, פירט צו אַ פּאָזיטיווער באַציונג צו דער פרעמד-נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט. און אָפּט זיגט דער אינדיווידועלער לעבנסווילן איבער דעם נאַציאָנאַלן.

## 5.

צו די אויסגערעכנטע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, וואָס פאַרשטאַרקן די לעבנספעאיקייט פון יידישן פאָלק, קומט צו נאָך איין נעגאַטיווער מאָמענט, וואָס ציט אָפּ די גסיסה פון גלות: דאָס איז דער ווידערשטאַנד פון די הערשנדיקע פעלקער קעגן אונזער אויפהערונג. יעדע אַסימילאַציע איז אַן אַקט פון צוויי צדדים, פון צוויי ווילנסאויסדרוקן, וואָס זענען איינשטימיק מיטאיינאַנדער: איין צד, וואָס וויל זיך אויסמישן צווישן אַנדערן, און איין צד, וואָס איז מסכים יענעם אויסצומישן אין זיך. אָבער די הערשנדיקע פעלקער שטעלן זיך אַקעגן און ווילן אונז נישט אַסימילירן. אפילו ווען מיר זענען מיטן גאַנצן האַרצן גרייט זיך צו לאָזן אויפעסן פון זיי, האָבן זיי על-פי-רוב כלל קיין חשק נישט צו דעמדאָזיקן געקעכץ. זיי וואַרפן אָפּ אונזערע פּראָבעס פון דערנענטערונג, שטויסן אונז אָפּ פון זיך, פאַרשפּאַרן אונז אין געזעענע און נישט געזעענע געטאָס, צווינגען אונז זיך צו פאַרייניקן אין אונזער אָפּגעזונדערטקייט; מיט איין וואָרט: זיי צווינגען אונז צו בלייבן יידן. פאַראַן זייער פיל מאָדערנע יידן, וואָס זייענדיק געצוואונגען דורך דער נישט יידישער געזעלשאַפט אָדער מלוכה — אין מערב איז עס דערהויפּט די געזעלשאַפט, אין מזרח האָט עס אויך געטון די מלוכה — בלייבן זיי, צי בכיוון, צי נישט בכיוון, אין אונזער כלל, אָדער ווערן צו אונז צוריקגעשטויסן. גרויס איז די צאָל פון דידאָזיקע אנוסים און פון די, וואָס זענען, צוליב אויסערלעכע אומשטענדן, געצוואונגען צוריקצוקערן; זיי זענען יידן, ווייל דאָס אַרויסגיין פון אונזער כלל, און, אַ פשיטא, דאָס אַריינגיין אין אַ פרעמדן כלל ווערט זיי געמאַכט אוממעגלעך אָדער פול מיט שטערונגען אָדער מאָראַליש נישט באַקוועם. באַטראַכט מען זיך נאָר, וויפל יידן לעבן אין אונזער סביבה קעגן זייער אייגענעם ווילן; יידן, וואָס שפּירן זייער ביסל יידישקייט אַלס אַ גרויס אומגליק, אַלס אַן אומגליק, וואָס שולדיק דערין איז בלויז די שנאה צו יידן, וואָס האַלט אָפּ אונזער אַנטגילטיקן

אונטערגאַנג; יידן, וואָס זייער האַרץ איז פול מיט שטרעבונגען און בענקשאַפט נאָכן אידעאַל פון באַלדיקן טויט פון אונזער פאָלקסטום און דערוואַרטן דעם משיח פון אַ פּראָגרעסיווער מענטשהייט, וואָס וועט ברענגען די גאולה פון דער יידישקייט, ד. ה. זי וועט מער נישט שטערן די אויפהערונג פון יידישקייט.

חוץ די שטרעבונגען, וואָס דער ווילן צו אַסימילאַציע געפינט אין דעם קעגנווילן פון די הערשנדיקע פעלקער, ווירקט נאָך אַן אינער-לעכער מאָטיוו, וואָס שטאַמט פון אַ אויסערלעכן גרונט: די פאַרפאָל-גונגען, די טויזנטערליי פאַרשיידענע צרות, וואָס מיר שטייען אויס כסדר מצד די הערשנדיקע פעלקער, שוואַכן ביסלעכווייז אָפּ דעם ווילן צו אַסימילאַציע. אַזוי אַרום אַנטשטייט דער צו להכעיס-ייד.

גרויס איז די צאָל יידן דורכן חסד פון אַנטיסעמיטיזם. היינט ווי שטאַרק איז די פּאָטענציעלע אַסימילאַציע, וואָס ווערט נישט דער-לאָזט בלויז דורך אַן אויסערלעכער קראַפט. אַ רעזולטאַט פון די אונטער-דריקונגען זענען אויך אונזערע וואַנדערונגען, וואָס האָקן איבער אונ-זער איינגעזעסנקייט אין איין לאַנד און ממילא אויך דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע.

* *

*

עס איז אַ גרויסער ספק, צי עס וואָלט נאָך היינט עקזיסטירט אין גלות אַ יידיש פאָלק אויסער די גרענעצן פון אונזער דת, ד. ה. אַ מאָדערנע יידישקייט, ווען די פעלקער וואָלטן געוואָלט גענייגט אונז איינצוזויגן אין זיך; ווען זיי וואָלטן אונז, לאָמיר זאָגן, פאַר צוויי הונדערט יאָר, אומעטום געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג און געעפנט דעם וועג צו אַסימילאַציע. יעדנפאַלס איינס איז זיכער: די פאַרפאָלגונגען אויף יידן, די אויסנאַמסגעזעצן האָבן זייער פיל מיטגעהאָלפן צו דער-האַלטן אַ מאָדערנע יידישקייט.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, ווי שטאַרק אונזערע שונאים האָבן

זיך באַטייליקט אין דער פֿאָרטזעצונג פֿון אונזער קיום אין מזרח. עס איז כּדאַי אָפּצושאַצן, וואָס פֿאַר אַ גרויסע נאַציאָנאַלע טובֿה עס האָט אונדז געטון, צום בײַשפּיל, די רוסישע „טשערטאַ אָסעדלאָסטי״, ווי מעכטיק וואָלט אָנגעוואַקסן און פֿאַרברייטערט געוואָרן דער שטראָם פֿון אַסימילאַציע, ווען אונזערע אונטערדריקער וואָלטן אים דידאָזיקע שטערונג אָפּגערוימט פֿון וועג; ווען די ייִדן וואָלטן באַקומען דאָס רעכט פֿון פֿרייער באַוועגונג און וואָלטן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו פֿאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד. מיר דאַרפֿן כּמעט דאַנקבאַר זײַן אונזערע באַדריקער, וואָס זיי האָבן פֿאַר אונדז געשלאָסן די טויערן פֿון אַסימילאַציע און זיך געזאָרגט דערפֿאַר, אַז אונזערע פֿאָלקסמאַסן זאָלן זײַן קאָנצענטרירט און נישט צעזייט און צעשפּרייט, זאָלן לעבן אין אָפּגעזונדערטקייט און אין אחדות, אָנשטאָט אויסגעמישט צו ווערן צווישן פֿרעמדע, זייענדיק צעריסן צווישן זיך; וואָס עס זענען אונדז אויך פֿאַרבליבן אונזערע ביבלישע נעמען, נישט שענדנדיק זיי דורך אַ פֿאַרוואַנדלונג אין איוואַן, יעפּים, וואַסיל א. ד. גל., וואָס פֿיל האָבן אַזוי פֿײַנלעך געבענקט נאָך דעם, און וואָס אויך דער שמד איז אונדז נישט לײַכט אָנגעקומען...

און אין מערבֿ, ווי שטאַרק איז געווען די באַטייליקונג פֿון אַנטיסעמיטיזם אין פֿאָרטזעצן דעם קיום פֿון ייִדישקייט און אין אַלע רירונגען און באַוועגונגען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג. דעם בעסטן סימן דערויף האָבן מיר אין די ווערטער פֿון ל ו א י ד ז ש י ל ו צ אַ ט אַ: „איך פֿיל מיך נישט אַלס ייִד, דאָך בין איך אַ ייִד יעדעס מאָל, ווען ייִדן ווערן פֿאַרפֿאָלגט״. פֿיל פֿון די בעסטע צווישן אונדז האָבן צוריקגעקערט צו זייער פֿאָלק דורך אַ געפֿיל פֿון געקרענקטן שטאָלץ; פֿיל אַנדערע, ווידער, האָבן צוריקגעקערט דורך אַ געפֿיל פֿון מיטלייד צו דעם געפּייניקטן פֿאָלק. פֿאַר אַ מאָראַלישן כאַראַקטער איז עס כּלל נישט קיין לײַכטע זאַך אַריבערצולויפֿן פֿון לאַגער פֿון די, וואָס לײַדן פֿון עוולות, צום לאַגער פֿון די, וואָס טוען די עוולות. און סוף-כּל-סוף איז דאָך דער איבערלויפֿער נישט זיכער, צי זײַנע קינדער אָדער קינדס קינדער וועלן נישט זײַן קיין אַנטיסעמיטן און

וועלן נישט מאַכן אָדער זיך באַטייליקן אין פּאָגראָמען אויף יידן ; די דערפאַרונג האָט אונז אין דער הינזיכט פיל געלערנט.

באמת, אונזערע שונאים האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די יידישקייט אין גלות.

אונזערע גוטע פריינט, די ליבעראַלן פון אַלערליי שאַטירונגען, האָבן דידאָזיקע נעגאַטיווע מאָמענטן פון אונזער עקשנות אין לעבן שוין לאַנג דערקענט, און דעריבער וואַרפן זיי אָפּ אלערליי באַגרענעצונגען און רעכט-פאַרשמעלערונגען, וואָס שיידן אונז אָפּ פון פאָלק און לאַנד, פאַרשטאַרקן אונזער אָפּגעזונדערטקייט און רופן אַרויס אַ יידישן נאַציאָנאַליזם. זיי פאָדערן, מען זאָל אונז מאַכן גלייך מיטן פאָלק פון לאַנד, ווייל נאָר דאָס אַליין איז אימשטאַנד צו באַזייטיקן יעדע שיידוואַנט צווישן אונז און דעם איבעריקן פאָלק און מעגלעך צו מאַכן אונזער אויפהערונג. און די דערפאַרונג לערנט אונז, אַז די ליבעראַלן האָבן פאַרשטאַנען בעסער ווי די אַנטיסעמיטן אונז צו פאַרניכטן אַלס פאָלק. די אָפּשאַפונג פון די בעזונדערע געזעצן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָפּשאַפונג פון יידישקייט, פון אַ נאַציאָנאַלן באַזונדערן לעבן.

איך וואָלט עס נישט געוואָלט זאָגן, נאָר איך טאָר עס נישט פאַרשווייגן : איך האָב מורא, אַז די אָפּשאַפונג פון לעצטן יידישן תחום אין די צענטערן פון גלות, וועט אויך ברענגען צו דער אָפּשאַפונג פון אונזער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע, פון אונזער לעצטן נאַציאָנאַלן באַצירק. איך האָב מורא, אַז די שעה, ווען מיר וועלן איבער דערדאָזיקער לעזונג פון דער יידישער פראַגע אויפשאַלן מיט פרייד, וועט זיין די שעה פון אַ נייער תקופה פאַרן וואוקס פון דער אסימילאַציע. אַזוי איז שוין אונזער מזל אין גלות : וואָס דאָ איז אַ גליק פאַר אונז, אַלס יחידים, איז אָפּט אַן אומגליק פאַר אונז, אַלס כלל.

* *

*

צי קאָנען אָבער דידאַזיקע נעגאַטיווע פאַקטאָרן גאַראַנטירן די דערהאַלטונג פון יידישקייט אין גלות? צי קאָנען מיר פון זיי שעפן האָפענונג פאַר אונזער צוקונפט? דאָס הייסט פאַר אַן עקזיסטענץ, וואָס איז אָפּהענגיק פון קיום פון אַנטיסעמיטיזם און פון ווידערשטאַנד קעגן אונזער פאַרשמעלצונג? כל־זמן די יידישע רעליגיע איז געווען שטאַרק און געשיצט אונזער אָפּגעזונדערטקייט, האָבן די הערשנדיקע פעלקער נישט געקענט אונז פאַרניכטן דורך שמד אָדער אַסימילאַציע; וויבאַלד אָבער די שיידווענט און די צוימען פון אונזער רעליגיע זענען גע־פאַלן, דאַן קאָנען שוין די הערשנדיקע פעלקער צווינגען אונז צו אָפּגעזונדערטקייט און צו דערהאַלטן אונז מיט געוואַלד. די אנוסים און צו להכעיס־יידן און אַלערליי אנדערע, וואָס זענען געבליבן יידן צוליב פאַרשיידענע סיבות, זענען תנאי־יידן, יידן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון אַ געוויסער באַדינגונג, און דידאָזיקע באַדינגונג קאָן שוין לאַנג נישט דויערן.

דער ווילן פון די פעלקער נישט צו אַסימילירן אונז ווערט מיטן פּראָגרעסירן פון דער קולטור כסדר אַ שוואַכער. צוגלייך מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג ווערט אויך געגעבן דאָס רעכט אויף אַסי־מילאַציע; נישט מער, וואָס די געבער מאַכן זיך נאָך געוויסע באַ־וואָרענישן און לאָזן אונז נישט געניסן דאָסדאָזיקע רעכט מיטן פולן מויל, פונקט ווי זיי טוען עס בנוגע די איבעריקע רעכט, וואָס זיי אַנערקענען פאַר אונז. נאָר וואָס פּראָגרעסיווער זיי ווערן, אַלץ מער ווערן זיי געניגט צו געבן אונז פולשטענדיקע גלייכקייט פון רעכט — און מיט דידאָזיקע רעכט אויך דאָס רעכט צו אַסימילירונג, וואָס איז גיכער אַ פאַרבאַדינג פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג און שטעלט ממילא פאַר נישט קיין רעכט, נאָר אַ התחייבות. ווען מיר אין צענטער פון גלות־יידנטום, אין רוסלאַנד, דערגרייכן די געשטרעבטע אויסגלייכונג

אין די רעכט, וועלן מיר דאַן צוזאַמען דערמיט דאָרט באַקומען אויך דאָס רעכט אויף אַסימילאַציע; און מען מעג זיך שוין פאַרלאָזן אויפן פּראָגרעס פון דער קולטור, אַז דאָסדאָזיקע רעכט וועט אונז שוין מער נישט פאַרשמעלערט ווערן און די געבער וועלן מיט זייער מתּנה מער נישט זיין אַזוי קאַרג. די נעמער וועלן זיכער אין אַ באַדייטנדיקן טייל זיך צואיילן שטאַרק אויסצונוצן אָט דאָס רעכט, בפרט אַז דאָסדאָזיקע רעכט איז אַ התחייבות.

אייגנטלעך זענען די פאַרפאָלגונגען אויף יידן און דער ווידער-שטאַנד פון די פעלקער קעגן אונזער דערנענטערונג נאָר אַ צוריק-ווירקונג פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום. די אויסערלעכע געטאָ-מויערן זענען רעאַגירונגען אויף די אינערלעכע שיידוועגט פון אונזער אַנדערשקייט; דער געלער פלעק איז אַ רעאַגירונג דערויף, וואָס דער ייד גיט אָפּ אַ באַקענטניש אַלס ייד און טראָגט דעם סימן, וואָס מאַניפעסטירט זיין יידישע טריישאַפט. וואָס מער עס פאַרטושט זיך אונזער נאַציאָנאַלער פּרצוף, אַלץ פריינטלעכער ווערט מען צו אונז; וואָס מער מיר פאַר-לייקן פון אונזערע נאַציאָנאַלע גיטער און ווערן אָרעמער, אַלץ מער איז מען גענייגט אונז צו אַסימילירן. די פאַרפאָלגונגען אויף יידן און דער ווידערשטאַנד פון די פעלקער קעגן אונזער אָנגלידערונג זענען שטענדיק גוטע סימנים און כּמעט אַ באַראָמעטער פאַר דער לעבעדיקער קראַפט פון דער יידישקייט; זיי באַווייזן, אַז אונזער אָרגאַניזם אַלס פרעמדער קערפּער איז נאָך נישט גענוג צעשטערט, כּדי ער זאָל מער נישט קאָנען אַרויסרופן אַ ווידערשטאַנד אין דער אַרומיקער וועלט. זיי זענען רעזולטאַטן פון אונזער באַזונדערן שטייגער, אָבער אַזעל-כע רעזולטאַטן, וואָס ווירקן צוריק אויף זייער סיבה. מיטן אָפּפאַלן פון דער פרימערער סיבה, פון דער אינערלע-כער קראַפט פון אונזער גלות-עקזיסטענץ, ווערן אויך באַזייטיקט די-דאָזיקע רעזולטאַטן, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַזונדערע סיבות און אין אַ שטיצע פון זייער יסוד.

געוויס האָבן אונזערע שונאים אַ חלק אין דער דערהאַלטונג פון אַ מאָדערנער יידישקייט אין גלות; געוויס זענען זיי באַטייליקט אין

איינטאַמעווען דעם שטראָם פון דער אַסימילאַציע. געוויס ווערן מיר, ווי הערצל זאָגט, דורך אונזער געמיינזאַמען פיינט צוזאַמענגעהאַלטן אַלס נאַציע. דאָך אָבער דאַרף מען נישט פאַרבייטן די רעאַקטיווע סיבה מיט דער עפעקטיווער. פונוואַנען שטאַמט דידאָזיקע סיבה, וואָס האַלט אונז צוזאַמען? זי איז דאָך נישט מער ווי אַ באַגלייטדערשיינונג פון אונזער צוזאַמענהאַלטן זיך אַלס פאָלק. דער געמיינזאַמער פיינט איז דער באַוויז און נישט דער גרונט פון אונזער נאַציאָנאַלער געמיינזאַמקייט; ער איז איר רעזולטאַט, וואָס ווירקט צוריק אויף זיינע סיבות און פאַרשטאַרקט אונזער געפיל פון אָנגעהעריקייט צו איינאַנדער. וויבאַלד אָבער עס ווערן לויז די אינערלעכע צונויפבינדונג און אחדות פון אונזער באַזונדערן אַרט לעבן, פאַרלירט אין אַ גלייכער מאָס די נאַציאָנאַלע שנאה דעם באָדן אונטער די פיס — און אונזער אויסערלעכע צוזאַמענהאַלטונג דורך אונזער געמיינזאַמען שונא, וואָס ווירקט צוריק אויף אונזער אינערלעכער צוזאַמענהאַלטונג, בלייבט אַליין אָן אַ יסוד.

דער יידישער כלל אין גלות איז, אַלזוי, געווען צוזאַמענגעבונדן און פאַראייניקט נאָר אַ דאַנק דער רעליגיע-קאָנסטיטוציע. און אונזער רעליגיע-קאָנסטיטוציע האַלט איצט אין צעפאַלן ווערן.

מיר מוזן נעמען אין אַכט נאָך איין פאַקטאָר, וואָס טיילמאָל באַשווערט ער דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג פון דער מאָדערנער יידישקייט. דאָס, וואָס מיר שטייען אין די מזרח-לענדער אינטעלעקטועל און מאָראַליש העכער איבער דעם קולטור-ניוואָ פון הערשנדיקן פאָלק, איז געווען און איז נאָך אין אייניקע לענדער אַ שטערונג צו אונזער אַסימילירונג. דידאָזיקע שטערונג ליגט אין דער טבע פון מענטשן, וואָס האָט די טענדענץ צו שטייגן אַרויף, נישט אַראָפּ.

נאָר גראָד דידאָזיקע באַטראַכטונג באַווייזט אונז, ווי אַנטשיידנדיק ס׳איז די נאַטורקראַפט פון דער אַסימילאַציע, אַז זי קאָן אויך בייקומען דידאָזיקע נאַטירלעכע שטערונג. די יידישע אַסימילאַציע אין רוסלאַנד

באַווייזט עס גאַנץ גענוג. וויפל שטאַפלען מוז דער ייד קולטורעל אַראָפגיין, כדי זיך צו אַסימילירן אין רוסישן פאָלק. און דאָך טוט ער דאָס; ער גייט זייער שנעל אַראָפ און אַסימילירט זיך. דער פאַרהעלטעניש־מעסיק נאָך זייער יונגער אַסימילאַציע־פּראָצעס אין דעמדאָזיקן קולטור־אָרעמען פאָלק האָט שוין באַוויזן טיף אַראָפּצוקוועטשן דעם קולטור־ניוואָ פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון אונזער פאָלק און צו דערציען אַ דור, וואָס שטייגט אַריבער אין דעגענעראַציע אונזער אַסימילאַציע־טיפ פון אַלע אַנדערע לענדער, און אַלס פאַרזעעניש פון נאַציאָנאַלער פאַרדאָרבנקייט שטעלט ער מיט זיך ממש פאָר אַן עטיש און עסטעטיש איבערשרעקנדיקן קריפּל.

נאָר חוצדעם, וואָס די נאַטירלעכע קראַפט פון דער אַסימילאַציע קאָן פון דער אויך אַזוי נאַטירלעכער שטערונג צוליב דעם אונטער־שייד פון די קולטור־שטאַפלען בלויז אָפגעהאַלטן ווערן, אָבער נישט אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן, האַלט דידאָזיקע שטערונג גופא שוין אויך ביים פאַרשווינדן, אין דער מאָס ווי די הערשנדיקע פעלקער האַלטן אין שטייגן קולטורעל אַרויף און אונזער עטישע קולטור האַלט אין גיין צוריק צוזאַמען מיט דער צעפאַלונג פון אונזער רעליגיע־קאָנסטיטוציע.

*

און איצט קומען מיר צום רעזולטאַט:

דער סוד פון צוויי־טויזנטיאריקן קיום פון אַן עקסטעריטאָר־יאַלער יידישערווירקלעכקייט איז דער סוד פון דער יידישער רע־ליגיע. אונזער שטייפע און צוגלייך פליסיקע געזעץ־קאָנסטיטוציע מיט אירע פילע פאָרמען און אַרומצוימונגען האָט אונז דערהאַלטן אין אָפ־געזונדערטקייט אויך אויסער די נאָרמאַלע נאַציאָנאַלע גרענעצן און אונז געבונדן אין גלות אַלס איינהייט: אַלס פאָלק אין אַ פאָלק, אַלס מלוכה אין אַ מלוכה. קוים אָבער ווערט דידאָזיקע אָפזונדערנדיקע און באַהעפטנדיקע קראַפט אויסגעטריקנט, אַזוי פאַרלירן מיר אונזער

גלותדיקן מלוכה-וועזן, אונזער מלוכה אויף אַ פרעמדן געביט, אונזער היים אויפן פרעמדן באָדן, און דערמיט פאַרלירן מיר יעדן נאַציאָנאַלן אָנהאַלט אין כלל פון די פעלקער. דער חורבן פון אונזער רעליגיע-קאָנסטיטוציע איז דער חורבן פון אונזער דריטן *בית-המקדש*, פון אונזער בית-המקדש אין גלות. דער איבערבלייבנדיקער גייסט פון יידישקייט, וואָס איז באַפרייט פון דער שווערקייט פון דת און גייט אַריין אין געביט פון אַלמענטשלעכן, איז שוין נישט אימשטאַנד צו *בילדן אַ נאַציאָנאַלן כלל*; ער פלאַטערט אַרום אין פרעמדע געשטאַלטן און ווירקט שוין בלויז אַלס רוח.

מיר שלעפן נאָך מיט מי אונזער אָפּגעזונדערטע עקזיסטענץ אין גלות, אָבער מיט וועלכע כוחות? מיטן כוח פון די לעצטע רעזערוון פון אונזער רעליגיע ביים מזרחי-יידנטום, וואָס בילדעט פאַר דעם יידישן כלל פון דער נייער צייט, אַזוי צו זאָגן, דעם נאַציאָנאַלן חוץ-השדרה און מיטן כוח פון דער קאָנסערווירונג-פעאיקייט אַלס אינער-ציע. דידאָזיקע פאָזיטיווע פאַקטאָרן ווערן אונטערגעשטיצט פון נע-גאַטיווע מאָמענטן, וואָס זענען שוין אָבער בלויז צוטשעפּענישן און באַגלייט-דערשיינונגען פון דעם רעשט פון יענע פאָזיטיווע פאַקטאָרן, און צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן רעשט וועלן זיי אויך פאַרשווינדן.

צי זעען מיר נישט אַ טרויעריק בילד פון אונטערגאַנג, בשעת מיר קוקן אויף יענע יידן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון די יידישע רעליגיע-געזעצן און פון די נישט יידישע אויסנאַמס-געזעצן? וואָס איז נאָך היינט די מאָדערנע יידישקייט אין מערב? אַ קאַריקאַטור, אַ גע-לאַטעטע מלאכה, אַ פאַרס. אין בעסטן פאַל איז עס אַ ווייטאָקלעך נאָכציטערן פון דעם, וואָס איז געווען, אויב נישט בלויז אַ פאַרגליווער-טער סימבאָל פון דעם אַמאָל, אַ יידישקייט פון פיעטעט, אַ בית-עלמין-יידישקייט; אָדער עס איז די מאַניפעסטירונג פון אַ ווילן, די האָפענונג פון אַ צוקונפט, אויב נישט גלאַט אַ בענקעניש און אַ שטרעבעניש אָן מעשים. וואָס אָבער איז דער פאַקטישער מצב, פון דער מאָדערנער יידישקייט, ווען מען זאָל עס אַ שטייגער, אָפּשאַצן אַלס פאָלקס-פאַר-מעגן, אַלס קאַפּיטאַל פון נאַציאָנאַלע קרעפטן? צי מעג מען באַצייכענען

אַלס יידיש לעבן אַ פרעמדנאַציאָנאַלע טיפע קולטור-שיכט, וואָס איז בלויז איבערגעצויגן מיט אַ דינעם יידישן קאַלך ? איז עס נישט גיכער אַן עוולה, וואָס מען גיט עס דעם נאָמען יידישקייט, בשעת עס איז נישט מער ווי אַ רעליקוויע אָדער אַ צולאָג צו אַ פרעמדן עיקר ? צי איז דער נאָמען, וואָס איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון זיין אינהאַלט, נישט קיין חלול-הקודש און קיין פאַרשוועכונג פון יידישקייט ?

---

## קאפיטל דריי.

# ארץ־ישראל אלס נאציאנאלער צענטער.

די היסטארישע גלות-צענטרען. — דער מאנגל פון א נאציאנאלער נארמע פארקלענערט די מעגלעכקייט פון אסימילאציע. — די עקזיסטענץ-פארם פון אן אנטיידישטן יידנטום. — די נאציאנאלע נארמירונג אין ארץ-ישראל און אירע רעזולטאטן אין גלות. — צענטער. און פעריפעריע אין פעריאד פון נאציאנאלער בילדונג און אין פעריאד פון נאציאנאלער קריסטאליזירונג. — מעגלעכקייט פון א צעפאלונג אין צוויי יידנטומס.—דאס רעליגיעזע אחדות-באוואוסטזיין און כלל-באוואוסטזיין.— גרענעצן פון נאציאנאלן איבערגאנג. — יידנטום, וואס איז צוגעבונדן צו זיין ערד, און אוניווערסאל-יידנטום.

### I.

עס איז פארשטענדלעך, אז ביי יעדן, ווער עס זעט איין די נאציאנאלע באדייטונג, וואס עס האבן געהאט די אמאליקע קולטור-צענטרען פון יידישקייט אין גלות, קאן ארויפקומען דער געדאנק וועגן א גייסטיקן צענטער אין ארץ-ישראל. אבער דידאזיקע גזירה-שוה, דערדאזיקער אויספיר דורך א פארגלייך, איז פאלש און פירט אויף פאלשע וועגן.

כל-זמן אונזער רעליגיעזע געזעץ-קאָנסטיטוציע האָט געפורעמט די יידישע ווירקלעכקייט, איז אונזער פאָלק אין אַלע לענדער פון גלות געווען באַשטימט איינהייטלעך. די לעבנסקראַפט פון יידישקייט איז נישט געווען לאָקאַליזירט אין אַ צענטער, זי איז געווען אויס-געשפרייט און פאַנאַנדערגעטיילט איבער דער גאַנצער פעריפעריע; איר קוואַל האָט זי געהאַט אין דער תורה, וואָס האָט אונז אומעטום פאַרייניקט צווישן זיך און אונז אָפגעזונדערט פון אַנדערע. מיר האָבן אויף אונזער וואַנדערוועג מיטגעפירט מיט זיך אונזער בית-המקדש, געטראָגן אין זיך אונזער האָב און גוטס; וואו נאָר עס האָבן געלעבט יידן, איז געווען אַ יידיש כלל-לעבן. די שכינה האָט געוואַנדערט מיט איר פאָלק און עס באַשיצט אין אַלע ערטער פון זיין צעשפרייטונג. דער צענטער איז געווען דער בולטער פונקט אין יידנטום, דעריעני-קער פונקט, וואָס איז, לויטן כמות אָדער איכות—אָדער לויט ביידע צוזאַמען—געווען שטאַרקער פון אַלע איבעריקע פונקטן; דער צענטער איז געווען דער אויבנאָן פון דער יידישקייט, די רעזידענץ פון אונזער סנהדרין, פון אונזערע רבנים, פון אונזער העכסטער מאַכט, אָבער נישט דער איינציקער אָנהאַלט פון דער נאַציע. צווישן דעם צענטער און דער פעריפעריע איז געווען בלויז אַן אונטערשייד לויט זייער מדרגה.

וויבאַלד אָבער אונזער געזעץ-קאָנסטיטוציע האָט אויפגעהערט אונז אַלעמען צו פאַרייניקן, מחמת זי איז שוין נישט פאַר אַלעמען גילטיק, דאַן איז די נאַציאָנאַלע צונויפבינדונגס-קראַפט פון דער עקסטעריטאָריאַלער יידישקייט אויסגעלאָשן געוואָרן, און אַ צענטער אין ארץ-ישראל באַדייט דאַדורך דעם איינציקן אָנהאַלט פון דער נאַציע; ער איז דאַן נישט דער בולטער, נאָר דער איינציקער פונקט, וואָס אין אים איז איינגעוואָרצלט אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. צווישן דעם צענטער און דער פעריפעריע ליגט דעריבער אַ וועזנטלע-כער אונטערשייד.

ווי אַזוי קאָן ארץ-ישראל ווערן די גייסטיקע שפייזערין פאַר די יידן אין גלות, וויבאַלד זיי האָבן פאַרלוירן זייער אינהאַלט, וואָס

פֿורעמט די ווירקלעכקייט, און צוזאַמען מיט אים אויך די ענגע פֿאַרמען פֿון זייער פּאַקטישער אָפּגעזונדערטקייט? ווי אַזוי קאָן דערהאַלטן ווערן אַ יידישקייט, וואָס האָט שוין נישט איר עקזיסטענץ-גרונט אין זיך אַליין, נאָר איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון אַן אויסערלעכן לעבנס-קוואַל? אפֿילו אויב ארץ-ישראל וועט, ווי אחד העם זאָגט, אויספֿירן יענע אייגנאַרטיקע פֿונקציע, וואָס באַשטייט אין צושטעלן כסדר פֿאַרן גלות „גייסטיקע שפּייז״, ווי ווייט דער גלות זאָל זיך נישט פֿאַרשפּרייטן, — אַזוי וועט דאָך דערדאָזיקער אימפּאָרט זיין בלויז אַ מין קאָמפּאָט, אַ גייסטיקע נאַשעריי, אַ מין כיבוד פֿאַר דער שבת-דיקער „נשמה יתירה״; אָבער די הויפּט-שפּייזן, די טאָגטעגלעכע דערנערונג זייערע וועלן די אין גלות צעשפּרייטע יידן זוכן אין זייער דירעקטער נאָענטשאַפֿט און וועלן עס געפֿינען אין גייסט פֿון זייער סביבה. אויב אונזער לעבן וועט אין זיין אַלטעגלעכקייט און וואָכעדיקייט געשפּייזט ווערן פֿון דער פֿרעמדער קולטור, אַזוי וועט דער גייסט פֿון יידישקייט נאָך געפֿינען אַ שטיקל פּלאַץ בלויז אין דער קדושה פֿון שבתדיקייט און יום-טובדיקייט; אַזוי-אַרום וועט דער צענטער נאָר אַ ביסל שטערן די אַסימילאַציע אין דער פּעריפֿעריע און זי צוקאָרמענען מיט גייסטיקער שפּייז. און אויך דידאָזיקע נאַציאָנאַלע פֿונקציע פֿון טאַמעווען די אַסימילאַציע קאָן נישט לאַנג דויערן.

צי דען איז אַזאַ מעכטיקע מלוכה, ווי דייטשלאַנד, געווען אימשטאַנד צו ווערן אַ גייסטיקער צענטער פֿאַר די מיליאָנען זין אירע אין אַמעריקע און אַרומצובינדן די דייטשן מיט אַ רייף, וואָס זאָל זיי נישט דערלאָזן זיך אָפּצורייסן פֿון זייער נאַציאָנאַלער צוזאַמענגעהעריקייט? היינט ווי קאָן שוין דאָס קליינע, יונגע יידישע ארץ-ישראל האָבן פֿון ווייטן אַ ווירקונג אויפֿן ווייט צעשפּרייטן גלות און געבן קראַפֿט און קיום אַזעלכע יידן, וואָס זענען צעבראָקלט צווישן שטאַרקע נאַציעס און זייערע טראַדיציאָנעלע בענדער זענען לויז געוואָרן?

אַ רייפֿע דערקענטעניש פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע קאָן זיך נישט

באַנוגענען מיט בלויז שטעלן דידאָזיקע פֿראַגן. גיכער שוין פֿירט זי צום איינזען, אַז דער אחד-העמישער געדאַנק פֿון אַ גייסטיקן צענטער שטייט אין סתירה מיט די פּאָסטולאַטן פֿון דער נאַציאָנאַלער יידישקייט.

מעגלעך, אַז דער צענטער וועט לכתחילה זיין די זון און דער לייכטטורעם פֿון דער נאַציע, וועט אַרויסשיקן שטראַלן אין אַלע גלות-לענדער און וועט באַלעבן די פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿענע גלידער פֿון פֿאָלק. דאָך וועט נאָר אין דער ערשטער צייט אַרויסשטראַלן פֿון אים ליכט און וואַרעמקייט אין דער ווייטקייט אַריין; לויט זיין גאַנצן מהות אָבער קאָן דער צענטער אויפֿטון בלויז די עובדא, וואָס ער וועט צוהעלפֿן די אויסלעשונג און אָפּקילונג פֿון די פֿאָלק-רעשטלעך אין דער פּעריפֿעריע און וועט פֿאַרשנעלערן די דורכפֿירונג פֿון אַ פֿול-שטענדיקער אַסימילירונג פֿון די יידן, וואָס זענען פֿאַנאַנדערגעטיילט אין גלות.

דער מאַנגל פֿון אַן אמתדיק נאַציאָנאַלער יידישקייט, פֿון אַ יידיש לעבן, וואָס ווערט באַשטימט דורך די עלעמענטאַרע אַטריבוטן פֿון נאַציאָנאַלערווירקלעכקייט — ווי טעריטאָריע און שפּראַך — פֿאַרקלענערט די מעגלעכקייט פֿון אונזער אַסימילירונג. דאַדורך, וואָס אין ארץ-ישראל וועט ווידער אַנטשטיין אַ נאַציאָנאַל געפֿורעמטע יידישקייט, וועט שטאַרק פֿאַרלייכטערט ווערן די ענדגילטיקע איינאָרדענונג פֿון די אַסימילירטע גלות-יידן אין נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פֿון די הערשנדיקע פֿעלקער.

פֿאַר אַלע וועלטלעכע פֿעלקער איז פֿאַראַן אַ נאַציאָנאַלער איבערגאַנג, דאָס הייסט: ביי זיי איז מעגלעך, מען זאָל אין נאַציאָנאַלן זין אַרויסגיין פֿון איין נאַציע און אַריינגיין אין אַן אַנדערער. אַז מען זיצט אָפּ אין פֿאַרלויף פֿון דורות אין איין לאַנד, אַז מען ווערט איינגעבירגערט אין פֿרעמדן כּלל פֿון שפּראַך און קולטור, ווערט דערמיט דורכגעפֿירט דער איבערגאַנג פֿון איין נאַציאָנאַלער אָנגע-

העריקייט צו אן אנדערער. פאראן נאציאנאל-אנגעצייכנטע גרענעצן, וואס מען קאן זיי אריבערשפרייזן.

אנדערש איז עס אבער מיט יידישקייט. אונזער צוויי טויזנט-יעריקע עקזיסטענץ אויסער די נאציאנאלע נארמאלע גרענעצן ברענגט דערצו, וואס אונזער נאציאנאלער איבערגאנג ווערט נישט דערקענט און נישט אנערקענט. אפילו די-יעניקע, וואס שטאמען פון יידן און זענען אמטיפסטן און אמאיגערלעכסטן אסימילירט, גילטן נאך אלץ אלס יידן פאר זיך אליין און פאר אונז און פאר אנדערע. זיי זענען אבער נישט קיין יידן. אויב מען זאל זיי באטראכטן פון שטאנדפונקט פון נאציאנאלן קריטעריום, האבן זיי שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין יידן, האבן זיי שוין לאנג פארשפילט דאס רעכט צו טראגן דעם נאמען ייד. זיי זענען אויסגעווארצלט געווארן פון יידישן פאלק. זיין שפראך איז זיי פרעמד, זיין נאציאנאל פארמעגן איז זיי נישט טייער; זיי לעבן נישט מיט זיין גייסט, מיט זיין עטאס. זיי זענען דערווייטערט פון זיין קעגנווארט און טוען גארנישט פאר זיין צוקונפט. טא פאר-וואס הייסן זיי נאך אלץ יידן?

זיי זענען איינגעווארצלט אין אן אנדער קולטור; זיי זענען די פראדוקטן פון דערדאזיקער קולטור, זיי זענען אירע פראדוצענטן, זיי דענקן און פילן אין דער שפראך פון פאלק פון לאנד, זויגן איין אלע זאפטן פון זיין ליטעראטור, ווערן מיט אים געשפייזט פון דיזעלבע כוחות אין שטוב און אין שול, שעפן מיט אים צוזאמען פון דעמ-זעלבן פאלקסקוואל און העלפן מיט צו שאפן זיינע הייליקסטע ווערק. זיין נאציאנאל פארמעגן איז אויך פאר זיי דאס טייערסטע און העכסטע און גרויס איז זייער באטייליקונג אין דער פארמערונג פון זיינע נא-ציאנאלע ווערטן. טא פארוואס קוקט מען נאך אלץ אויף זיי ווי אויף יידן?

זיי לעבן אין גייסט פון נישט יידישע געזעצן, זיטן, מנהגים, לעבן אין גייסט פון נישט יידישע טראדיציעס, פון נישט יידישער היסטאריע, פייערן נישט יידישע ימים-טובים—בילדונגען פון מיסטישע פארשטעלונגען, סימבאלן פון געצנדינערישן און קריסטלעכן גאטס-דינסט.

ערינערונגען פון נישט יידישע מלחמות און נצחונות, פון נישט יידישע העלדן און העלדישע מעשים — און זיי האָבן מער נישט קיין שייכות צו די יידישע ימים-טובים און טרויערטעג, וואָס דערוועקן נישט אין זייער האַרצן קיין שום עכט געפיל. זיי זאָרגן זיך מיט מסירת-נפש וועגן דעם נאַציאָנאַלן גליק פון נישט יידישן כלל, לעבן און זענען מקריב מיט באַגייסטערונג און ליידנשאַפט זייער בלוט פאַר זיין נאַציאָנאַלער צוקונפט. בכן איז נישט יידיש זייער לעבן אין זיין גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט, אין זיינע אינהאַלטן און פאָרמען, אין זיינע ווירקלעכקייטן און סימבאָלן, נישט יידיש אין זיינע ערינערונגען, שטרעבונגען און האָפענונגען, נישט יידיש אין זיין אַלטעגלעכקייט און יום-טובדיקייט, אין זיין וואָכעדיקייט און הייליקייט. טאָ פאַרוואָס ווערן זיי נאָך פאַררעכנט פאַר יידן? פאַרוואָס ווערן זיי נאָך באַצייכנט אַלס יידן דורך אונז און דורך אַנדערע?

ווייל דאָס יידישע פאָלק אין גלות האָט נישט קיין נאָרמאַלע גרענעצן, וואָס מען זאָל זיי קאָנען אַריבערשפּריינגען. דערפאַר, וואָס מיר לעבן אויסער דידאָזיקע גרענעצן, קאָן מען נישט באַמערקן און עס לאָזט זיך נישט באַשטימען, ווען אונזער לעבנסשטייגער רוקט זיך אַרויס פון די נאַציאָנאַלע גרענעצן. די ווירקלעכקייט פון אונזער פאָלקישער עקזיסטענץ איז נישט קיין וועלטלעך נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט-כמות, און דעריבער לאָזט זיך אויף איר נישט אָנווענדן דער נאַציאָנאַלער מאַסשטאַב. דעריבער ווערט איר גילטיקייט נישט פאַרקלענערט דורך איר נאַציאָנאַלער פאַרמינערונג. אפילו ווען זי ווערט פאַרמינערט ביז צום פונקט פון נול, פאַרלירט זי נאָך אַלץ נישט דעם כלומרשטן שיין פון יידישקייט, כאָטש זי איז שוין אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאַלט.

מיר האָבן נישט אין ערגעץ קיין קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ-פאָרמען, וואָס לויט זיי זאָל קענטיק ווערן די נאַציאָנאַלע דיספאָרמירונג פון איין פאָלקסטייל. מיר האָבן נישט אין ערגעץ קיין פולוווערטיקן נאַציאָנאַלן מוסטער, וואָס לויט אים זאָל מען קאָנען

דערקענען די אנטוועורטונג. מיר באַזיצן נישט אין ערגעץ קיין פול־שטענדיקן טיפּ פון אַ נאַציאָנאַלער יידישקייט, כּדי לויט אים פעסט־צושטעלן די דעגענעראַציע אַלס נאַציאָנאַלן פרעמדן שטייגער און אים דעריבער אָפּצוטיילן פון אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם. מיר אַליין, און מכּל־שכּן די גויים, שטעלן כּמעט נישט קיין שום נאַציאָנאַלע תּביעות פאַרן רעכט צו הייסן ייד. עס איז גענוג, אז מען זעט אויסערלעך אויס ווי אַ ייד; עס איז גענוג אַ כּלומרשט יידישע נאָז, כּדי צו זיין און צו גילטן אַלס ייד.

אונזער פאָלקסטום האָט אין גלות עקזיסטירט אָן די נאָרמאַלע סימנים פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; אַלע פאַררייבונגען און פאַר־דרייעניש פון אונזער נאַציאָנאַלן פּרצוף זענען דעריבער נישט אים־שטאַנד אָפּצוועקצונעמען פון אונז דעם כּאַראַקטער פון אונזער יידישקייט. דווקא דידאַזיקע אַפּרייבונגען און פאַרטושונגען זענען סימנים פון אונזער נאַציאָנאַלן פּנים אין גלות.

דאָס איז די איראָניע פון אונזער נאַציאָנאַלער אַנאָמאַליע אין גלות. דערפאַר, וואָס מיר האָבן מיטן כּוח פון דער רעליגיע געהאַט אַ צוויי טויזנט־יעריקן קיום אין אַן אַבסטראַקציע פון עלעמענטאַר־נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, דעריבער גילט נישט פאַר אונז דאָס נאַציאָנאַלע קריטעריום, דעריבער איז פאַר אונז נישטאָ קיין נאַציאָנאַל אַרויסטרעטן, קיין נאַציאָנאַל אַריבערטרעטן, קיין נאַציאָנאַלער שמד. דאָס קאָנפעס־יאָנעלע קריטעריום, ווידער, באַציט זיך אויפן סוביעקטיוון מאָמענט פון דער באַקענטעניש און לעגיטימירט דאָס אַרויסטרעטן און אַריבער־טרעטן ערשט נאָכדעם, ווי עס ווערט דורכגעפירט אַ פאָרמעלער רעליגיעזער אַקט. און דעריבער גילטן אַלס יידן אויך די „שטאַם־גענאָסן", וואָס, אָביעקטיוו באַטראַכט, זענען זיי שוין לאַנג קיין יידן נישט; די־יעניקע, וואָס זענען נאַציאָנאַל פון יידישן פאָלקסטום אַרויסגעטרעטן, זענען נאַציאָנאַל אַריבערגעטרעטן; די אַזויגערופענע „גלויבנסגענאָסן", וואָס זענען אי אינערלעך, אי אויסערלעך אָפּגעריסן פון דער יידישער רעליגיע און זענען כּלומרשט מיט איר פאַרבונדן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט דורכגעפירט אַ געוויסע פאָרמאַליטעט.

זיי זענען יידן נישט דורך עפּעס אַ פּאָזיטיוון אינהאַלט, זיי זענען יידן בלויז אין נעגאַטיוון זין; זיי זענען נישט געשמדט. און אפילו געשמדטע יידן ווערן געשאַצט אַלס יידן; פאַר זיי ווערט דאָס רע־ליגיעזע קריטעריום אָפּגעשאַפט צוליב דעם נאַציאָנאַלן. דעריבער איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט זיך אויסצובירגערן פון יידנטום.

אַזוי־אַרום האָט געקענט אַנטשטיין יענער מערקווירדיקער באַגריף, וואָס ווייזט אַרויס אונזער נאַציאָנאַלע אַנאָמאַליע אין איר טראַגישער קאָמיק, דער באַגריף: א ס י מ י ל י ר ט ע  י י ד ן. איז עס דען נישט אַ נאָנסענס, אַ סתירה אין זיך גופא? אַסימילירטע יידן — דאָס הייסט יידן, וואָס זענען נישט קיין יידן. נאָר אונזער נאַציאָנאַלע אַנאָמאַליע האָט געקאָנט אַרויסגעבן אַזאַ מין לאָגיש סתירהדיקן און צוגלייך שענדלעכן טערמין.

דורך דער שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלן צענטער אין ארץ־ישראל וועט אין דערדאָזיקער לאַגע אַריינטרעטן אַ טיף דערגרייכנדיקע ענדערונג און אפילו אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש. די יידישקייט וועט באַקומען ריין נאַציאָנאַלע אַטריבוטן. דאָס וועלטלעך נאַציאָנאַלע קרי־טעריום וועט באַשטימען און פעסטשטעלן אויך די יידישקייט. דער באַגריף „ייד" וועט באַקומען אַ באַדייטונג, וואָס האָט אין נאַציאָנאַלן זין דעמזעלבן ווערט, ווי די באַגריפן: דייטש, פראַנצויז, ענגלענדער. ייד, ריכטיקער: העברעער, וועט דאַן הייסן דער, וואָס זיין פאָטער־לאַנד איז ארץ־ישראל, זיין שפּראַך איז העברעיש. די אַלע אַזויגערו־פענע שטאַמגענאָסן און גלויבנסגענאָסן, וואָס האָבן אַן אַנדער פאָטערלאַנד, וואָס זענען איינגעוואָרצלט אין אַן אַנדער שפּראַך און קולטור, לעבן און שטאַרבן פאַר אַן אַנדער כּלל לעבן, וועלן מער נישט קאָנען מיסברויכן דעם נאָמען ייד; דערדאָזיקער נאָמען וועט זיי אויך נישט אָנגעוואָרפן ווערן מיט געוואַלד. זיי וועלן הייסן דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער אַ. אַז. וו. אָן דער זינלאָזער ביילאַגע „יידישער". ווי מענטשן, וואָס שטאַמען פון יידן, וועלן זיי נאָך פאָרשטעלן מיט זיך אַן אַרכיוויש־ן פאָרשונגס־קעגנשטאַנד פאַר פלייסיקע גענעאַלאָגן; די רעשטלעך פון זייער בלאַסער יידישקייט מיט איר פּנים פון אַ גייסטיקן געשפּענסט

וועלן נאָך פֿאַרשטעלן אַ וויסנשאַפֿטלעכן אינטערעס העכסטנס פֿאַר טעאָרעטיקער פֿון דער וויסנשאַפֿט וועגן גייסטיקער ירושה.

מען דאַרף נאָר באַטראַכטן, וואָס פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער חלול־הכּבֿוד עס ליגט שוין בלויז אין דעם פֿאַקט, וואָס מען רופֿט זיך ייִד און מען פֿאַרשטייט אַפֿילו נישט קיין העברעיִש. וואָסער אַנדער פֿאָלק וואָלט זיך נישט געשעמט צו שטעלן זײַנע זין אַזוי ווינציק פֿאָדערונגען? וואָס פֿאַר אַן אַנדער פֿאָלק וואָלטן די נאַציִעס פֿון דער וועלט גע־שטעלט אַזעלכע באַליידיקלעך ווינציקע פֿאָדערונגען ביים אָפּשאַצן די נאַציאָנאַלע קוואַליטעטן, וואָס אַנטשיידן וועגן דער נאַציאָנאַלער אָנ־געהעריקייט פֿון אַ אינדיווידיאום צום אַנטשפּרעכנדיקן פֿאָלק? פֿאַר אונדז און פֿאַר זיי איז גענוג אַ ייִדישע נאָז... און נאָך דאַרף מען באַטראַכטן, וויפֿיל מאַנגל פֿון נאַציאָנאַלער ווירדע עס דריקט זיך אויס דערין, וואָס מיר ווענדן זיך צו די אַסימילירטע ייִדן, וואָס אַנטלויפֿן פֿון אַלעם ייִדישן, אַזוי ווי צו ייִדן; מיר לויפֿן זיי נאָך און מיר פֿאַרפֿאָלגן זיי ממש דערמיט, וואָס מיר דערמאָנען זיי זייער אָפּ־שטאַמונג און דעקן אויף זייער ביסל ייִדישקייט. אויפֿן גרונט פֿון זייער אַנטדעקטן ספֿר־היוחסין, פֿון וואָס זיי האָבן זיך שוין אָפּגע־שאָקלט, אויפֿן גרונט פֿון דעם אויסגעפֿאָרשטן ביסל כּלומרשטער ייִדישקייט, וואָס זיי פֿאַרלייקענען אָדער באַדויערן עס אַלס ירושה־לאַסט, רעכענען מיר זיי אַריין אין אונזער פֿאָלקסטום.

וויבאַלד אָבער אונזער פֿאָלק וועט באַקומען זײַן נאַציאָנאַלן חותם אין ארץ־ישׂראל, דאַן וועט די ייִדישקייט דערקענט ווערן — סיי דורך אונדז און סיי דורך דער אַרומיקער וועלט — לויט קלאָרע און דײַטלעכע סימנים פֿון נאַציאָנאַלער עכטקייט; און זי וועט מער נישט קאָנען געפֿעלשט ווערן. ווער און וואָס עס וועט נישט האָבן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע סימנים, וועט נישט זײַן קיין ייִד, וועט נישט זײַן ייִדיש. אַ ייִדישקייט אַלס ביילאַגע, אַלס צוגאָב, אַלס איבערפֿאַרבונג און איבער־קאַלכונג פֿון אַ פֿרעמד־נאַציאָנאַלער קולטור, וועט נישט קאָנען האָבן קיין קיום. די ארץ־ישׂראלדיקע ייִדישקייט וועט בילדן די גאַראַנטיע

פאַר אַלץ, וואָס איז ייד און יידיש און וועט די פיקטיווע יידישקייט מאַכן אומגילטיק. אויב מיר וועלן אין ארץ־ישראל דערגרייכן נאַציאָנאַלע פולווערטיקייט, וועט דאַן אין ערגעץ מער נישט זיין קיין פלאַץ פאַר דער שווינדזוכטיקער יידישקייט, אָן גלאַנץ און אָן זאַפט, וואָס אירע שפּענדלעך זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און שטויסן זיך אָן אויף שאַנד און פאַראַכטונג, ווייל זיי וואַרפן אָן אומעטום אַ מורא; עס וועט נישט זיין קיין פלאַץ פאַר אַ צעקריפּלטן און צעקאַלעטשעטן יידנטום, וואָס שלעפּט אַרום זיין נאַציאָנאַלע שאַנד אין דער גאַנצער וועלט און איז עס מפקיר אָן שום בושה. עס וועט אַנטשטיין אַ יידישער פולער טיפּ, געגרינדעט אין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ-פאָרמען; עס וועט אַרויסטרעטן אַ טיפּ פון אַ גאַנצן יידן — און דאַן בלייבט נישט קיין מעגלעכקייט פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פראַגמענטאַרישן יידנטום, פון אַ ברעקלדיקן יידנטום, וואָס באַשטייט פון שטיקלעך און ברעקלעך, פון האַלבע יידן און פערטל יידן; פון יידן, וואָס זענען נישט יידיש, וואָס לעבן אין אַ נישט יידישער שפּראַך און קולטור-כּלל. די יידישקייט, וואָס וועט זיין צוגעבונדן צו דער ערד, וועט באַקומען נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, און דאָס באַדייט: דער באַגריף פאַר דער צונויפפאָרונג פון יידישקייט און דייטשישקייט, יידישקייט און פראַנצויזישקייט א. אַז. וו., דערדאָזיקער באַגריף, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דאַדורך, וואָס אונזער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער ווערט נישט אָנערקענט, וועט פאַרשווינדן. אַ דייטשער ייד, אַ פראַנצויזישער ייד — דער באַגריף וועט זיין פונקט אַזאַ אומזין, ווי דייטשער פראַנצויז, פראַנצויזישער דייטש. שוין בלויז דער שפּראַך-רענעגאַט וועט מער נישט גילטן אַלס ייד. יענע נאַציאָנאַלע קאַליקעס יידן, וואָס רעדן נישט קיין העברעיש, וועלן מער נישט זיין יידיש און וועלן ממילא נישט זיין קיין קאַליקעס.

דידאָזיקע ענדערונג דאַרף אויך פּסיכאָלאָגיש פאַרשטאַנען ווערן. אויב אַ פאָלק האָט פאַרלוירן זיין נאַציאָנאַלע נאָרמע, איז נאָך אפשר מעגלעך, אַז זיינע גלידער זאָלן ווייטער עקזיסטירן און אנערקענט ווערן אַלס איינהייט, טראָצדעם, וואָס זיי זענען אַ ל ע נישט

נאָרמאל; *מיט דער צייט ווערט טאקע דערדאָזיקער פעלער גופא א מערקווירדיקער כאראקטעריסטישער סימן פאר דער נאטור פון פאָלק.* וויבאלד אָבער דאָס פאָלק באקומט צוריק זיין נאציאָנאלע נאָרמע, דאן קאָן מען שוין מער נישט איינפאסן אין זיין איינהייט די גלידער, וואָס זענען ווייטער געבליבן אומנאָרמאל: זיי מוזן אָפפאלן.

כל-זמן אונזער פאָלקסטום האָט מיטן כוח פון דער רעליגיע געהאט א קיום *אונטער דער נאציאָנאלער נאָרמע* — ווי טעריטאָריע, שפראך — האָט דערדאָזיקער פעלער אפילו געקאָנט גילטן אלס כאראקטעריסטישער סימן פון יידישקייט. וועט אָבער אונזער פאָלקסטום נאציאָנאל פאָרמירט ווערן אין ארץ־ישראל, דאן וועט די אנאמאליע פון גלות-יידנטום נישט קאָנען ווייטער וואקסן, ווי ווילדע גראָז; דאָסדאָזיקע דעגענערירטע יידנטום וועט נישט קאָנען פארייניקט ווערן אין איין גאנצקייט מיטן דעגענערירטן יידנטום אין ארץ־ישראל און בילדן מיט אים איין פאָלקס־כלל. אזוי ווי אלע וועלטלעכע פעלקער, וועט אויך דאָס יידישע פאָלק האָבן נאציאָנאלע נאָרמאל־גרענעצן; די, וואָס וועלן לעבן און ווירקן אויסער דידאָזיקע גרענעצן, וועלן נישט זיין קיין יידן. מיר וועלן באקומען נאציאָנאלע ריינקייט און דאָס אומריינע און געמישטע וועט אָפגעזונדערט ווערן פון אונזער פאָלקסקערפער. צווישן ארץ־ישראל און דעם גלות וועט זיך אויפעפענען אן אָפגרונט.

בכן וועט דער נאציאָנאלער צענטער, די קאָנצענטראציע אין ארץ־ישראל, פארשנעלערן דאָס לאנגזאמע פארוועלקן פון גלות, וועט מאכן א סוף צו דער פיינלעכער גסיסה און וועט מעגלעך מאכן א פולוועריקע אסימילירונג אין גלות, אין מישמאש פון די פעלקער. דאס העברעישע ארץ־ישראל וועט אזוי ווי ארויסלאָזן א פראָקלאמאציע: דאָ נאציאָנאלער ווידערגעבורט, דאָרט נאציאָנאלער טויט. און דאן וועט עס הייסן — אָדער אהין אָדער אהער: אָדער א גאנצער ייד, א העברעישער ייד, אָדער אלץ, וואָס איר ווילט, נאָר נישט קיין ייד. עס וועלן אָבער מער נישט זיין קיין האלבע יידן, קיין דייטשע,

פראַנצויזישע, ענגלישע א. אַז. וו. יידן, קורץ, ארץ-ישראל וועט מעגלעך מאַכן די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט פון יידן; וועט מעגלעך מאַכן צו זיין אָדער אַ גאַנצער ייד אָדער אַ גאַנצער נישט-ייד.

2.

דער צענטער, לערנט אחד-העם, וועט זיין די זון פון פאָלק און וועט אַלע יידן דערוואַרעמען און באַפרוכטן. יאָ, אָבער דידאָזיקע נאַציאָנאַלע זון וועט בלויז אַ קורצע צייט שיקן אירע שטראַלן אין די גלות-לענדער, דערנאָך אָבער וועט זי אין אייגענעם לאַנד אָנהויבן צו לייכטן און וואַרעמען נאָך אינטענסיווער, בשעת אין די אַנדערע לענדער וועלן זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע זונען פאַרשפרייטן ליכט און וואַרעמקייט. צוויי זונען אָבער, האָבן שוין אונזערע חכמים גע-זאָגט, קענען נישט לייכטן גלייכצייטיק.

דער צענטער, לערנט ווייטער אחד-העם, וועט באַזיצן אַ נאַ-ציאָנאַלע צוציִונגסקראַפט. געוויס, ער וועט אָפציען פון גלות פיל קרעפטן און זאַפטן, וועט אָבער דעם גלות גאָרנישט צוריקגעבן. עס וועט זיין אַן איינזייטיקע און נישט קיין קעגנזייטיקע צוציִונגסקראַפט.

אמת, „קוים וועלן אַלע צעשפרייטע גלידער פון פאָלקסקערפער דערפילן דאָס קלאַפּן פון נאַציאָנאַלן האַרצן, וואָס איז דערוואַכט געוואָרן צום נייעם לעבן אויף זיין נאַטירלעכער מאַמע ערד, וועלן זיי זיך קאָנצענטרירן נענטער אַרום דעמדאָזיקן האַרצן און וועלן אין זיך אַריינציִען דאָס לעבעדיקע בלוט, וואָס שטראָמט אַרויס פון אים". („על פרשת דרכים"). יאָ, אַזוי וועט עס זיין אין ערשטן פעריאָד פון נאַציאָנאַלער אַנטשטייונג און אויפוואַכונג, אָבער נישט אין שפּעטער-דיקן פעריאָד פון דער נאַציאָנאַלער קריסטאַליזירונג, פון נייעם לעבן. אין דער ערשטער צייט פון פאַטאָס, פון הויכער באַגייסטערונג, איז דאָס פולסירן פון פאָלקסהאַרץ זייער שטאַרק און לאָזט זיך הערן ביז צו די פאַרשפרייטסטע פאָלקסגלידער, וואָס זענען דעריבער מיט שמחה גרייט אַריינצוציִען אין זייערע אָדערן דעם בלוטשטראָם, וואָס

גייט אַרויס אין מרחקים פון ניי־אויפגעלעבטן האַרצן. צי זיי ווילן, צי נישט, באַקומען זיי דאָך דעם וואָרעמען בלוטשטראָם, וואָס פליסט צו זיי פון דעם נאַציאָנאַלן האַרצן אין זייער אוממיטלבאַרער נאָנט־שאַפט, אָבער מיט דער צייט ווערט אין זיי פאַרלאָשן די בענקשאַפט נאָכן ווייטן קוואַל. דער ווידערקול פון דעם ניי־געבוירענעם לעבן פון נייעם פאָלק ישראל קלינגט אַלץ שוואַכער אַפּ אין זייערע אויערן, ביז עס ווערט אינגאַנצן פאַרשטומט, — און ערשט דאַן, — אומגע־שטערט און אָן געוויסן־יסורים, דערנערן זיי זיך מיט פאַרגעניגן פונם נאָנטן, פרעמד־געוועזענעם און אייגנס־געוואָרענעם פאָלקסקוואַל. און עס וועט זיין בלויז אַ גוטער סימן פאַר דער דערהאַלטונג פון אונזער אידעאַל, אויב דער צושטאַנד פון פּאַטאָס און פון הויכער באַגייסטע־רונג, וואָס באַגלייט דעם אָנהויב פון דער אַנטשטייונג און דעם אָנלויף פון אַ באַוועגונג, וועט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן צושטאַנד פון נאַציאָנאַלער רייף־געוואָרענערווירקלעכקייט, וואָס איז אין זיך קאָנצענטרירט, שטיצט זיך אויף זיך אַליין — פאַרן צושטאַנד פון אַ געפורעמטן און ממילא אויך אין אָרט באַגרענעצטן נאַציאָנאַלן רואיקן לעבן אַלס אָנגעזאַמלטע פאָלקישע עקזיסטענץ. איז דאָך אַ האַרצ־קלאַפּעניש, וואָס לאָזט זיך ווייט הערן, כּלל נישט קיין סימן פון אַ געזונט האַרץ.

יאָ, די צוגעבונדנקייט פון נאַציאָנאַלן האַרצן, רעדנדיק מיט די בילדער פון אחד־העם, צו אַ באַשטימטן באָדן, באַדייט טאַקע די צוגעבונדנקייט פון גאַנצן פאָלקס־אָרגאַניזם צו באַשטימטע גרענעצן און פאַראורטיילט אַלע פאָלקסטיילן, וואָס זענען צעשפּרייט אין דער־ווייטנס, שנעל אָפּצושטאַרבן. וואָס מער קרעפטיק דאָס נאַציאָנאַלע האַרץ איז, וואָס מער זיינע לעבנספאָרמען זענען פאַרפעקטיקט און ממשותדיק, אַלץ לייכטער און בעסער ווערן די גלידער, וואָס זענען צעשפּרייט אין מרחקים, איינגעוואַקסן אין פרעמדן פאָלקסקערפּער.

די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלן צענטער פאַרן יידנטום באַדייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי די איינגפלאַנצונג פון יידנטום אין איין לאַנד, זיין איינוואָרצלען זיך אין איין היים, אין איין איינהייטלעכער פאָרם,

אין אַ נאַציאָנאַלער געניאיקייט און באַשטימטקייט. און דאָס באַדייט נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ טויטאורטייל פאַרן נישט טעריטאָריאַלן, פאַרשיידנאַרטיקן און פיל-פּנימדיקן יידנטום פון די גלות-לענדער, וואָס איז נישט איינהייטלעך מיטן יידנטום פון ארץ-ישראל.

בכן איז קלאָר, אַז דער אחד-העמישער טערמין „צענטער" דעקט זיך נישט אינגאַנצן מיט זיין באַגריף, ווייבאַלד ארץ-ישראל וועט אין ערשטן צושטאַנד פון דער יידיש נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג דינען אַלס צענטער פאַר די יידן פון גלות; לויט זיין מהות אָבער איז דערדאָזיקער צענטער באַשטימט דערצו, צוזאַמען מיטן פּראָגרעס פון זיין העברעיזירונג, מיטצוהעלפן צו דער אַסימילאַציע אין דער פּעריפעריע.

אפילו אויב דעם גלות וועט געלינגען איינצוהאַמעווען דעם גאַנג פון דער אַסימילאַציע און זיך צו דערהויבן ביז צו אַ נאַציאָנאַ-לער עקזיסטענץ מיט יידיש אַלס פאָלקסשפּראַך, וועט ער אויך נישט זיין פאַרייניקט מיטן העברעישן יידנטום אין ארץ-ישראל און וועט נישט האָבן מיט אים קיין עכטע נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט. אונזער פאָלק וועט דאַן צעפאַלן אין צוויי גרופּן, אין צוויי יידנטומס: אַ י י ד י ש פ אָ ל ק א י ן ג ל ו ת א ו ן אַ ה ע ב ר ע י ש פ אָ ל ק א י ן א ר ץ - י ש ר א ל. אין פאַרלויף פון דורות וועלן דידאָזיקע פעלקער-פאַרבאַנדן דורכמאַכן אַ גרינטלעך פאַרשיידענע אַנטוויקלונג און סוף-כל-סוף וועלן זיי זיך צעוואקסן אין צוויי באזונדערע נאציאָנאליטעטן, וואָס וועלן איינע פון דער אנדערער אַלץ מער און מער זיך דערווייטערן און זיך אָפּגרענעצן הן בנוגע צו עטאָס, הן בנוגע צו קולטור-אינהאלטן און קולטורפאָרמען. איז דאָך דידאָזיקע דערשיינונג פון צעטיילן זיך אויף צווייען גאָרנישט קיין זעלטנהייט אין דער געשיכטע פון פעלקער.

נישטאָ אזא זאך, וואָס זאָל מער אָפּשיידן פעלקער פון איינאנ-דער, ווי די צעטיילונג אין לענדער און שפּראכן. נאָר די רעליגיע איז אימשטאנד צו לייגן אַ בריק איבער דידאָזיקע אָפּגרונטן און צו בילדן אן איבערטעריטאָריאלן און איבערשפּראַכלעכן כלל. ווייבאלד

אָבער די קראַפט פון אונזער רעליגיע איז אוועק פון אונז, אַזוי קאַן אונזער פאָלקסאייננהייט באַגרינדעט זיין נאָר אין אַ וועלטלעך נאַציאָנאַלן צוזאַמענהאַנג מיט די אַטריבוטן פון אַ כלל אין איין לאַנד און איין שפּראַך.

אין קיין אַנדער פאָלק, אויסער אין יידישן, לעבט נישט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ פאָלקסאייננהייט, וואָס שטייט אויסער אַלע גרענעצן פון רוים, אַ פאָלקסאייננהייט פון טיילן, וואָס געפינען זיך כּלל נישט איינער לעבן אַנדערן אויף איין אָרט, נאָר זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין קיין אַנדער פאָלק, אויסער אין יידישן, לעבט אויך נישט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ פאָלקסאייננהייט, וואָס בלייבט אומאָפּהענגיק פון דער צייט, און די פּאַסירונגען און נייעסן, וואָס געשעען אין פאַרלויף פון דורות, האָבן דערויף קיין השפּעה נישט; מיר האָבן דאָס באַוואוסטזיין פון אַן איינהייטלעכער פאָלקסגאַנצקייט זינט פון אברהם אבינו ביז צו היינטיקן טאָג, פּונקט ווי דאָס יידנטום וואָלט אין פאַרלויף פון די טויזנטער יאָרן גאָרנישט פאַרענדערט געוואָרן, פּונקט ווי די אַלטע עברים וואָלטן געווען יידן.

דאָס רעליגיעזע אחדות־באַוואוסטזיין — אָט דאָס איז עס, וואָס פאַרייניקט אונז איבער די גרענעצן פון רוים און צייט. ווען אונזער פאָלקלעכע צוזאַמענגעבונדנקייט וואָלט געטראָגן אַ טעריטאָריאַלן כאַראַקטער, דאַן וואָלט אונזער פאָלקסבאַוואוסטזיין באַזירט אויף דער איינטיילונג פון אונזער אַנטוויקלונג אין רוים און אין צייט און אויף אירע היסטאָרישע פּעריאָדן; און ממילא וואָלט דאָסדאָזיקע באַוואוסטזיין דאַן געהאַט אַ קלענערן פאַרנעם. אַמאָל איז אונזער פאָלק געווען איינגעטיילט אין שבטים; ווען עס וואָלט זיך ווייטער אַנטוויקלט, זייענדיק יעדער צוגעבונדן צו זיין טעריטאָריע, וואָלט זיך דאָס פאָלק אפשר געשפּאָלטן אין מערערע פאָלק־שטאַמען, אָבער זיכער, לפּחות, אין צוויי העלפטן י ש ר א ל און י ה ו ד ה. צוזאַמען מיט דער פאַרטרייבונג פון אונזער פאָלק פון זיין לאַנד האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט דאָס רעליגיעזע פאָלקסבאַוואוסטזיין, וואָס האָט אָפּגעמעקט און פאַרטיליקט

8.

אַלע פריערדיקע שפּאַלטונגען און התחלות פון נאַציאָנאַלע צעטיילונגען און נייע פאָרמירונגען.

נאָך אַלץ עקזיסטירן מיר און גילטן אַלס פאָלקלעכע געשלאָסנ-קייט אויפן גרונט פון דער אַלטער רעליגיעזער צוזאַמענגעבונדנקייט, באַטש זי איז שוין לאַנג לויז געוואָרן. דאָס קומט שוין פאַר מיטן כּוח פון אינערציע-געזעץ. ווייבאַלד אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט באַקומען נאַציאָנאַלע גרענעצן, דאַן וועט דאָס רעליגיעזע באַוואוסט-זיין און דאָס קריטעריום פון אַן עקסטעריטאָריאַלן און אוניווערסאַלן פאָלק פאַרלירן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן און ווייטער צו בלייבן און וועט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ ריין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און קריטעריום. דאַן וועלן די יידישע טיילן, וואָס זענען אָפּגעטיילט פון איינאנדער דורך טעריטאָריע און שפּראַך, אָדער — לאָמיר אָננעמען — די צוויי פאָלקס-פאַרבאַנדן, דער יידישער אין גלות און דער העב-רעישער אין ארץ-ישראל, נישט קאָנען זיין איין פאָלקסאיינהייט און וועלן אויך נישט קאָנען דערשיינען אַלס אַזעלכע.

מיר ווייסן שוין פון צווייטן קאַפּיטל, אַז די יידישע רעליגיע האָט זיך אין גלות געשפּייזט נישט אויסשליסלעך פון אירע אייגענע קרעפטן. עס האָט עקזיסטירט אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער רעליגיע און דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. אומבאַוואוסטזיניק האָט די רעליגיע געזויגן נאַרונג פון דעם נאַציאָ-נאַלן ווילן צום לעבן, ווייבאַלד זי האָט אין גלות דערפילט נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. פיל אויסעררעליגיעזע נאַציאָנאַלע ווערטן האָבן, אויס מאַנגל פון אַן אַנדער סאָרט נאַציאָנאַלן קיום, זיך איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון דער רעליגיע. אַזוי-אַרום האָבן זיך אין אונזער רעליגיע דערהאַלטן קרעפטן און זאַפטן, וואָס זענען נישט איר אייגנטום. אַ דאַנק איר נאַציאָנאַלער פונקציע אַלס רעזערוואַר, האָט זיך ביי איר גופא אויך פאַרגרעסערט די לעבנספעאיקייט; זי איז אַזוי ווי נתעשר געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, וואָס איז איר אָנפאַרטרויט געוואָרן. אַזוי ווי די רעליגיע האָט באַשיצט אונזער גלות-עקזיסטענץ, אַזוי האָט, פון דער אַנדערער

זייט, די גלות-עקזיסטענץ אויך באַלעבט אונזער רעליגיע. פּונקט אַזוי האָט אויך דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין פון געמיינשאַפט פאַרטרעטן דעם פּלאַץ פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, און אַ דאַנק דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער פונקציע, אַלס סוראָגאַט, האָט ער אַליין באַקומען אַ גרעסערן כּוח. ווייל עס האָט אונז געפעלט די טעריטאָריאַלע און מאַטעריעלע איינהייט, זענען אונזערע רעליגיעזע און גייסטיקע בענדער געוואָרן נאָך שטאַרקער, און דעריבער זענען זיי פאַר אונזער צוזאַמענהאַלטונג געווען נאָך באַדייטנדיקער און אַנטשיידנדיקער. ווען מיר אָבער דערגרייכן אַ טעריטאָריאַלע און מאַטעריעלע פאָלקסאיינהייט, דאַן וועט אי אונזער רעליגיע, אי די גייסטיקייט, וואָס האָט זיך פון איר אַרויסגעשיילט — די אידעאָלאָגיע פון אַ יידישער וועלטאָנשויונג פון מאָנאָטעיזם, פון מעסיאַניזם, פון אָפּטימיזם א. אַז. וו. — פיל פאַרלירן פון זייער נאַציאָנאַלער פאַרייניקונגסקראַפט. מיטן איינוואָרצלען זיך פון יידנטום אין לאַנד פון אונזערע אבות וועט דאָס באַוועגלעכע פאָטערלאַנד פון יידישן פאָלק, ווי היינע האָט עס אָנגערופן, מער נישט באַשטימען און אַנטשיידן די יידישקייט.

דאָס אָפּפאַלן פון אונזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, דאָס אַריבערגיין און איינבירגערן זיך אין אַן אַנדער שפּראַך-כּלל, דער אַזוי צו זאָגן שפּראַכלעכער שמד, וועט באַדייטן נישט קיין קלענערן אָפּפאַל און אַרויסגאַנג פון אונזער פאָלקסטום, ווי עס איז געווען דער רעליגיעזער שמד. און וועט אונזער פאָלק צעטיילט ווערן אין צוויי שפּראַכן, אין יידיש און העברעיש, אַזוי וועלן פון אים אַרויסגיין צוויי פעלקער, און צווישן זיי ביידע וועט זיך אויפעפענען אַן אָפּגרונט, וואָס קאָן נישט אַריבערגעשפּרייזט ווערן. עס איז פּשוט נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע בריק צווישן ארץ-ישראל און גלות, צווישן „צענטער” און „פּעריפעריע”.

## 3.

קעגן דערדאָזיקער ציוניסטישער אידעע, וואָס איז דערקענט געוואָרן ביז אירע לעצטע קאָנסעקווענצן, קאָן מען, נאַטירלעך, אַרויס-טרעטן מיט כלומרשט שווערע פאַרוואורפן: זי שטעלט אַרויס דעם פּאָסטולאַט פון נאַציאָנאַלער איינהייט, פירט אָבער צום צעטיילן דאָס פאָלק אין צוויי טיילן. זי מאַכט צונישט דעם גלות-באַגריף פון אַ „כלל-ישראל", באַשטימט פאַרן יידנטום גרענעצן און צעשניידט עס אויף צווייען: אויף גלות און ארץ-ישראל. זי גיט אַרויס אַ טויטאורטייל פאַרן גלות-יידנטום. נאָכמער, זי מאַכט נויטווענדיק דעם אונטערגאַנג פון גלות-יידנטום דורך דער נאַציאָנאַלער פאָרמירונג און אַנטוויקלונג פון ארץ-ישראל-יידנטום: וואָס מער ארץ-ישראל וועט רייף און שטאַרק ווערן, אַלץ שנעלער וועט דער גלות פאַרוועלקט ווערן און אָפּשטאַרבן. צי האָבן נישט סוף-כל-סוף רעכט אונזערע „מיסיע-פרעדיקער", וואָס דאַנקען און לויבן די השגחה דערפאַר, וואָס מיר זענען צעשפּרייט געוואָרן צווישן פעלקער, וואָס מיר זענען מער נישט געבונדן אין די וועלטלעך נאַציאָנאַלע גרענעצן און מיר בילדן אַ רעליגיעזן וועלט-כלל אויף אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַר-שיידענע שפּראַכן?

דערויף מוז דער ציוניזם ענטפערן:

געוויס, דאָס העברעישע ארץ-ישראל וועט דאָס יידנטום איינ-קוועטשן אין גרענעצן און צעטיילן דעם יידישן כלל אויף צווייען: אויף דער אַלט-נייער היים און אויסער איר. אָבער דאָס דאַרף אונז נישט אָפּשרעקן. בעסער זאָל אונזער פאָלקסטום ווערן איין גאַנצקייט, איינגעוואָרצלט אין איין אָרט, איידער עס זאָל שטיקערווייז און פאַר-קריפּלט זיך אַרומשלעפּן אין פיל פאָטערלענדער און פאַרטיידיקן זיין אוניווערסאַליטעט אין פאַרוואָגלטקייט. און אויב דער ווידערגעבורט פון אונזער נאַציאָנאַלן פאָלקסטיפּ, פון גאַנצן ייד, ברענגט צום נאַציאָנאַלן טויט פון האַלבן און פערטל ייד, אַזוי ווערט דאַדורך

ראַדיקאַל געלייזט נישט בלויז די יידישקייט-פראַגע, נאָר אויך די יידנפראַגע — און אויך פאַר די יידן, וואָס ווילן קיין יידן נישט זיין. מיר האָבן געלעבט אַלס רעליגיעזער כּלל אין איין גאָט, און פון איצט אָן קאָנען מיר זיין אמתע און גאַנצע יידן נאָר אין איין פאָטערלאַנד און אין איין שפּראַך.

געוויס, די נאַציאָנאַלע באַנייונג און העברעיזירונג פון ארץ-ישראל וועט צוהעלפן צו אַ פולווערטיקער אַסימילירונג פון די גלות-יידן. אָבער זי וועט נאָר שנעלער מאַכן דאָס אָפּשטאַרבן פון אַ צום טויט באַשערטן און אים פאַרקירצן די יסורים פון דער גסיסה. פון זינט עס איז דערשיטערט געוואָרן די רעליגיע-קאָנסטיטוציע, איז די גלות-יידישקייט, ווי מיר ווייסן שוין, נישט אימשטאַנד מער צו פאָרמירן אַ נאַציאָנאַל לעבן.

נאָך האָט דער ציוניזם נישט גענוג דערקענט זיין רעוואָלוציאָנערן זין. נאָך איז ער איינגעשלעפערט אין גלות-ראָמאַנטיק, וואָס פאַרנעפּלט זיין דערקענטניש און ליימט זיין שאַפונגסקראַפט. ער שפּילט זיך נאָך אָן אַ שום חשד מיט זיין גרויסער אידעע, אַנטציקט זיך שפּילנדיק פון איר שיינקייט, פאַרמאַכט אָבער די אויגן פון צו זען אירע אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענצן. ער האָט נאָך נישט דערקענט זיין גאַנצע היסטאָרישע באַדייטונג און וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן זיין טאַט טראָגט אין זיך פאַר דער צוקונפט.

עס איז שוין אָבער צייט, מען זאָל דערגרונטעווען די ציוניסטישע אידעע ביז איר פולן אינהאַלט און פּראָקלאַמירן, אָן שום מורא און אָן שום באַמיונג צו מאַכן קאָמפּראָמיסן, אירע שטרענגע פאָדערונגען, סיי אין פּאָזיטיוו, סיי אין נעגאַטיוו זין, כּדי צו באַשטימען נייע ווערטן און צו מאַכן אַ נייע התחלה. שוין צייט, מיר זאָלן מער נישט בלייבן שטיין על פּרשת דרכים, ביים שיידוועג, און פאַרשווענדן אונזערע כּוחות צווישן גלות און ארץ-ישראל; שוין צייט, אַז דער שאַפערישער לעבנסווילן פון יידישן פאָלק זאָל אָננעמען אַן איינהייטלעכע ריכטונג און נישט וואַקלען זיך צווישן צוויי וועלטן. שוין צייט אַרויסצוזאָגן דעם גרויזאַמען

אמת, אַז דאָס גלות-יידנטום האָט נישט קיין נאַציאָנאַלע צוקונפט, אַז עס קאָן נישט זיין קיין דויערהאַפטע בריק צווישן גלות און ארץ-ישראל.

אונזערע חכמים זאָגן, אַז זינט ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, וואַנדערט די שכינה מיט אים אין גלות. ווען ישראל צוריקקערן אין זיין היים, וועט אויך די שכינה אויסגעלייזט ווערן פון גלות און געפינען פאַר זיך אַ היים אין לאַנד פון די אבות. די פאָלקסטיילן אין די לענדער, וואָס זענען פאַר זיי געוואָרן פאָטער-לענדער, וועלן בלייבן אָן דער „שכינה פון פאָלק״.

# קאַפּיטל פיר

## דער נאַציאָנאַלער רעכטלעכער מצב פֿון גלות.

אַנטיסעמיטיזם אַלס ווידערשטאַנד. — לעאָן פּינסקער. — דער פּרייז פֿון דער יידישער עמאַנציפּאַציע. — די אַנטיסעמיטישע און פֿילאָסעמיטישע אָפּשאַצונג פֿון יידישן פֿאָלק. — די שטעלונג פֿון נאַציאָנאַלן יידנטום צו די פֿאַרטיידיקער פֿון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. — די באַקענטניש צו פֿרעמדקייט און צו ווערלן בלייבן פֿרעמד. — אומקאָנסעקווענטקייט אין נאַציאָנאַלן יידנטום. — די אַסימילאַנטן. — די האַלב־אַסימילאַנטן. — „מיר זענען יידן און דייטשן, יידן און פֿראַנצויזן". — די תביעות פֿון יידישן פֿאָלק אין ארץ־ישראל. — די לאָגיק און די טראַגיק פֿון היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם צווישן ישראל און די אומות־העולם. — די לייזונג פֿון דער יידנפֿראַגע פֿאַר דער דערלייזונג פֿון יידנטום. — די נאַציאָנאַלע אַנטשיידונג. — דער פּראָגרעס פֿון קולטור אַלס פֿאַרטיפֿונג פֿון אַנטאַגאָניזם. — דער טעאָרעטישער טעות פֿון דער יידן־עמאַנציפּאַציע. — רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טאָלעראַנץ. — די נאַציאָנאַל־רעכטלעכע שטעלונג פֿון גלות. — די שאָדנס פֿון נאַציאָנאַליזם פֿאַרן גלות־יידנטום. — די אילוזיע פֿון אַ יידישער פּאָליטיק. — נאַציאָנאַלע רעכט אַלס לייזונג פֿון דער יידנפֿראַגע. — היסטאָרישע און רעכטלעכע עקסטעריטאָריאַליטעט. — דער מאָדערנער מלוכה־געדאַנק. — די אומלייזבאַרקייט פֿון טראַגישן קאָנפֿליקט אין גלות.

.1

די עפּאָכע פון השכּלה האָט געשאַצט און באַהאַנדלט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס רעשטל פון באַרבאַריזם: אַלס רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אַלס אַ באַשרענקונג פזן גייסט און פאַרגרעבטקייט פון די זיטן און, נאַטירלעך, אַלס פאַרזעעניש פון די נידעריקע אינסטינקטן. בכן איז אונזער שיקזאַל ביזן טיפסטן תּוך פאַרקניפּט מיט דער העכערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט; יעדער נצחון פון דער קולטור באַדייט אויך אַ נצחון פון יידן איבער די יידישע שונאים.

די עפּאָכע פון נאַציאָנאַלן געדאַנק האָט זיך באַמיט צו באַגרייפן דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, וואָס איר סיבה שטעקט אין אונזער לאַגע פון אַ פאָלק אין אַ פאָלק. וויבאַלד אונזער גלות-עקזיסטענץ ווערט פאַרשטאַנען אַלס נאַציאָנאַלע אומנאָרמאַלקייט, אַזוי ווערט דער אַנטיסעמיטיזם דערקענט אַלס נאָרמאַלע קעגנווירקונג. דערדאָזיקער דערקענטניש האָט פינסקער געגעבן דעם טיפסטן אויסדרוק. ער זאָגט: „דידאָזיקע געשפּענסטישע דערשיינונג פון אַ וואַנדערדיקן מת, פון אַ פאָלק אָן איינהייט און אָן צעגלידערונג, אָן לאַנד און באַנד, וואָס לעבט שוין נישט און גייט דאָך אַרום צווישן לעבעדיקע, דידאָזיקע מערקווירדיקע געשטאַלט, וואָס עפּעס ענלעכעס דערצו איז שווער צו געפינען אין דער גאַנצער היסטאָריע, וואָס האָט נישט קיין ביישפּיל און קיין גלייכן, האָט ממילא געמוזט אויך אין דער פאַנטאַזיע פון די פעלקער אַרויסרופן אַ מערקווירדיקן, אָפּשרעקעוודיקן איינדרוק. און בשעת דער פּחד פאַר נישט-גוטע שטעקט אין מענטשן פון געבוירנטאָג אָן און געפינט אַ געוויסע באַרעכטיקונג אין פּסיכישן לעבן פון די פעלקער — וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ וואונדער, ווען דערדאָזיקער פּחד דריקט זיך אויס אין אַ גרויסער מאָס אויך קעגנאיבער אַ טויטער און דאָך לעבעדיקער נאַציע?"

ווען די נאַציאָנאַלע באַטראַכטונג פון אַנטיסעמיטיזם וואָלט זיך

נישט אָפּגעשראָקן פאַר אירע לעצטע קאָנסעקווענצן, דאַן וואָלט זי פאַרן אַנטיסעמיטיזם געפונען נישט בלויז אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג, נאָר אויך אַ געוויסע באַרעכטיקונג. מיר קענען און מיר מוזן באַקעמפן די גראָבע אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם, מיר קענען אָבער נישט אָפּלייקענען, אַז ער האָט אַ געוויסע עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג און אַ געוויסע עקזיסטענץ-פאָרם. דער געוויינלעכער אַנטיסעמיטיזם אין זיין גאַנצער פאַרדאָרבנקייט, מיט זיין טייוולשער שנאה און זיינע משונה ווילדע בלבולים, מיט זיין טייוולשן חשק צו פייניקן און פאַרגוואַלדיקן, איז זיכער אַן אַטאַוויזם פון באַרבאַרישקייט, וואָס ווערט ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט מיטן פּראָגרעס פון די פיינע זיטן. די שנאה צו יידן איז נישט, ווי פּינסקער מיינט, אַ בירושה-איבערגעגעבענדיקער פּסיכאָז, וואָס איז אומהיילבאַר. אויף וויפיל זי איז אַ קרענק, קאָן מען זי היילן. זי איז אָבער מער ווי אַ פּסיכאָז. זי איז אויך אַ פאַרטיידיקונג פאַר אַ פּרעמדאַרטיקן עלעמענט, אַ זעלבסטשוץ פון די טעריטאָריאַלע שטאַמפעלקער קעגן אַ געשפּענסטישן פרעמדן פאָלק, וואָס וויל נישט פאַרשוואונדן ווערן אין דער נאַציע פון לאַנד. און דעריבער טוען מיר דעמדאָזיקן אַנטאַגאָניזם אַן עוולה, אויב מיר זאָגן אים אָפּ יעדע מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונג, אויב מיר אַנערקענען נישט, אַז אין באַשטימטע גרענעצן האָט זיין עקזיסטענץ אַ זינען, און אַז מיטן פּראָגרעס פון די פיינע זיטן וועט ער נישט פאַרשווינדן, נאָר וועט מוזן אָננעמען קולטורעלע פאָרמען פון אַ נאַציאָנאַלן קאַמף, כּל-זמן מיר וועלן בלייבן אַ פאָלק אין אַ פאָלק. מיר קענען נאָר האָפן צו טויטן די בעסטיע אין מענטשן, אָבער נישט דאָס מענטשלעכע, וואָס איז איינגעהילט אין בעסטיאַלישע פאָרמען, וואָס אַנטוויקלט זיך אַרויס פון זיי מיט אַ שווערן קאַמף און וואַקסט אויס פאַמעלעך, אָבער עקשנותדיק קולטורעל-נאַציאָנאַליש.

משמעות, אַז פּינסקער גופא האָט געוואָלט דערקלערן די שנאה צו יידן נישט בלויז אַלס פּסיכאָז. אַ חוץ דער פּאַטאָלאָגישער דער-קלערונג ווייזט ער טיילמאָל אָן אויך דעם עטנאָלאָגישן טעם פון דער-דאָזיקער קעגנערשאַפט, אויף וויפל זי איז אין אירע נאַציאָנאַלע

מאָטיוון אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. ער זאָגט: „אין גרויסן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ גיבן די קולטורפעלקער זיך גערן אונטער די געזעצן, וואָס העלפן פאַרוואַנדלען דעמדאָזיקן קאַמף אין אַ פרידלעכער בשרער קאָנקורענץ. געוויינלעך מאַכן דערביי די פעלקער אַן אונטערשייד צווישן דעם אינלענדער און אויסלענדער, און, נאַטירלעך, איז דער אינלענדער שטענדיק בילכער. און וויבאַלד דערדאָזיקער אונטערשייד ווערט געמאַכט אפילו בנוגע צום אויסלענדער, וואָס איז זייער גלייכן, טאָ ווי שאַרף מוז ער זיך שוין אַרויסווייזן בנוגע צום אייביק פרעמדן יידן! מיט וויפל פאַרדרוס מוז מען קוקן אויפן בעטלער, וואָס האָט די העזה צו וואַרפן זיינע גלוסטיקע אויגן אויף אַ פאַר אים פרעמדער היים — ווי אויף אַ געליבטער פרוי, וואָס ווערט געשיצט דורך אירע אומטרויענדיקע קרובים! און אויב, טראָצדעם, האָט ער דאָך דערפאָלג און עס געלינגט אים אָפּצורייסן אַ פאַר בלומען פון איר קראַנץ, דאַן ווי איז דעם אומגליקלעכן! דאַן דאַרף ער זיך נישט באַקלאָגן, אויב עס פאַסירט מיט אים, ווי עס האָט פאַסירט מיט די יידן אין שפּאַניע און אין רוסלאַנד". און ווייטער: „ווער עס וויל אָבער זיין אומפּאַרטייאיש, ווער עס וויל נישט די זאַכן פון דער וועלט באַטראַכטן און איינאָרדענען לויט די פּרינציפּן פון אַן אוטאָפּיסטישער מדינה — וואו אַלץ איז גוט און שיין, נאָר זיי פּשוט קאָנסטאַטירן און דערקלערן — דער וועט קיינעם פוןביידע צדדים נישט מאַכן ערנסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געשילדערטן אַנטאַגאָניזם..." איין מאָל פאַר אַלעמאָל מוזן מיר אַנערקענען דעם געדאַנק, אַז די איבעריקע פעלקער וועלן אונז תּמיד אַרויסשטויסן דורך דער קראַפט פון אַנטאַגאָניזם, וואָס לעבט אין זייער נשמה, ווי אַ נאַטורגעזעץ. פאַר דערדאָזיקער נאַטורקראַפט, וואָס ווירקט, ווי יעדע אַנדערע עלעמענטאַרע קראַפט, טאָרן מיר נישט פאַרמאַכן אונזערע אויגן; מיר מוזן זי נעמען אין אַכט. באַקלאָגן זיך אויף איר טאָרן מיר נישט".

מיר מעגן אַרויסזאָגן דעם זאַץ: וויבאַלד מיר באַהויפּטן, אַז דערדאָזיקער אַנטאַגאָניזם האָט נישט קיין באַרעכטיקונג, אַזוי באַהויפּטן מיר, אַז מיר האָבן נישט קיין פאַלקישן באַזונדערן שטייגער.

די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען דאַרפֿן דעמדאָזיקן זאַץ באַלײַכטן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען און אין דער פֿולער מאָס פֿון זײַן באַדײַטונג.

2.

איך האָב אויבן אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג באַוויזן: דאָס, וואָס די פֿעלקער שטעלן זיך אַקעגן אונזער צופּאַסונג צו זיי, קען באַטראַכט ווערן אַלס באַראָמעטער פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט און איז תּמיד אַ גוטער סימן, אַז דאָס יידנטום באַזיצט נאָך אַ לעבעדיקע קראַפֿט אין זיך. עס באַווייזט, אַז אונזער פֿאָלקס-אָרגאַניזם, אַלס פֿרעמדער קערפּער, איז נאָך נישט גענוג צעשטערט, כּדי ער זאָל שוין מער נישט קאָנען אַרויסרופֿן קיין ווידערשטאַנד אין דער וועלט אַרום אים. אויב דערדאָזיקער ווידערשטאַנד ווערט אָפּגעשוואַכט אָדער הערט אינגאַנצן אויף, איז עס אַ סימן, אַז די יידישקייט איז בלאַסער אָדער אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן; יעדנפֿאַלס איז עס אַ סימן, אַז דאָס יידנטום איז רײַף געוואָרן צו אַסימילאַציע. וואו איז דער קעגנזאַץ צווישן יידן און נישט-יידן צום שוואַכסטן? דאָרט, וואו די יידישקייט איז צום שוואַכסטן. ווען ווערן די יידן ווערן גלײַכבאַרעכטיקט מיטן הערשנדיקן פֿאָלק? ווען זיי ווערן אינגאַנצן זײַן גלײַך צו אים. וואָס באַדײַט עס, וואָס די מאָדערנע פֿעלקער האָבן זיך כּמעט ווי איבערגעבעטן מיטן פֿאָלק ישׂראל? אויב זייערע טאַטעס, וואָס האָבן אונז פֿאַרפֿאָלגט און געפּייניקט, האָבן אונז געוואָלט שענקען אַלע רעכט מיטן באַדינג, מיר זאָלן זיך שמדן רעליגיעז, אַזוי ווילן די געבילדעטע זין, וואָס באַגליקן און באַשיצן אונז כּלומרשט היינט, אַנערקענען אונז אַלע רעכט מיטן זעלבסטפֿאַרשטענדלעכן באַדינג, מיר זאָלן אונז שמדן נאַציאָנאַל. נישט מער, אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער שמד פֿאָדערט נישט קיין צערעמאָניאַלן אַקט, דעריבער שפּירט מען נישט אַזוי שטאַרק דעמדאָזיקן תּנאַי פֿאַרן איבערבעטן זיך.

עס איז אָבער סימפּטאָמאַטיש, וואָס אָנפירנדיקע יידן, וועלכע ווערן אַזוי אויפגערעגט פון דעם, וואָס מען טיילט פּרעמיעס פאַר שמד, פון דעם, וואָס ביים באַקומען מלוכה-שטעלעס זענען קאָנפעס-יאָנעלע משומדים בילכער, ווי די, וואָס בלייבן געטריי זייער גלויבן, האַלטן עס גאַנץ אין אָרדענונג, בשעת נאַציאָנאַלע משומדים, אסימי-לירטע יידן, ד. ה. אַזעלכע, וואָס באַקענען זיך אַלס נאַציאָנאַל-דייטשן, אַלס נאַציאָנאַל-פראַנצויזן א. אז. וו. ווערן אַזוי־אַרום פּריווילעגירט קעגן די פעסטע נאַציאָנאַל-געטרייע יידן. זיי באַמערקן נישט, אַז איןביידע פאַלן איז דער פּרינציפּ דערזעלבער; פאַרשיידן איז בלויז די פאָרם, ווי דער פּרינציפּ ווערט אָנגעווענדט, אָפּהענגיק פון די היסטאָ-רישע ענדערונגען און כאַראַקטער פון דער מלוכה. אין דער רעליגיע-זער מלוכה זענען געבליבן הינטערשטעליק די אַנדערש-גלויביקע, און אין נאַציאָנאַלע מלוכות בלייבן הינטערשטעליק די אַנדערש-נאַציאָנאַלע.

מיר באַשולדיקן די פעלקער, וואָס האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק אונז צוגעזאָגט פולע גלייכבאַרעכטיקונג און נאָך אַלץ גיבן זיי עס אונז נישט. מיר באַשולדיקן זיי, אַז זיי האַלטן נישט די התחייבותן, וואָס זיי האָבן עפנטלעך גענומען אויף זיך. דידאָזיקע באַשולדיקונג איז אָבער נישט אינגאַנצן גערעכטיק. מיר פאַרגעסן, אַז אויך מיר האָבן מיט אַ לייכט האַרץ איבערגענומען אַ התחייבות: מיר האָבן אָפּגעגעבן אַ בעקענטעניש, אַז מיר זאָגן זיך גערן אָפּ פון צו זיין אַ פאָלק און מיר ווילן מיט שמחה שטרעבן זיך צו אַסימילירן מיט דער הערשנדיקער אומה פון לאַנד. נאָר אונטער דעמדאָזיקן צוזאָג און תנאי זענען מיר גלייכבאַרעכטיקט געוואָרן. „די יידן אַלס מענטשן באַקומען אַלץ, די יידן אַלס נאַציע גאָרנישט". דאָס איז געווען אַ מין סאָציאַל-פּאָליטישער אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אונז און די נאַציעס, וואָס האָבן אונז מכניס-אורח געווען. די יידן-באַ-פרייונג האָט באַדייט די באַפרייונג פון יידן פון די באַזונדערע געזעצן אויפן סמך פון דעם, וואָס די יידן ווילן זיך באַפרייען פון זייער פאָלקישן באַזונדערן לעבן. אַלס לוין פאַר אונזער באַקענטעניש

איז אונז געגעבן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער קרעדיט, איז אונז אַנערקענט געוואָרן די גלייכבאַרעכטיקונג אַלס אַוואַנס פאַר דער צו־געזאָגטער אַסימילאַציע. בכן, וואָס האָבן מיר אונז צו באַקלאָגן? געוויס, אונזער אַסימילירונג שפּרייזט פּאָרויס, פאַרברייטערט זיך און פאַרטיפט זיך, אָבער נאָך איז זי נישט פולווערטיק. אין דער מאָס, ווי דער קעגנווערט און דער פּרייז פאַר דער געקויפטער סחורה איז נישט אין־גאַנצן איינגעצאָלט — אין דערזעלבער מאָס איז אויך די גלייכבאַרעכטיקונג נישט קיין פולע. אין דער מאָס, וואָס אונזער התחייבות, צו ווערן גלייך צו די גויים, שטעלט נאָך פאָר אַ חוב און אַ וועקסל אויף שפּעטער, — אין דערזעלבער מאָס בלייבט אויך די גלייכבאַרעכטיקונג טיילווייז אַ חוב און אַ וועקסל אויף שפּעטער, ד. ה. אויפן פּאַפּיר. וואָס מער עס שטייגט אונזער אַנטנאַציאָנאַליזירונג, וואָס מער עס פאַרמינערט זיך אונזער פרעמדקייט, ד. ה. אונזער באַזונדערער לעבנסשטייגער, אַלץ מער ווערט אויך דורכגעפירט די פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע.

מיר באַקלאָגן זיך אויף יידן, וואָס פאַרנעמען הויכע מלוכה־שטעלעס און נוצן נישט אויס זייער איינפלוס פאַר יידישע פאָלקס־אינטערעסן. אונזער באַקלאָגן זיך איז אָבער נישט באַרעכטיקט, ווייל עס איז נישט לאָגיש. דידאָזיקע יידן וואָלטן נישט דערגרייכט זייער פּריווילעגירטע שטעלונג, ווען זיי וואָלטן זיך נישט אַסימילירט מיט דער נאַציע פון לאַנד, אָדער ווען זי וואָלט זיי נישט באַטראַכט פאַר גענוג אַסימילירט. זי, די נאַציע פון לאַנד, פאַרטרויט אין זייערע הענט דעם שוץ און די פאַרוואַלטונג מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון איר כלל, ווייל זי האָט מיט רעכט צוטרוי צו זיי, אַז זיי זענען געוואָרן אויס יידן; ווייל זי קען נישט באַטראַכטן דידאָזיקע יידישע מיטבירגער אַלס פאָלקספרעמדע, אַלס לעבעדיקע גלידער פון אַ פרעמדן, פון יידישן פאָלק; ווייל דידאָזיקע יידן האָבן טאַקע נישט קיין יידישע פאָלקסאינטערעסן און מען קאָן זיי נישט חושד זיין, אַז

זיי פאַרטרעטן אַזעלכע אינטערעסן — כאָטש מיר, אַלס געפאַלענע נאַציע, פילן גאָרנישט קיין חרפה צוצורעכענען צו אונז דידאָזיקע נאַציאָנאַל-אָפּגעפאַלענע.

בכן האָבן מיר נישט קיין רעכט צו פאָדערן פון אונזערע אַזוי-גערופענע גלויבנס-חברים, זיי זאָלן פאַרן גליק פון אונזער פאָלק אויסנוצן אַ שטעלונג פון מאַכט און צוטרוי, וואָס זיי האָבן געקענט דערגרייכן נאָר דורך בגידה, וואָס זיי זענען באַגאַנגען קעגן זייער אייגענעם פאָלק.

3.

ווי אַזוי באַטראַכטן אונז אונזערע שונאים, אונזערע באַשולדיקער? זיי שאַצן אונז אַלס פאָלק און ממילא אַלס פרעמדן קערפּער. יי טענהן: כאָטש די יידן זענען צעשפּרייט און צעזייט, דאָך זענען זיי אַ פאָלקישע איינהייט, אַן אוניווערסאַל פאַרצווייגטער כלל. יידן קאָנען נישט אָדער ווילן נישט פאַרשווינדן אין דער נאַציע פון לאַנד; אפילו בשעת זיי פירן זיך אויף ווי עכטע דייטשן, פראַנצויזן א. אז. וו., בלייבן זיי דאָך יידן, אַנדערע, פון אַן אַנדער מין. דעריבער זענען די יידן צווישן אונז ווי אַ ביין אין האַלז פון דער נאַציע: דורך זייער טיכטיקייט אָדער פלייס קעמפן זיי זיך אויס שטאַרקע פּאָזיציעס אין די וויכטיקסטע געביטן פון אונזערווירטשאַפט און אונזער קולטור, לייגן אויף אונז אַרויף מיט געוואַלד דעם שטעמפּל פון זייער אַנדערשקייט, שטערן די אַנטוויקלונג פון אונזער אייגענעם אָרט לעבן, באַאיינפלוסן אונזער נאַציאָנאַלן באַזונדערן שטייגער. בכן דאַרף מען זיי באַטראַכטן און באַהאַנדלען אַזוי ווי אַ פרעמד פאָלק.

דאָס איז די אינערלעכע באַגרינדונג פון אַנטיסעמיטיזם, אפילו ווען ער אַליין ווייסט עס נישט, אָדער ווייסט דאָס נישט ריכטיק צו פאָרמולירן. מען נאַרט זיך נאָר אָפּ בנוגע צו זיין היסטאָרישער סיבה, בשעת מען רעדוצירט אים אויף דער געמיינער טעאָריע, אַז די יידן

זענען אַ מינדערוווערטיקע נאַציע, און לויט דעם באַקעמפט מען אים. מען פאַרזעט גערן, אַז די נידערטרעכטיקייט פון דערדאָזיקער טעאָריע איז דאָך דער רעזולטאַט, אָבער אין קיין פאַל נישט די סיבה, אַ רשעותדיקער קאַמפסמיטל, אָבער נישט קיין ערלעכער מאָטיוו פון דער שנאה; אַז זי שטעלט פאָר אַן עקלהאַפטע גרימאַסע, אַ מיאוסע העוויה, אָבער נישט דעם אמתן פרצוף פון אַנטיסעמיטיזם. נישט ווייל די יידן זענען אַ מינדערוווערטיקע נאַציע, נאָר ווייל זיי זענען אַן אַנדער נאַציע, אָט דאָס איז דער טעם פון דער אַנטיסעמיטישער פאָדערונג צו מאַכן אַן אויסנאַם פאַר יידן אַלס העטעראָגענער (אומגלייכער; נישט פון זעלבן מין) עלעמענט; דאָס איז איר טעם אפילו בשעת זי זאָגט אַנדערש און אַרגומענטירט אַנדערש, אפילו בשעת דער המונישער אויסוואורף פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נישט קלאָר געמאַכט דעם טיפערן מהות און דעם אינערלעכן יסוד פון דערדאָזיקער שנאה. מיר מוזן אים פאַרשטיין בעסער, ווי ער פאַרשטייט זיך אַליין.

ווי אַזוי באַטראַכטן אונז אונזערע גוטע פריינט, אונזערע פאַרטיידיקער? זיי שאַצן אונז נישט אַלס פאָלק און האַלטן אונז נישט פאַר קיין פרעמדן קערפּער; דעריבער באַהאַנדלען זיי אונז אַלס אַ כמות, וואָס האָט קיין באַדייטונג נישט. זיי פאַרזיכערן: עס איז אַן אַנטיסעמיטישער בלבול, בשעת מען זאָגט וועגן יידן, אַז זיי זענען אַ פאָלק אין אַ פאָלק. נישטאָ מער קיין יידישער פאָלקס-כלל, פאַראַן נאָר אַ יידישע רעליגיע-געמיינדע. די יידן זענען אָדער ווערן אַסימילירט צווישן אונז. זיי לעבן און ווירקן אין אונזער גייסט, זענען איינגעוואָרצלט אין אונזער שפּראַך, אין אונזער ליטעראַטור, אין אונזער קונסט, זיי העלפן פלייסיק מיטשאַפן אין אונזער נאַציאָנאַלער קולטור; אונזער לאַנד איז פאַר זיי אַ געליבט פאָטערלאַנד; אונזער פאָלקס-פאַרמעגן איז אויך פאַר זיי הייליק, און גרויס איז זייער באַטייליקונג אין דער פאַרמערונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע ווערטן אויב זיי זענען נאָך נישט שפורלאָז פאַרשוואונדן אין אונז, אויב עס זענען נאָך נישט נעלם געוואָרן אַלע סימנים פון זייער פרעמדן

שטייגער, איז עס נאָר צוליב אונזער שולד און נישט צוליב זייערער, ווייל מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ וואַנט צווישן אונז און זיי, ווייל דאַדורך, וואָס מיר צוימען זיי אָפּ פון זיך, צווינגען מיר זיי זיך צו האַלטן צוזאַמען און שטערן, פאַרפאַמעלעכן דעם פּראָצעס פון זייער פאַרשווינדונג: זייער סאָלידאַריטעט נעמט זיך פון דער אַלגע-מיינער שנאה צו זיי. וויבאַלד אָבער די יידן וועלן באַקומען גלייכע רעכט מיט אונז, וועלן זיי זיך באַלד אינגאַנצן און פולווערטיק אויס-גלייכן מיט אונז. גיבן מיר זיי גלייכבאַרעכטיקונג, אַזוי גיבן מיר זיי דאָס רעכט אויף אַסימילאַציע. וועלן מיר זיי באַהאַנדלען ווי אונזער גלייכן, ווי פאָלקס-חברים, ווי אייגענע, וועלן מיר זיי דערמיט מעגלעך מאַכן צו ווערן ענדגילטיק גלידער פון אונזער פאָלקס-אָרגאַניזם.

וואָס זשע האָט איצט צו זאָגן דאָס יידישע פאָלק אין דעם-דאָזיקן קאַמף צווישן באַשולדיקער און פאַרטיידיקער?

בשעת דער פאַרטיידיקער זאָגט וועגן אונז: „דער אוממענטש-לעכער דרוק, וואָס זיי פּייניקן זיך אונטער אים, האָט זיי געצוואונגען זיך ענגער צו באַהעפטן, און, ווי אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער וועלט, זיך צו קאָנצענטרירן אין זיך אַליין, און זיך צו האַלטן אין זייערע מנהגים אַלץ פעסטער, וואָס מער די קריסטלעכע וועלט האָט זיי געוואָלט אָוועקרייבן פון זיי... לאָמיר נאָר פּראָווון אָנהויבן צו באַהאַנדלען די יידן אַלס ברידער, דאַן וועט דער חשק צו זייער לעבנסשטייגער כּפאַרקלענערט ווערן אין דערזעלבער מאָס, ווי זיי וועלן באַקומען די אייגנטלעכע בירגעררעכט” (רעדע פון ראַטמאַן זוטער אין יאָר 1799). אָדער: „אַזוי ווי דער שאָוויניזם איז אַ רע-זולטאַט פון אונטערדריקונג, אַזוי איז אַ געוויסע יידישע אַמביציע און עקשנות זיך צו פאַרייניקן, נישט צו וועלן זיך אַסימילירן — נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ שלעכטער באַהאַנדלונג” (קורט טריצשלער פאָן פאַלקענשטיין אין יאָר 1917) — וואָס פאַר אַ שטעלונג נעמען מיר אָן צו דערדאָזיקער פאַרטיידיקונג?

בשעת דער פאַרטיידיקער נעמט זיך צו באַשיצן אונזערע רעכט און רופט אויס פאַטעטיש צו אונזערע קעגנער: „פאַראַן נאָר איין מיטל,

ווי אַזוי אַ ייד קאָן זיך איבערשמדן אויף אונזער נאַציאָנאַליטעט דאָס איז דער שמד פון בלוט אין דעם געמיינזאַמען קאַמף פאַר פרייהייט און פאָטערלאַנד. זייער בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט אונזער בלוט אויף די שלאַכטפעלדער! אָט דאָס איז געווען דאָס מעכטיקע וואָרט, מיט וועלכן מען האָט אין פראַנצויזישן פאַרלאַמענט פאַרניכטעט די לעצטע אָנמעכטיקע רעגונגען פון אומטאָלעראַנץ און אַנטיפאַטיע. אויך די דייטשע יידן האָבן פולגילטיק זיך אויסגעקעמפט דאָסדאָזיקע פולגילטיקע רעכט אויף נאַציאָנאַליטעט" (גבריאל ריסער).

צי דאַרף דער נאַציאָנאַלער ייד איינשטימען מיט דערדאָזיקער פאַר-טיידיקונג? די אַדוואָקאַטן פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג באַ-מיען זיך אָפּט אָפּצושלאָגן יענע שווערע באַשולדיקונג, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט קעגן יידנטום צוליב זיין גלויבן אין משיחן, ד. ה. מיר ווערן באַשולדיקט, אַז מיר האָבן אַ נאַציאָנאַלע בענקשאַפט נאָך אונזער היסטאָרישער היים און אַ האָפענונג, וואָס פאַרשווינדט קיינמאָל נישט, אַז דאָס פאָלק ישראל וועט אויסגעלייזט ווערן פון די פרעמדע לענדער. זיי פאַרטיידיקן אונז און זאָגן: „אַ ווייטערדיקער פאָרוואורף ווערט אַרויסגעשטעלט: דער תנ"ך זאָגט צו די יידן, אַז זיי וועלן זיך צוריקקערן אין זייער אייגן לאַנד, און די גאַנצע נאַציע קוקט אויס דידאָזיקע גאולה. דעריבער האָבן זיי נישט דעמזעלבן אינטערעס, ווי אַנדערע, אין ענגלאַנדס וואוילשטאַנד. ענגלאַנד איז נישט זייער היים, נאָר זייער דערווייליקער וואוינאָרט, דאָס הויז פון זייער געפאַנגענ-שאַפט. די הבטחה פון גאָט צוריקצופירן די יידן קיין פאַלעסטינע דורך אומבאַקאַנטע מיטלען און אין אַן אומבאַשטימטער צייט, אפשר ערשט אין צען טויזנט יאָר אַרום, גילט שטענדיק פאַר אַ באַווייז, אַז דער ייד האָט נישט קיין אינטערעס פאַרן וואוילשטאַנד פון זיין לאַנד, וואו ער לעבט... נאָר צוליב דעם אָרדנט איין דער ייד זיין הויז בלויז צייטווייליק, ווייל ער באַטראַכט זיך אַלס וואַנדערער און צייטווייליקער גאַסט אין דעמדאָזיקן לאַנד? צי דען מאַכט אים די האָפענונג אויף זיין צוריקקער אין לאַנד פון זיינע אבות גלייכגילטיק אין באַצוג צו די וואַקלענישן פון דער בערזע?" (מאַקאַליי). „קיין

שום מענטש און אַוודאי נישט דער אַזוי לייטזעליקער באַראָן סילוועסטער דע סאסי — (אָט דער אָריענטאַליסט האָט געהאַלטן, אַז אַ ייד, וואָס דער גלויבן אין משיחן איז שוין מער נישט פאַר אים קיין „אני מאמין״, קיין עיקר פון זיין אמונה, האָט אויפגעהערט אַ ייד צו זיין) — וועלן דעריבער אויפן ייד קיין פאַריבל נישט האָבן, אויב ער וועט זיין משיחן געפינען דערין, וואָס גוטע מלכים וועלן אים אויסגלייכן אין די רעכט מיט די איבעריקע בירגער און וועלן אים פאַרגינען די האָפענונג, אַז אויב ער וועט פולשטענדיק דערפילן זיינע בירגערלעכע פליכטן, וועט ער אויך דערגרייכן אַלע בירגערלעכע רעכט״ (לאַצאַרוס בן דוד). „און טאָמער וועלן צווישן טויזנטער זיך געפינען עטלעכע, וואָס וועלן נישט איינגיין דערויף, נאָר וועלן בעסער וועלן געהערן צו אַ נישט עקזיסטירנדיקער מלוכה און צו אַ נישט עקזיסטירנדיקער נאַציע, דאַן וואָלט עס געווען אַ זייער גלייכע זאַך, מען זאָל איבער דידאָזיקע באַשטימען אַ פּאָליצייאישע השגחה. נישט, חלילה, צוליב דער געפערלעכקייט פון זייער מיינונג, נאָר ווייל עס וואָלט געווען אַ שטאַרקע סברא, אַז זיי זענען משוגע״ (ריסער). צי מעגן מיר דערלויבן אַזאַ פאַרטיידיקונג פון יידנטום? צו דעם פאָרוואורף, אַז מיר פירן אַ נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטע עקזיסטענץ, און אין דער שטאַרקער האָפענונג אויפן צוריקקער צו אונזער נאַציאָנאַלער היים באַטראַכטן מיר נישט אונזער וואוינלאַנד אַלס פאָטערלאַנד, — צי מוזן מיר נישט דעמדאָזיקן פאָרוואורף בעסער אָננעמען אַלס קאָמפּלימענט, וואָס אונזער מאָדערנעס יידנטום פאַרדינט אים שוין כמעט אומיער קאָן אונז נאָר קרענקען, ווייל ער פאַרשעמט אונז?

אָדער בשעת אונזערע אַדוואָקאַטן זענען מודה, אַז די באַשולדיקונג איז אַ ריכטיקע און באַמיען זיך נישט צו פאַרענטפערן אונז מיט דער טענה, אַז אונזער גלויבן אין דער ווידעראויפבויונג פון אונזער נאַציאָנאַלן פאָטערלאַנד איז שוין אַ פאַרשוואונדענע פאָלקסלעגענדע, וואָס האָט נישט קיין שום איינפלוס אויף אונזערע מחשבות און מעשים, אָדער מיט דער טענה, אַז דערדאָזיקער גלויבן איז בלויז אַ שגעון פון איינצלנע פאַנאַטיקער, וואָס מען וואָלט אפשר געדאַרפט באַשטימען

איבער זיי אַ פּאָליציייאישע השגחה, אָבער אונזער גאַנצער כלל האָט
דערצו קיין שייכות נישט, – בכן, אויב אונזערע אַדוואָקאַטן אַנערקענען
יאָ די ערנסטקייט און די סכנה פון דעמדאָזיקן גלויבן, און דאָך גע-
פינען זיי פאַר מעגלעך אונז צו פאַרטיידיקן דערמיט, וואָס זיי גיבן
האָפענונג, אַז מיר וועלן מיט דער צייט זיך פאַרבעסערן, און זיי זאָגן:
„אויב מיר וועלן די יידן אויסלייזן דורך פרייהייט און דורך שענקען
זיי די בירגערלעכע רעכט, דאַן וועלן זיי אַלץ מער און מער אָפּ-
וואַרפן דעמדאָזיקן גלויבן; און טאָמער וועט זיך דאַן אַמאָל עמעץ
אויסגעבן פאַר אַ נייעם משיח, אַזוי וועט מען אים (לויט דאָמס עצה)
איינזעצן און האַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט זיך פאַר דער מאַכט
לעגיטימירן" (זוטער) – צי מוזן מיר נישט דידאָזיקע פאַרזיכערונג פון
אונזערע מליצי-יושר אָפּוואַרפן מיט צאָרן? צי דאַרפן מיר נישט צונישט צו
מאַכן די פון זיי געפּלאַנטע באַרויאיקונג פאַר אונזערע הערשנדיקע
פעלקער און צעשטערן דעם געמאַכטן אויסגלייך?
בשעת אונזערע בעלי-טובות גיבן אונז אַרויס אַ לויבשיין פאַר
אונזער העלדישקייט אין דער מלחמה און זיי פאַרטיידיקן אונז מיט
גרויס דערפאָלג דאַדורך, וואָס זיי רופן אויף דעם איינדרוקספולן
זאַץ: דער געמיינזאַמער שוצגרוב אין פעלד האָט נאַציאָנאַל און פּאָ-
ליטיש פונקט אַזאַ ווערט, ווי דער שמד (פרידריך נוימאַן און אַנדערע) –
צי מוזן מיר נישט פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ מין אויסגלייך, וואָס מאַכט
פון אונזער שרעקלעכסטער נויט אַ גוטע טאַט?

* *

*

אין אמתן געדעדט, חוץ די פאַריינען צו קעמפן מיטן אַנטיסע-
מיטיזם, וואָלט מען געהאַט נישט ווינציקער סיבות צו גרינדן פאַריינען
צו קעמפן מיט די טובות, וואָס עס ווילן אונז טון אונזערע גוטע
פריינט, די אַזויגערופענע פילאָסעמיטן אַלס קעמפער פאַר אונזער גלייכ-
באַרעכטיקונג.

ביידע צדדים — סיי אונזערע אַנטיסעמיטישע באַשולדיקער און סיי אונזערע ליבעראַלע פאַרטיידיקער, וואָלטן געוואָלט זען די פאַרניכטונג פון אונזער עקזיסטענץ. אייגנטלעך שיידן זיי זיך אונטער נאָר אין די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי צום בעסטן אָפּצושוואַכן און צו דערהרגענען דאָס יידנטום. די ערשטע האָפן, אַז דאָס וועט געשען דורך באַזונדערע געזעצן פאַר יידן, די צווייטע — דורך גלייכבאַרעכטיקונג. אָדער זיי שטרייטן, אונזערע שונאים און גוטע פריינט, וועגן דער ממשות פון אונזער עקזיסטענץ. די ערשטע זעען אונז אַלס אַ לעבעדיקן פאָלקס-אָרגאַניזם מיט אַ פעסט באַשטימטן ראַסישן אָדער נאַציאָנאַלן שטייגער, האַלטן אונז פאַר שטאַרק און מעכטיק, האָבן אונז פיינט און האָבן מורא פאַר אונז, באַצייכענען אונז אַלס נאַציאָנאַלע סכנה און באַקעמפן אונז אַלס כלל, אַלס עטנישן קאָלעקטיוו, האַלטן, אַז אין אונז לעבט אַ געפיל פון „כל ישראל ערבים זה בזה" און מאַכן אונז פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַר דעם אַנדערן. דאַקעגן, די צווייטע לייקענען אָפּ די עקזיסטענץ פון קאָרפּוס דעליקטי, די עקזיסטענץ פון יידנטום, האַלטן דאָס יידישע פאָלק פאַר טויט, דערקלערן עס אַלס אַ שאָטן פון עבר, אַלס אַ רוח, וואָס שפּאַצירט נאָך אַרום בלויז אין די קעפּ פון אָפּגעשטאַנענע און אַבערגלויבישע; זיי זעען אין אונז נאָר איינצלנע, צעשפּרייטע שפּענדלעך, נישט צונויפגעבונדענע, צעפּליקטע גלידער פון אַ לאַנג צעפוילטן קערפּער, וואָס זענען שוין איינגעקערפּערט געוואָרן אין פאָלקס-אָרגאַניזם פון דער נאַציע פון לאַנד און זענען שוין, ווי געהעריק, איינגעוואַקסן אין איר גייסטיקן כלל. אויב די יידן, זאָגן אונזערע גוטע פריינט, ווייזן נאָך דאָ און דאָרט אַרויס פרעמדאַרטיקע אויפפירונגען און עס זעט כלומרשט אויס, ווי עס וואָלט צווישן אונז עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק, זענען דידאָזיקע נאַציאָנאַלע אויפציטערונגען נאָר אַ רעזולטאַט פון דער באַציונג פון דער אַרומיקער וועלט צו די יידן; די יידן ווערן געצוואונגען צו אָפּגעזונדערטקייט דאַדורך, וואָס מען גלייכט זיי נישט אויס אין די רעכט, און דאָס ווירקט צוריק אויף זייערע בכיוונדיקע נאַציאָנאַלע געשטאַלטונגען און עס פילט אָן זייער גייסט מיט דער

שטרעבונג זיך אָפּצוצוימען און אָפּצוזונדערן; דאָס, ווידער, לאָזט נישט דעם יידנטום אויסהויכן זיין אַלטע נשמה און פאַרהאַלט אומזיסט זיין גסיסה. לאָמיר די יידן געבן אַלע רעכט, וועלן זיי באַלד מער נישט זיין קיין יידן.

פון דערדאָזיקער אָפּשאַצונג פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און ווילן נערט זיך אויך אַ ווייטערדיקע מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן אַנטיסעמיטן און פילאָסעמיטן: אין דער אויסזיכט אויף להבא. אונזערע גוטע פריינט האַלטן, אַז מיר זענען גרייט זיך אַליין צו פאַרניכטן. זיי פאַרלאָזן זיך אויף אונזער מעגלעכקייט זיך צו אַסימילירן, אויף אונזער פעאיקייט זיך צוצופּאַסן און זיך אַריינצופילן אין אַ פרעמדן כלל; און פון זייער זייט דערקלערן זיי זיך גרייט איינצושלינגען אונז צעשמאָלצענערהייט! קורץ, זיי גלויבן אין דער מעגלעכקייט, אַז ס׳קען נעמען אַ סוף צום יידנטום, וואָס דאָס וועט זיין אַ לייזונג פון דער יידישער פראַגע. אונזערע שונאים האָבן דידאָזיקע אמונה, זיי לייקענען אָדער צווייפלען, אַז מיר זאָלן האָבן דעם ווילן צו נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרניכטונג און גלויבן אויך נישט אין דער פעאיקייט פון אונזער צופּאַסן זיך, צוקלעבן זיך צו זיי; זיי רעדן מיט כעס וועגן דער יידישער עקשנות און האַרטנעקיקייט און שפּירן אומעטום יידישן טראָץ.

בכן ווערט געפירט אַ וויכּוח וועגן דעם ווערט פון אונזער פאָלקסקראַפט, און אונזערע שונאים שאַצן זיי יעדנפאַלס אָפּ העכער, ווי אונזערע גוטע פריינט. וואָלט ביי אונז רייף געוואָרן דער נאַציאָנאַלער זין, וואָלט אונזער נאַציאָנאַלע אָריענטירונג געווען קלאָר און ווייטבליקנדיק, דאַן וואָלטן מיר זיך גיכער געדאַרפט באַשיצן פאַרן גלעט פון אונזערע גוטע פריינט, איידער פאַרן שטויס פון אונזערע שונאים.

---

אויב מיר ווילן אין די גלות־לענדער ווייטער עקזיסטירן אַלס

נאַציאָנאַל-געשלאָסן כלל-וועזן, אויב מיר ווילן אין די פיל מדינות זיך דערקלערן אַלס איינהייט און פרעטענדירן אויף נאַציאָנאַלע רעכט, דאַן מוזן מיר פּראָטעסטירן קעגן דער פאַרטיידיקונג פון דידאָזיקע באַשיצער אונזערע און אַרויסשטעלן קעגן זיי אַזאַ מין באַקענטעניש:

אומעטום זענען מיר פאָלקספרעמד לגבי דער נאַציע פון לאַנד און מיר ווילן אומדערשיטערלעך פאַרבלייבן אין אונזער פרעמד-אַרטיקייט, דאָס הייסט אָפּהיטן אונזער באַזונדערן שטייגער. אמת, מיר האָבן פיל פאַרלוירן פון אונזער באַזונדערקייט און זיך אַ היבש ביסל אָנגעשלאָסן אָן דער נאַציע פון לאַנד. אמת, אונזער בלוט האָט זיך אויף די שלאַכטפעלדער פאַרמישט מיט איר בלוט. אמת, מיר זענען אין אַ גרויסן טייל איינגעבירגערט געוואָרן אין פרעמדנאַציאָנאַלן קולטור-כלל, אַריינגעוועבט געוואָרן אין זיין געשיכטע און אין זיינע שיקזאַלן, איינגעוואָרצלט געוואָרן אין זיין שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט, זיך אַריינגעפּאַסט אינם צוזאַמענשטעל פון זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און צילן, שטרעבונגען און האָפענונגען. מיר באַטראַכטן עס אָבער אַלס אַ קללה, וואָס ליגט אויף אונז, אָבער נישט אַלס גליק. מיר באַדויערן דידאָזיקע אָנשליסונג, דעמדאָזיקן שמד פון בלוט, די-דאָזיקע איינבירגערונג, דידאָזיקע איינוועבונג, דידאָזיקע איינגע-וואָרצלטקייט און פאַרקניפּונג. דידאָזיקע בענדער זענען פאַר אונז קייטן, וואָס פאַרשוועכן אונזער כבוד. מיר פרייען זיך נישט מיט אונזער געלויבטער באַטייליקונג אין דער פרעמדנאַציאָנאַלער גייסט-קולטור. דידאָזיקע באַטייליקונג באַדייט גיכער אַ באַשולדיקונג קעגן אונז, וואָס מיר האָבן אונזערע שאַפערישע קרעפטן אַוועקגערויבט פון אונזער פאָלקסטום און זיי געשטעלט צום דינסט אַ פרעמדן גייסט. דאָס איז אַ דענקמאָל פון אונזער נאַציאָנאַלער שאַנד, אַן עדות פון אונזער פאַרברעכן: מיר זענען באַגאַנגען אַ רויב ביי אונזער אייגן פאָלק. וואָס גרעסער עס איז דידאָזיקע באַטייליקונג אין פרעמדן פאַר-מעגן, וואָס מער די פעלקער האָבן פאַרדינט דורך אונז, דורך אונזער אינטעליגענץ און טאַלענטן, אַלץ גרעסער איז אונזער נאַציאָנאַלע פאַרזינדיקונג, אַלץ מער האָבן מיר זיך פאַרשולדיקט קעגן אונזער

אייגן פאָלק. און דידאָזיקע שאַנד ווילן מיר פון זיך אָפּוועגדן, צום דאָזיקן פאַרברעכן אַ סוף מאַכן.

מיר ווילן שטערן אונזער נאַציאָנאַלע פאַרשמעלצונג מיט דער נאַציע פון לאַנד, אויפבינדן די בענדער פון דער אַסימילאַציע, אַראָפּ־טרייסלען פון זיך די קייטן פון גלייכבאַרעכטיקונג, אַרויסטרעטן פון פרעמדנאַציאָנאַלן כּלל, אויסגראָבן אונזערע וואָרצלען, וואָס זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן און זיי דערנענטערן צו זייער נאַציאָנאַלער מאַמע־ערד. פאַרלאָזן די פרעמ־דע ווירקונגספּלעצער און פאַרזאָרגן אונזערע אייגענע פעלדער. מיר ווילן נישט מער דינען פרעמדע לענדער אַלס באַמיסטיקונג, מיר ווילן נישט מער אוועקשענקען אונזערע גרויסע פּאָלקסזין, מיר ווילן נישט מער לאָזן אַנדערע נאַציעס עקספּלאָאַטירן אונזערע כּוחות און זאַפטן. מיר ווילן נישט מער גיין איבער די בריקן פון עמאַנציפּאַציע, וואָס איר און מיר אַליין האָבן געבויט פאַר אונזער נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג: מיר ווילן נישט באַצאָלן דעם בריקשטייער. מיר ווילן בעסער צאָלן דעם אַלטן קערפּערשטייער, ווען מען האָט פאַר אונז געמאַכט אַן אויסנאַם, איידער דעם נייעם נשמה־שטייער פאַר אויסגלייכן אונז מיט אייך. בעסער יידן אָן גלייכבאַרעכטיקונג, איידער גלייכבאַרעכטיקונג אָן יידן.

מיר דערקלערן זיך אַלס פאָלק איבער אַלע מלוכה־גרענעצן, אַלס איינהייט איבער דער גאַנצער מענגע פון אונזערע וואוינלענדער, און ממילא אויך אַלס פאָלק אין אַ פאָלק. מיר זענען פעסט אַנטשלאָסן צו שיצן און צו שטאַרקן אונזער נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט, און ממילא אונזער נאַציאָנאַלע פרעמדקייט צווישן די הערשנדיקע פעלקער. מיר, נאַציאָנאַלע יידן, פאַרלייקענען דעריבער נישט די טראַגיק פון דעמ־דאָזיקן אייגנאַרטיקן קאָנפליקט, די לאָגיק און די ריכטיקייט פון אַ נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם, צווישן דער נאַציע פון לאַנד און צווישן אונז, וואָס מיר זענען אין איר און מיר ווילן אין איר בלייבן אַלס פרעמדע קערפּער; מיר פאַרטיידיקן זיך אָבער קעגן די גראָבע, אומ־גערעכטע פאָרמען פון דעמדאָזיקן קעגנזאַץ. מיר קלאָגן זיך נישט אויף

דער עקזיסטענץ פון קאַמף, וואָס נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אַסימילאַטאָרישער פאַרברידערונג, זעט ער דאָך איין אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבנסווילן — אונזער לאַגע אין גלות אַנטהאַלט ממילא אַ קאָנפליקט-צושטאַנד, און מיר קאָנען זיך נישט באַקלאָגן אויף אונזער צוויי טויזנטיאָריקן שיקזאַל; מיר טרעטן אָבער אַרויס קעגן דער באַרבאַרישער פירונג פון קאַמף, קעגן די שענדלעכע קאַמפּסמיטלען.

מיר פאָדערן גלייכע רעכט אַלס עלעמענטאַרע פאָדערונג פון יושר: גלייכע פליכטן, גלייכע רעכט. מיר פאָדערן דידאָזיקע גלייכקייט נישט אויפן גרונט פון נאַציאָנאַלער צוגעגליכנקייט, נאָר אויפן סמך פון נאַציאָנאַלער פאַרשיידנקייט.

אַלס פרעמדע קערפּער פּרעטענדירן מיר אויף אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר ע ר ש ט ע ל ו נ ג, מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. מיר אַכטן דאָס רעכט פון דער נאַציע פון לאַנד צו שיצן איר פאָלקישע אינדיווידואַליטעט קעגן פאָלקספרעמדע. מיר זענען נישט באַרעכטיקט צו פאַרטרעטן די נאַציאָנאַלע לעבנסאינטערעסן פון פאָלקסטום, וואָס איז אונז בעצם פרעמד, און צו פאַרוואַלטן די היילִיקטימער פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור; פונקט ווי מיר וועלן זיך נישט לאָזן צונעמען דאָס רעכט צו אַנטוויקלען אונזערע פאָלקסאינטערעסן אין געשלאָסנקייט און צו דערהאַלטן אונזער פאָלקסקולטור אין איר ערשטער ריינקייט.

אַזוי אַן ערך וואָלט געמוזט זיין אונזער נאַציאָנאַלע באַקענטעניש אין איר לאָגישער קאָנזעקווענץ און אין מוטיקער אויפריכטיקייט, און דורך אָפלייקענען די געוויינלעכע פאַרטיידיקונג פון אונזערע רעכט. מעגלעך, אַז דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער אני-מאמין וועט צייטווייליק שטעלן אין סכנה אונזער בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער דאָס פאַרשווייגן, היינט ווער רעדט שוין דאָס פאַרלייקענען פון דידאָזיקע קאָנזעקווענצן שטעלט אין סכנה אונזער נאַציאָנאַלע גילטיקייט, א ו נ ז ע ר ג י ל ט י ק י י ט אַ ל ס פ ר ע מ ד פ אָ ל ק. מיר מוזן אויסקלויבן צווישן די ביידע סכנות. דער פאָלקסווילן מוז זיך פולשטענדיק

קלאָר מאַכן דידאָזיקע גאַנצע באַדייטונג פון זיין נאַציאָנאַלער אָנט-שיידונג אין גלות.

מיר גיבן דערמיט דעם אַנטיסעמיטיזם אַ פּעטן ביסן — זאָל זיין אַזוי: דאָס דאַרף אונז נישט אָפּשרעקן און נישט ערגערן. בשעת משה האָט געוואָלט באַפרייען זיין פאָלק פון מצרים-קנעכטשאַפט, האָבן די פאַרשקלאַפטע פאָלקס-משגיחים געמורמלט: משה האָט אונזער לאַגע נאָך פאַרערגערט, ער האָט אונז פאַרדעכטיקט אין די אויגן פון פּרעה, און די מצרים אין די הענט אַריין געגעבן אַ געווער קעגן אונז. משה האָט אָבער דערויף קיין אַכט נישט געלייגט, ווייל עס איז אים געגאַנגען נישט אין דער פאַרלייכטערונג פון דער מאַטעריעלער נויט, נאָר אין דער גרויסער גאולה-אַקציע.

## 4.

אפילו נאַציאָנאַל-באַוואוסטזיניקע יידן האָבן נאָך נישט אָפּגעשאַצט און דערקענט די גאַנצע באַדייטונג פון זייער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש. גאַנץ אָפט ווערט אויך אין אונזערע נאַציאָנאַלע רייען אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג וועגן פולבאַרעכטיקונג מיט דער דער-קלערנדיקער הקדמה און מיט דער מאָטיווירונג: מיר זענען גוטע יידן און גוטע דייטשן, מיר זענען גוטע יידן און גוטע פראַנצויזן, גוטע יידן און גוטע רוסן, גוטע יידן און גוטע פּאָליאַקן און גוטע ליטווינער, גוטע לעטן, גוטע אוקראַינער, גוטע גרוזינער און אַזוי ווייטער.

בלויז דאָסדאָזיקע „און”, שוין אָפּגערעדט פון דער גלייכמעסיקער אָפּשאַצונג פון די צוויי פאַרבינדונגסגלידער, באַליידיקט און צעקאַליע-טשעט אָדער דעם באַגריף — ייד, אָדער די באַגריפן דייטש, פראַנצויז, רוס, פּאָליאַק א. אַז. וו. פאַר אונזערע אַסימילאַנטן, וואָס פאַר זיי גילט די יידישקייט בלויז אַלס גלויבן, קאָן דערדאָזיקער שידוך אָדער דער אַנטשפּרעכנדיקער פאַרבינדונגסצייכן האָבן אַ זינען, אָבער פאַר אונז, נאַציאָנאַלע יידן, מוזן דידאָזיקע אַלע ממזרים-באַגריפן, וואָס ווערן געבוירן פון דער צונויפפּאָרונג פון ייד און דייטש, ייד און פראַנצויז

א. אַז. וו. זיין באַליידיקנדיקע זינלאָזע באַגריפן. שענדלעכע באַצייכענונגען פאַר די פאַרשיידנפאַרביקע באַשעפענישן פון אונזער פילפאַכיקער צעשפּאָלטנקייט, פאַר די קאַליקעס פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע.

אונזערע אַסימילאַנטן זענען אָן אַ ספק קאָנזעקווענט. זיי זאָגן: מיר זענען דייטשן א. אַז. וו. פון משהס גלויבן. מיר זענען פולע דייטשן, אַזוי ווי די דייטשן פון דער עוואַנגעלישער און קאַטוילישער קירכע, און מיר פאָדערן פולבאַרעכטיקונג. „וואָס וואָלט מען געזאָגט דערצו, ווען מען וואָלט אין אַ קאַטוילישער מלוכה באַרעכטיקט די אויסשליסונג פון פראָטעסטאַנטן דערמיט, וואָס מען וואָלט פאַרלאַנגט, זיי זאָלן דורך אַריבערגיין צום קאַטוילּיציזם זיך צופּאַסן צו דער נאַטור פון דער מלוכה, וואָס באַשטייט פון קאַטויליקן" (ריסער). מיר פאָדערן אַזאַ שטעלונג אין לאַנד, אַז מען זאָל צו אונז האָבן אומבאַגרענעצטן צוטרוי. „די סימנים, וואָס באַצייכענען דעם אונטערשייד צווישן קריסטנטום און יידנטום, דאַרפן שטאַרק גענומען ווערן אין אַכט, בשעת מען באַטראַכט די פעאיקייט פון עמעצן צו זיין אַ בישאָף אָדער אַ רב, אָבער זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט דער פעאיקייט צו זיין אַ פרידנסריכטער, אַ געזעצגעבער און אַ פינאַנצמיניסטער, פונקט ווי זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט דער פעאיקייט פון אַ מענטשן צו זיין אַ שוסטער. קיינער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט צו צווינגען די שוסטער, זיי זאָלן אָפּגעבן אַ פייערלעכע דערקלערונג וועגן דעם אמתן גלויבן פון אַ קריסט. יעדער מענטש וועט זיך גיכער מאַכן אַ פּאָר שיך ביי אַ שוסטער אַ געצנדינער, איידער ביי עמעצן, וואָס האָט אונטערגעשריבן אַלע ניין און דרייסיק קריסטלעכע גלויבנסאַרטיקלען, נאָר ער האָט קיינמאָל קיין אָל אין האַנט נישט געהאַלטן... און אָט האָט די רעליגיע פונקט אַזאַ שייכות מיטן שוסטער, ווי מיטן בודזשעט אָדער מיט די מיליטערישע אַנגעלעגנהייטן" (מאַקאַליי). קורץ און שאַרף.

אויך אונזערע האַלבע אַסימילאַנטן זענען אין זייער האַלבקייט קאָנזעקווענט. זיי גיבן אָפּ די באַקענטעניש:

מיר זענען דייטשן, פראַנצויזן א. אַז. וו. פון יידישער אָפּשטאַמונג און פון יידישן גלויבן. דאָך זענען מיר נישט קיין איינגעוואַנ-

דערטע, קיין פרעמדע, קיין געסט, נאָר איינגעבוירענע, איינגעוואָרצלטע, היימישע, לעגיטימע קינדער פון לאַנד. מיר זענען צוגעהעפט צו אונזער פאָטערלאַנד מיט אַלע אונזערע געפילן און מחשבות און שוין לאַנג איז אין אונז אָפּגעשטאָרבן די בענקשאַפט נאָכן לאַנד פון די אבות. און דאָך זענען מיר פון יידישקייט נישט אָפּגעפאַלן, מיר זענען נישט קיין איבערלויפער, קיין בוגדים. מיר פאַרלייקענען נישט אונזער אָפּשטאַמונג און דעם גלויבן פון אונזערע אבות, לייקענען נישט דעם יידישן אונטערשלאַק, דעם יידישן ניואַנס אין אונזער דייטשנטום, פראַנצויזנטום. מיר האָבן דאָס עכט דייטשע, עכט פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, מיר זענען אינערלעך פאַרבונדן אין אַן אומאויסלעשבאַרער ליבע מיט דער דייטשער א. אַז. וו. נאַטור, קולטור און שטייגער; מיר האָבן אָבער אויך דאָס באַוואוסטזיין פון יידישן שטאַם. דאָס זענען צוויי ספערן פון באַוואוסטזיין, וואָס באַרירן זיך נישט. דאָס, וואָס מיר זענען דייטשן, פראַנצויזן, האָט נישט די מינדסטע השפעה אויף אונזער יידישקייט, ווייל יידישקייט איז נישט קיין נאַציאָנאַלער דיפערענצירונגס־מאָמענט. יידישקייט איז אין איר טיפסטן סוד אַנאַציאָנאַל, סופּערנאַציאָנאַל; יידישקייט איז אַ לערע, וואָס שטרעבט צו ווערן גילטיק פאַר אַלעמען און שטראָמט אריין אין אוניווערסאַליזם; יידישקייט איז אַן אידעע, וואָס האָט נישט און טאָר נישט האָבן קיין פאָטערלאַנד. נאָך מער, נישט בלויז אין אונזער דייטשנטום, פראַנצויזנטום זענען מיר מער פּוליווערטיק, ווי די נאַציאָנאַלע יידן — נאָר מיר זענען אפילו בעסערע יידן, ווי זיי. עס ליגט טאַקע אין דער נאַטור פון יידישקייט, זי זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך אירע ערשטע נאַציאָנאַלע פאָרמען, זיך באַפרייען פון איר שאָלעכץ, כדי צו אַנטפּלעקן פאַר דער גאַנצער וועלט איר אינערלעכן קערן. דאָס איז אַ וועלט־היסטאָרישע מיסיע, דורכצושפּאַלטן די מחיצות פון טעריטאָריאַלער איינקוועטשונג און עטנישער גשמיות, אַרויסצוטרעטן פונם קרייז פון נאַציאָנאַלן, אַריבערצופליען אַלע גרענעצן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער נאַטור, דורך דער אָפּשטאַמונג, און צו דערהויבן זיך ביז צו די ספערן פון די איבערפּערזענלעכע, אומשטערבלעכע אידעען. מיטן

אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה האָט די יידישקייט ערשט טאַקע געוואונען אין פאַרטיפונג פון איר אינהאַלט, אין איר פאַרשפרייטונג, אין אמתדיקייט און עצמדיקער ווירקלעכקייט. און אונזערע חכמים האָבן עס טאַקע פאָרויסגעזאָגט מיט זייער שפרוך: „ארץ-ישראל וועט זיך פאַרשפרייטן אויף אַלע לענדער"... ערשט, ווען דער מאָנאָטעיזם איז באַפרייט געוואָרן פון זיינע נאַציאָנאַלע בענדער, האָט זיך געקאָנט אַרויסווייזן זיין אמתדיקייט און ערשט דאַן איז געלייטערט געוואָרן זיין אידעע וועגן גאָט, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געבליבן פאַרטונקלט, ווייל זי איז געווען באַלאָדן מיט מיסטישע פאָרשטעלונגען פון אַ גאָט און איין שבט; דער גלות האָט פאַרטיפט אונזער רעליגיעז אינערלעך לעבן און פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט פון אונזער עטיק. אין נאַציאָ-נאַלן כבוש-היצר און אין אָפזאָגן זיך פון עולם-הזה זענען מיר, אַלזוי, מעיד און מיר באַווייזן די ריכטיקייט פון יידישקייט אין איר ריינעם טיפסטן אינהאַלט און אין הערלישן אויסדויער; מיר פאַרפעסטיקן די יידישקייט און בויען אויס אירע היסטאָרישע יסודות, אַנטוויקלען און פאַרגרעסערן אירע רעליגיעז-עטישע קוואַלקראַפט; פירן אויס איר משיח-באַרוף און פאַרמערן אירע פאַרדינסטן, עפענען פאַר איר אַן אומבאַגרענעצטן געביט צו ווירקן אין דער אַלגעמיינער מענטשהייט און גאַראַנטירן איר אייביקן קיום — דאַדורך, וואָס מיר צעברעכן איר ערשטע אָרעמע נאַציאָנאַלע ראַם, אין וועלכער זי איז געווען איינגעפאַסט, דאַדורך, וואָס מיר דערהאַלטן די יידישקייט אויסער-נאַציאָנאַל, נאָר גייסטיק אוניווערסאַל אין שטראָם פון די פאַרענדערונגען און אין רוים. דאַקעגן, די נאַציאָנאַלע יידן דעגראַדירן דעם באַרוף פון אונזער פאָלק צו זיין די כהנים פון דער מענטשהייט און שטעלן די יידישקייט אין סכנה דאַדורך, וואָס זיי מאַכן זי גשמיותדיק, וואָס זיי ווילן אירע אידעען געבן אַ קערפער, וואָס לעבט און שטאַרבט אין רוים און צייט, בליט און פאַרוועלקט. מיר, די ערשט-געבוירענע נאַציאָנאַלע דייטשן א. אז. וו. און דערצו נאָך יידן, זענען די היטער און די ווייטערדיקע פאָרמירער פון יידישקייט; מיר זענען די אמתע יידן, געטריי דעם שטאַם, געטריי דעם גלויבן; מיר זענען, ווי געזאָגט, נישט בלויז בעסערע דייטשן

א. אַז. וו. נאָר אויך בעסערע יידן, ווי די נאַציאָנאַלע יידן.

אויב מען וויל באַווייזן די פאַלשקייט פון דערדאָזיקער טעאָריע פון אונזערע האַלב-אַסימילירטע יידן, מוז מען באַווייזן די פאַלשקייט פון אירע יסודות, די פאַלשקייט פון איר אויסטייטשונג. מען קאָן אָבער נישט אָפּלייקענען, אַז זי איז אינערלעך קאָנזעקוועגט און אויפריכטיק.

ווי זעט אָבער אויס די קאָנזעקווענץ און אויפריכטיקייט פון די גלות-ציוניסטן? צי הייסט עס נישט פאַלש עדות זאָגן, בשעת זיי פאַרזיכערן אונזערע „באַלעבאַטים", די פעלקער, אויס מורא: מיר זענען גוטע יידן און גוטע דייטשן, גוטע יידן און גוטע פראַנצויזן א. אז. וו.? פאַר אונז קען דאָך זיין נאָר איינס פון די ביידע — אָדער ייד אָדער דייטש, אָדער ייד אָדער פראַנצויז. דאָס „און" באַדייט פאַר אונז אַ שפּאַלטונג, נישט דיזעלביקייט. מיר זענען קיינמאָל נישט קיין גוטע יידן און גוטע דייטשן, גוטע יידן און גוטע פראַנצויזן: די גוטסקייט פון איינס שליסט אויס דאָס אַנדערע, סיידן מיר וועלן מיט אַ לייכט הארץ אויסליידיקן די באַגריפן דייטש, פראַנצויז, פון זייער היסטאָרישן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און זיי געברויכן אין אַ פאַר-מעל מלוכה-בירגערלעכן זין.

צי הייסט עס נישט פאַלש עדות זאָגן, בשעת מיר פאַרזיכערן אונזערע באַלעבאַטים, די פעלקער, אויס מורא: מיר זענען גוטע דייטשע, פראַנצויזישע א. אז. וו. פּאַטריאָטן? אויב זייער נישט יידי-שער פּאַטריאָטיזם איז נישט קיין צביעות, דאַן איז זייער ציוניזם אַ צביעות.

צי קענען מיר זיין פולוועדטיקע דייטשע, פראַנצויזישע פּאַטריאָטן, בשעת מיר זענען יידישע פּאַטריאָטן? בשעת מיר דערקלערן זיך אַלס פאַלקסאיינהייט, וואָס ברעכט אַדורך אַלע מלוכה- און מדינה-גרענעצן פון אונזערע באַלעבאַטים, די פעלקער, און בילדן איבער זיי אַריבער אַן אויסערטעריטאָריאַלן כלל.

צי מעגן מיר אָנרופן די לענדער פון אונזער גלות פּאַטערלענדער, בשעת מיר ווינטשן און האָפן אויפריכטיק אויף דער גאולה פון גלות?

אַ מאָדנע, זייער מאָדנע, געליבטע פאָטערלאַנד, וואָס הייסט ביי אונז גלות און וואָס מיר לעכצן פטור צו ווערן פון אים. מיר זענען מודה: דאָס לאַנד פון די אבות איז דאָס לאַנד פון די זין, דאָס לאַנד פון אונזער עבר איז דאָס לאַנד פון אונזער צוקונפט; וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס פאָטערלאַנד-באַוואוסטזיין פאַר אונזער פאָטערלאַנד פון דער קעגנוואַרט, וואָס האָט נישט קיין נאַציאָנאַלן עבר און קיין נאַציאָנאַלן עתיד און וואָס מיר באַטראַכטן עס, ווי אַ פיינלעכן איבערגאַנגס-סטאַדיום?

ווייניקסטנס וואָלטן מיר, ציוניסטן, געמוזט מודה זיין, אַז אונזער פאָטערלאַנד-געפיל איז איינגעטיילט צווישן אונזער היסטאָריש-נאַציאָנאַלן פאָטערלאַנד און אונזער פרעמדנאַציאָנאַלן וואוינונגסלאַנד; פאַרוואָס ווערן מיר אויפגעבראַכט, בשעת מען זאָגט אויף אונז, אַז אונזער דייטשער אָדער פראַנצויזישער פאַטריאָטיזם באַזיצט נישט די קראַפט פון גאַנצקייט און אויסשליסלעכקייט, באַזיצט נישט די מדרגה פון באַגייסטערונג, וואָס עס באַזיצט דער פאַטריאָטיזם פון די עכטע דייטשן, עכטע פראַנצויזן א. אַז. וו.? מעגלעך, אַז אין אונזערע צייטן איז דידאָזיקע אונטערשאַצונג, ליידער, אַ פאַלשע, אַ רשעותדיקע רכילות; מיר האָבן אָבער נישט קיין סיבה זי אָפּצולייקענען. זי איז פאַר אונז דווקא אַ כבוד. פאַרקערט, גיכער וואָלטן מיר געדאַרפט אָפּווענדן דעם כלומרשטן לויב, וואָס שאַצט צופיל איבער אונזער נישט יידישן פאַטריאָטיזם. אַדאַם מיצקעוויטש זאָגט: דער ייד קאָן זיך נישט פילן צוגעבונדן צו דעם שטיק ערד אין פרעמדן לאַנד, כל-זמן ער וואַרט אויף דער פאַרווירקלעכונג פון זיין נאַציאָנאַלער בענקשאַפט, פון דער משיחישער הבטחה. צי מוזן מיר נישט באַשטעטיקן דעמדאָזיקן פסק-דין אין זיין גאַנצן פאַרנעם? אויב אונזער הארץ איז פול מיט אַ הייסער שטרעבונג צוריקצוקערן צו אונזער אייגענעם שטיק ערד, דאַן קענען מיר קיינמאָל נישט שלאָגן קיין וואָרצלען אויף אַ פרעמדן שטיק ערד. אויב אונזער ליבע צו ציון איז עכט, דאַן איז עס נאַטירלעך, אַז זי מוז אָפּשוואַכן די צוגעבונדנקייט צו אונזער אַדאָפּטיוו-לאַנד. אויב מיר פאַרזיכערן צוגעבונדנקייט צו אונזער

אַדאָפּטיוו-לאַנד, דאַן איז אונזער ליבע צו ציון אַ חילול-הקודש-שפּיל, קאָקעטעריע און פּראָסטיטוציע, וואָס אונזערע באַלעבאַטים, די פּעלקערי-סאָרן עס נישט טאָלערירן. קיין דריטע ברירה איז דאָ נישטאָ.

גבריאל ריסער זאָגט: „בשעת עמעץ רופט אונז אָן אומגלויביק און פאַרשטויסן פון גאָט, דאַן זאָגן מיר אים, אַז מיר גלויבן אין איין גאָט, וואָס פאַרשטויסט נישט קיינס פון זיינע קינדער; אויב אָבער דער דייטש וואָלט אונז, דייטשן, געמעגט רופן פרעמדע, דאַן וואָלטן מיר געוועזן אָן אַ היים און אָן אַ פאָטערלאַנד". און אָן אַנדערש מאָל: „מיר זענען נישט קיין איינגעוואַנדערטע, מיר זענען דאָ געבוירן, און ווייל מיר זענען דאָ געבוירן, פּרעטענדירן מיר נישט אויף קיין היים ערגעץ אַנדערש, מיר זענען אָדער דייטשן אָדער היימלאָזע". דאָס איז קאָנ-זעקווענט געטראַכט. אָדער מיר זענען דייטשן, פראַנצויזן א. אַז. וו., אָדער מיר זענען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך א. אַז. וו. היימלאָז. קוים פּרעטענדירן מיר נאָך אויף אַ היים ערגעץ אַנדערש, אַזוי קאָנען מיר נישט, אויך אפילו נישט אַנטיציפּאַטיוו, דערקלערן אונזערע צייט-ווייליקע וואוינלענדער פאַר אונזערע פאָטערלענדער. קיין דריטע ברירה איז דאָ נישטאָ.

און דאַסגלייכן אויך פאַרקערט. אויב מיר דערקלערן אונזערע וואוינלענדער אין גלות פאַר אונזערע פאָטערלענדער, דאַן זאָגן מיר זיך אָפּ פון דער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער טענה אויף אונזער אַלטער היים.

דידאָזיקע טענה איז גילטיק נאָר, בשעת מיר באַקענען: גלות הייסט נישט פאַר אונז פאַרשיקונג און רעכטלאָזיקייט, עניים און יסורים, ליידן פון שנאה און פאַרפאָלגונגען; גלות הייסט פאַר אונז פאַרטרייבונג פון לאַנד פון די אבות, צעזייטקייט אין פרעמדע לענדער, נאַציאָנאַלע היימלאָזיקייט — און קיין גלייכבאַרעכטיקונג, קיין גוט לעבן און קיין פיינער צושטאַנד שאַפט נישט אָפּ דעם גלות-כאַראַקטער פון אונזער עקזיסטענץ — דעם כאַראַקטער פון פרעמדע. גלות הייסט נישט פאַר אונז דער צושטאַנד פון אָפּגעזונדערטקייט, פון איינגעשפאַרטקייט אין אַ געטאָ, און סוף-כל-סוף אויך נישט דאָס ליידן

עוולות, נאָר דאָס פילן די פגימה אין דער פאָלקס-נשמה — און נאָר די ווידעראויפבויונג פון אונזער פאָלקסטום אויף דער ערד פון אונזערע אבות איז אימשטאַנד צו פאַרטיליקן דידאָזיקע עוולה, וואָס ווערט נישט אָפּגעשאַפט און אָפּגעשוואַכט דאַדורך, וואָס זי דויערט שוין אַזויפיל יאָרן.

אונזער טענה בלייבט ביי איר גאַנצער קראַפט, כל-זמן מיר באַקענען: אונזער לעבן און טעטיקייט צווישן פרעמדע פעלקער איז פאַר אונז אַ קללה, וואָס ווערט נישט אָפּגעשוואַכט דורך קיין שום מאַטעריעלער ברכה; פאַרקערט, זי ווערט נאָך געשטאַרקט דורך אונזערע מאַטעריעלע דערפאָלגן; עס איז פאַר אונז אַ שאַנד, וואָס ווערט נישט אַראָפּגעמעקט דורך קיין אויסערלעכן כבוד; פאַרקערט, זי ווערט נאָך בולטער דורך אונזערע דערפאָלגן. אין יעדער לאַגע איז עס און בלייבט עס פאַר אונז אַ מאַרטיריום; די גלות-לענדער זענען פאַר אונז בלויז פשוטע וואוינלענדער, אָבער נישט קיין געהייליקטע פאָטערלענדער; זיי זענען פאַר אונז פלעצער פון אומגליק, פון פיין און פון טרויער, פון שפלות און פון זעלבסטדערנידערונג; פלעצער, וואו מיר ווערן נאַציאָנאַל עקספּלאָאַטירט און אויפגעפרעסן; פלעצער פון ביטערע ערינערונגען און פון וויסטער צוקונפטלאָזיקייט. אונזער פרעטענזיע דויערט נאָר, כל-זמן מיר באַקענען: אונזער ליבע צו ציון קאָן נישט אויסגעראָטן און קאָן נישט אויסגעטוישט ווערן, און בענקענדיק אַהיים אויף פרעמדער ערד, קאָן אונזער לעבן קיינמאָל נישט גליקלעך זיין; קיין שום שמחה קען אונז נישט איינגיין אָן דער ווייטיקלעכער ערינערונג אין אונזער צעשטערטער פרעכטיקייט — זכר-לחורבן; מיר בלייבן אַ מחנה אבלים אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן צוריק האָבן אויפגעבויט אונזער ציון; אין אונזערע וואַנדערונגען און באַזעצונגען האָבן מיר מיטגעטראָגן מיט זיך אונזער אייגענע דיניב-קאָנסטיטוציע אין די אַלע פילע פאָטערלענדער. פון גלות האָבן מיר מיטגעטראָגן מיט זיך, פאַרפעכטיקט אויפן יסוד פון אונזער נשמה, אונזער איינציק, פאַרייניקנדיק נאַציאָנאַל פאָטערלאַנד, פון וועלכן מיר זאָגן זיך נישט אָפּ, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר זענען אין פאַרלויף פון הונדערטער

יאָרן געוואָרן איינגעזעסן אינדערפרעמד, „לבי במזרח ואנכי בסוף מערב״, — נישט אויסצוראָטן און נישט צו פאַרבייטן איז אונזער טריי־הייט, אונזער בענקשאַפט נאָך דער גאולה פון די „לענדער פון דער פרעמד״, פון דער געצוואונגענער היים.

אונזער היסטאָריש־נאַציאָנאַלע רעכט איז אומבאַרירלעך, כּל־זמן אונזער ווילן צוריקצו־קערן אַ היים בלייבט אומדערשיטערלעך פעסט; די קראַפט פון דעמדאָזיקן רעכט שטייט אין אַ גלייכער פאַרהעלטעניש צו דער שטאַרקייט פון דעמדאָזיקן ווילן, אונזער היסטאָרישע פאָדערונג קען נישט בטל ווערן דורך לאַנגע יאָרן, כּל־זמן זי לעבט אין אונז אַלס אַן אומבאַדינגטקייט, אַלס אַ מעכטיקע צווינגענדיקע פאָדערונג, וואָס איז דורכגעוועבט דורך אונזער גאַנצער עקזיסטענץ און וואָס מיר רופן זי אויס אומאויפהערלעך טאָג ביי טאָג, פונקט ווי אונזערע אבות.

אמת, דידאָזיקע פאָדערונג קאָן זיך נישט שטיצן אויף דער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל. זי איז פון מאָראַלישן סאָרט, זי שטיצט זיך דערויף, וואָס די פאַרבינדונג פון אונזער נשמה מיט אונזער לאַנד, מיט דער מאַמע ציון איז קיינמאָל נישט איבער־געריסן געוואָרן, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין חשק אויסצובייטן אונזער פאָטערלאַנד אויף אַן אַנדער לאַנד — דערין ליגט אויך די היסטאָרישע באַדייטונג און די נאַציאָנאַל־רעכטלעכע פּעולה פון דער ציוניסטישער אָפּוואַרפונג פונם אוגאַנדא־פאָרשלאַג. דידאָזיקע פאָדערונג שטיצט זיך קודם־כּל דערויף, וואָס מיר זענען און מיר בלייבן פרעמד אין גלות. וואָס שטאַרקער עס איז דידאָזיקע פרעמד־קייט, וואָס שטאַרקער עס איז דער כאַראַקטער פון אונזער גלות־עקזיסטענץ, אַלץ קרעפטיקער איז דאָס רעכט פון אונזער היסטאָרישער פאָדערונג

און דעריבער ווערט אונזער רעכט אויף ציון אויסגעלאָשן, ווי נאָר מיר פאַרלירן אין גלות די בענקשאַפט אַהיים, דאָס געפיל פון פאַריתומטקייט, פון דער „לאַנגער פינסטערער נאַכט״, פון „גלות־

השכינה״, דאָס באַוואוסטזיין פון דער פרעמד, פון פאַרשאַלטענעם „חוץ־לארץ״, קורץ, ווי נאָר מיר פאַרלירן דאָס גלות־באַוואוסטזיין, דערפילן מיר זיך היימיש אין גלות. מיר האָבן פאַרלוירן ציון, האָבן מיר אַ היים געפינען ערגעץ אַנדערש. יעדער איינער פון אונז, וואָס רופט אָן דאָס פרעמדע לאַנד פאָטערלאַנד, האָט זיך דאַדורך שענדלעך אָפּגעזאָגט פון אונזער צוויי טויזנטיעריקער, צוויי יאָרטויזנטער גע־לעבטער פאָדערונג. יעדער פון אונז, וואָס רופט אָן דאָס פרעמדע לאַנד פאָטערלאַנד, באַגייט דעם ערגסטן פאַרראַט קעגן אונזער פאָלק; ער טוט אַ רעה דעם פאָלק אין זיין העכסטן נאַציאָנאַלן פאַרמעגן. ער בארענגט אין חשד און פאַרשמעלערט אונזער היסטאָרישע רעכט, וואָס באַזיצט איר קראַפט אין אונזער היימלאָזיקייט און אין דער טריישאַפט, וואָס מיר היטן אונזער פאַרלוירענעם פאָטערלאַנד. קענען מיר אפשר באַגרינדן אונזער טענה אויף אונזער אַלטער היים, אָנווייזנדיק אויף די מזרח־יידן, וואָס האָבן נאָך קיין רעכט נישט און זענען דעריבער היימלאָז? אויך זיי וועלן אינגיכן האָבן זייערע פאָטערלענדער.

אָדער מיר וועלן זיך אפשר דערוועגן צו נעמען דעם סאָפיזם: דאָס יידישע פאָלק איז היימלאָז, כאָטש אַלס אינדיווידומען האָבן מיר אונזערע געליבטע פאָטערלענדער? ווער זשע וועט אַזאַ ציוניזם נאָך נעמען ערנסט?

פּאַסקאַל זאָגט: „די וויסנשאַפט האָט נישט קיין פאָטערלאַנד, אָבער די וויסנשאַפטס־מענער האָבן עס יאָ״. וועלן מיר אפשר אויך אַזוי זאָגן: דאָס יידנטום האָט נישט קיין פאָטערלאַנד, די יידן אָבער האָבן יאָ? נאָר די אַסימילאַטאָרישע יודאַיסטן מעגן אַזוי רעדן. זייער גוט איינגעפונדעוועטע, דאָך געניטע און אַרומנעמענדיקע טעאָריע לאָזט זיך גאַנץ גוט איינקוועטשן אין דער קורצער פּאַסקאַלישער פאָרמול. פאַר אונז אָבער איז יידישקייט נישט וויסנשאַפט, נישט בלויז אַ לערע, נישט קערפּערלעכע גייסטיקייט, נאָר נאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט, עטנישע ממשות, פאָרמירט און פאָרמירנדיק פאָלקסלעבן. אין אונזער קריטעריום קאָנען יידנטום און יידן נישט פונאַנדערגעטיילט ווערן אַלס אידעע און אידעענטרעגער. קוים האָבן יידן באַקומען

פּאָטערלענדער, דאַן האָט דאָס יידנטום אויף אייביק פאַרלוירן זיין פּאָטערלאַנד.

אויך אונזער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות איז דערפון אָפּהענגיק. קוים האָבן מיר אַ סך פּאָטערלענדער, דאַן זענען מיר נישט מער קיין פאָלקסאיינהייט.

---

אַסימילאַנטן און האַלבע אַסימילאַנטן זענען אין זייער באַקענטעניש קאָנזעקווענט און אויפריכטיק. אויך אין פעלקערלעבן איז מעגלעך, מען זאָל צום צווייטן מאָל חתונה האָבן, און דער צווייטער זיווג קאָן זיין גליקלעך פאַר איין צד און אַ מאָל אויך פאַר ביידע צדדים.

אָבער ציוניסטן, וואָס באַטראַכטן זייערע וואוינלענדער אַלס פּאָטערלענדער און פאָדערן אַ היים פאַרן יידישן פאָלק; וואָס ווילן זייער אייגנס נישט אָפּגעבן, נאָר ווילן זיך אויך נישט אָפּזאָגן פון פרעמד פאַרמעגן; וואָס פאַרזיכערן דעם פאָלק פון לאַנד זייער פּאַטריאָטישע שטימונג און באַמיען זיך אַליין דעריבער, און גלייכצייטיק טרעטן זיי פייערלעך אַרויס אַלס פאַרטרעטער פון פאָלק, וואָס לעכצן צוריקצוקערן אַ היים; ציוניסטן, וואָס פאָדערן ממש דאָפּלטע רעכט אַלס בירגער פון צוויי היימלענדער, וואָלטן געדאַרפט באַשולדיקט ווערן אין נישט אויפריכטיקייט, ווען נישט די פאַרענטפערונג, אַז עס פעלט זיי, נעבעך, לאָגישע קלאָרקייט און אַנטשיידנקייט. פאַרפאַלן, אין פעלקערלעבן קען נישט זיין קיין ביגאַמיע.

וואָלטן מיר געהאַט דעם מוט פון אונזערע אבות, דעם מוט צו ליידן פאַר אונזער יידישקייט, דאַן וואָלטן מיר געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב פון נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג און נאַציאָנאַלער ווירדע צו דיסקרעדיטירן די צונויפפאָרונג-באַגריפן פון פאַרשיידענע לאַנד-יידישקייטן, באַגריפן, וואָס נעמען זיך פון אַ שענדלעכן אָפּפאַלונג-

פראָצעס, און דאָס גאַנץ קלאָר צו מעלדן אונזערע באַלעבאַטים, די פעלקער.

מיר זענען נישט קיין דייטשן, פראַנצויזן א. אַז. וו. און יידן, נישט קיין דייטשן, פראַנצויזן א. אַז. וו. און יידן אויך דערצו. אונזער יידישקייט איז נישט קיין צולאָג צו אַ דייטשישקייט, צו אַ פראַנצויזישקייט, נישט קיין איבערשלאַק און נישט קיין אונטערשלאַק: דאָס זענען צוויי זאַכן, וואָס שליסן זיך איינס דאָס אַנדערע אויס; מיר זענען יידן אָן אַ שום צוטשעפעניש, ווייל מיר ווילן פון אונזער יידישקייט גאָרנישט מוותּר זיין. מיר זענען יידן אָן שום באַגרענעצנדיקע פונקטן און אָן שום באַוואָרענישן. מיר זענען פּשוט בעצם פרעמדע, מיר זענען — און דאָס מוזן מיר כּסדר איבערחזרן — אַ פרעמד פאָלק צווישן אייך און מיר ווילן עס טאַקע אויך בלייבן. אַ תּהום נישט צום אַריבערגיין ליגט צווישן אייך און אונז: אונז איז פרעמד אייער גייסט, אייער מיטאָס און לעגענדע, אייער נאַציאָנאַל ירושה-פאַרמעגן; אונז זענען פרעמד אייערע טראַדיציעס, מידות און מנהגים, אייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע הייליקטימער, אייערע זונטיקן און חגאות. זיי זענען פאַר אונז מיט שרעק אָנגעפילטע ערינערונגען וועגן די אכזריותן, וואָס אייערע אבות זענען מיט אַ באַזונדערן חשק דווקא אין דידאָזיקע אייערע הייליקע טעג באַגאַנגען קעגן אונזערע אבות. אונז זענען פרעמד אייערע נאַציאָנאַלע געדענקטעג, די שמחות און דער צער אינם אַנטוויקלונגסוועג פון אייער פאָלק, די געשיכטע פון אייערע נצחונות און שפלות, אייערע קריגס-הימנען און מלחמה-לידער, אייערע העלדן, אייערע גרויזאַמע העלדישע מעשים; אונז זענען פרעמד אייערע נאַציאָנאַלע תּאוות און דעראָבערונגען, אייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, בענקשאַפט און האָפענונגען. די גרענעצן פון אייער לאַנד גרענעצן נישט אָפּ אונזער פאָלק און אייערע מחלוקתן וועגן די גרענעצן גייען אונז נישט אָן; אונזער איינהייט עקזיסטירט איבער זיי, איבער אַלע בינדונגען און שיידונגען פון אייער לאַנד-פּאַטריאָטיזם. מיר אַרבעטן ביי דער צעשטערונג פון די פאַטאַלע „גאָלדענע בריקן", וואָס ווערן געבויט, כּדי מעגלעך צו מאַכן אונזער נאַציאָנאַלן אַריבער-

גאַנג. מיר אַרבעטן ביים אַרויסרייסן אונזערע וואָרצלען פון פרעמדן פאָלקסטום און פון פרעמדן לאַנד; מיר אַרבעטן ביים צוריק איינפלאַנצן אונזערע וואָרצלען אין אונזער אייגענער היים. ערשט טאַקע מיר, ציוניסטן, האָבן אויף אַן אמת דערקענט די גאַנצע טראַגיק פון דעמדאָזיקן לעבן און פון דערדאָזיקער שטרעבונג אין גלות, די טראַגיק פון אַ פרעמד פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט, וואָס נישט געקוקט אויף פאַרפירערישע הבטחות, וויל עס ווייטער בלייבן פרעמד און לאָזט זיך בשום אופן נישט בויגן, כּדי זיך אָנצושליסן צו דער נאַציע און לאַנד, און דעריבער זענען מיר גרייט צו טראָגן מיט ווירדע אַלע געראַכטע חסרונות פון דערדאָזיקער באַזונדערער לאַגע פון אַ פאָלק אינדערפרעמד, כּדי נישט צו לאָזן פאַרטושן די נאַציאָנאַלע גרענעצן פון אונזער אַנדערשקייט. נאָר אויך נאַציאָנאַלע יידן האָבן נישט מער דעם כּוח-הסבלנות פון די אבות. מיר ווילן מיט געוואַלד פאַרקירצן דעם וועג פון ליידן, און נאָך פאַר דער גאולה פון גלות ווילן מיר אָפּשאַפן דעם צוויי-טויזנטיאָריקן גלות-צושטאַנד, און לויפנדיק אין אַנגסטן נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג, יאָגנדיק זיך נאָך די אָפּגעטער פון אויסערלעכער פרייהייט, אָפּפערן מיר, בכּיוון און נישט בכּיוון, די שטרענגקייט און אויפריכטיקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער באַקענטניש.

אונזערע אבות האָבן טיף תּופס געווען דעם מוראדיקן שיקזאַל פון פאָלק אין גלות. זיי האָבן אין העלדישער הכנעה דערקענט, אַז גלות איז אומצושיידבאַר פאַרבונדן מיט מאַר-טיריום, אַז צווישן פרעמדע פעלקער און אויף פרעמדער ערד עקזיסטירן מיר נאָר אין ליידן, און נאָר אין ליידן קענען מיר זיין יידן; אַז קיין שום גערעכטיקייט קען נישט אָפּווענדן פון אַ פאָלק אינדערפרעמד דעם יסורימדיקן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. זיי האָבן קיינמאָל נישט געחלומט וועגן לייזן די יידנפראַגע אין גלות, וועגן אָפּשאַפן דעם גלות-צושטאַנד אין גלות. זיי האָבן געקענט נאָר איין לייזונג, נאָר איין דערלייזונג: דעם אַרויסגאַנג פון די פרעמדע לענדער, דעם צוריקקער, דעם קבוץ-גליות אין לאַנד פון די אבות.

מיר אָבער וואָלטן שוין אין גלות זיך געוואָלט אינגאַנצן באַ-פרייען פון די ליידן, וואָס אַ ייד האָט אויסצושטיין; מיר וואָלטן אין גלות געוואָלט זיך מאַכן באַקוועם אַ ייד צו זיין. מיר רעדן זיך איין, אַז מיר וועלן קענען דערהאַלטן אונזער פאָלקסטום צווישן פרעמדע פעלקער, אין פרעמדע לענדער, און דערביי נישט צו ברענגען קיין קרבן פאַר דערדאָזיקער פאָלקס-דערהאַלטונג און אויך נישט וועלן ליידן די חסרונות פון לעבן אינדערפרעמד, נישט אָפּזאָגן זיך פון קיין זאַך, נישט פילן די צרות פון היימלאָזיקייט, נישט איינגיין מיט דעם אייגענעם ווילן אויף קיין קרבן. מיר ווילן עפּעס, וואָס איז נישט מעגלעך. דאָס איז אַ שגעון, דאָס הייסט זיך אַליין אָפּנאַרן, בשעת מיר מיינען, אַז מיר וועלן קענען אָן שום וויי דערהאַלטן ביים לעבן אַ נאַציאָנאַל יידנטום אין דער אַנאָמאַליע פון גלות.

אונזערע ליידן אין גלות זענען געווען און זענען אויך איצט נישט נאָר בלויז אַ טערמאָמעטער פאַר דער ווילדקייט אָדער פאַר דעם קולטורצושטאַנד פון אונזער אַרומיקער וועלט, פאַר דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג ווי אויך פאַר די כּלומרשט שפּרינגענדיקע עליות וירידות פון דער מאָראַלישקייט פון אונערע באַלעבאַטים, די פעלקער, נאָר אויך אַ טערמאָמעטער פאַר דער אינטענסיוויטעט און ווידערשטאַנדס-קראַפט פון אונזער פאָלקסטום. אומעטום, וואו דאָס יידנטום איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און פעאיק זיך צוצופּאַסן, אומעטום, וואו עס איז געוואָרן רייף פאַר דער אַסימילאַציע, דאָרט איז אויך אין אונזער לאַגע באַלד געקומען אַ גינסטיקע ענדערונג.

פריער אָדער שפּעטער וועלן מיר געוואויר וועה׳ן די אינערלעכע און אויסערלעכע נויטיקייט אַריינצוקוקן טיף אין עצם פון גלות און זיך צו באַשליסן אין אַ ווייטזעענדיקער דערקענטעניש אויף איינס פון די צוויי: אָדער אויף אַ כּלומרשט יידנטום, אַ מהיכא-תיתי-יידנטום. אַ נאַציאָנאַל-געשמדט יידנטום מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און גלייכהייטן און פאַרברידערונג, אָדער אויף אַ לעבעדיק פאָלקלעך יידנטום מיטן וויטיק פון טראַץ, מיטן מאַרטירער-

טום פון אַ כּסדרדיקן נישט גלייכן קאַמף.
קיין דריטער אויסוועג איז נישטאָ.

5

און איצט קענען מיר שוין פעסטשטעלן די רעזולטאַטן.

נאָר אַסימילאַנטן און האַלבע אַסימילאַנטן, ד. ה. יודאַיסטן, וואָס שפּילן זיך מיט עטיק, מעגן פאָדערן און וואַרטן אויף דער אָפּשאַפונג פון היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם צווישן דעם יידישן פאָלק און די פעלקער פון די לענדער, וואו מיר וואוינען; ווילן זיי דאָך ביי דעמדאָזיקן אַנטאַגאָניזם צונעמען זיין אָביעקט דאַדורך, וואָס זיי באַמיען זיך פלייסיק צו ברענגען דאָס יידנטום צו צעפאַלונג, אָדער אַנטנאַציאָנאַליזירונג. מיר אָבער, וואָס מיר ווילן דעמדאָזיקן אָביעקט שטאַרקן און שמידן זיין ווידערשטאַנדסקראַפט, טאָרן נישט פאָדערן און אויך נישט וועלן די אָפּשאַפונג פון היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם. מיר קענען שטרעבן און דערגרייכן, אַז די פאָרמען פון דעמדאָזיקן אַנטאַגאָניזם זאָלן ווערן מענטשלעכער, אָבער נישט ער זאָל אינגאַנצן פאַרטיליקט ווערן, עס זאָל אינגאַנצן אויפהערן די צוויי־טויזנטיאָריקע סתירה. מיר קענען עס נישט פאַרלאַנגען, וויבאַלד מיר זענען פעסט באַשלאָסן צו עקזיסטירן אין גלות אַלס פאָלקסאיינהייט און צו דערהאַלטן און צו שטאַרקן אונזער פאָלקספרעמדקייט צווישן די נאַציעס, וואָס מיר זענען צעשפּרייט צווישן זיי.

דערדאָזיקער אַנטאַגאָניזם איז נישט גערעכט און איז באַליידיקלעך, ווייל ער איז איינזייטיק, ווייל מיר זענען אין אים בלויז אַן אָביעקט און נישט קיין סוביעקט. וואָלט ער געווען קעגנזייטיק, וואָלטן מיר נישט געווען שוצלאָז, און וואָלטן מיר אין אים געבילדעט אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן פאַקטאָר, דאַן וואָלט דערדאָזיקער אַנטאַגאָניזם געווען אַ נאָרמאַלער צושטאַנד פון אַ פעלקער־קאָנפליקט, פון אַ טראַגישן

קאָנפליקט פון אַ פאָלק אין אַ פאָלק, אַ צושטאַנד, וואָס אין אים וואָלטן מיר געפירט אַן אַקטיוון קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און וואָלטן אויך געווען דער סוביעקט פון אַ קעגנערשאַפט.' מיר, נאַציאָנאַלע יידן, קענען פון פראָגרעס פון דער מענטשלעכקייט נישט האָפן אויף דער באַזייטיקונג פון דעמדאָזיקן אַנטאַגאָניזם אין גלות, מיר קענען נאָר האָפן, אַז די נאַציאָנאַלע סתירה זאָל ווערן פאַרפיינערט, יושרדיקער און ממילא וועט זי אויך פאַרטיפט ווערן. זעען מיר דאָך דעם קולטור־פּראָגרעס נישט דערין, וואָס דאָס פאָלקישע וועט אויסגעראָט ווערן, נאָר אין דער קראַפט־אַנטוויקלונג און אין דער לעבנס־דערהויבונג פונם פאָלקישן, נישט אין דער פאַראייינהייטלעכונג, וואָס ווישט אָפּ אַלע גרענעצן, נאָר אין דער שטייגערונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרשיידנאַרטיקייט און אין דער פאַרמערונג פון די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן.

פון אונזער שטאַנדפונקט באַטראַכט, וועט עס זיין אַ פראָגרעס, בשעת קולטור און כלל וועלן שטיין אונטערן „פאָלקישן באַפעל". עס וועט זיין אַ פראָגרעס, בשעת דער קאָסמאָפּאָליטיזירנדיקער הומאַניזם, לכתחילה אַ נאַציאָנאַליסטישער אָדער אַנטינאַציאָנאַליסטישער סאָציאַליזם, וואָס פלעגן פאַרטיידיקן אונז קעגן דעם נאַציאָנאַליזם פון אַנדערע אַסימילאַנטן קעגן אונזער אייגענעם נאַציאָנאַליזם וועלן דערגיין ביז צו אַ נאַציאָנאַלן שטייגער דענקען און וועלן מיט נישט ווינציקער וועלט־בירגערלעכן זינען אַרויסטרעטן צו פאַרטיידיקן די ריינהאַלטונג און די הייליקהאַלטונג פון דער נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט אויף ביידע זייטן; עס וועט זיין אַ פראָגרעס, ווען זיי, נאַציאָנאַל רייף־געוואָרענע, וועלן אונז שפירן אלס פרעמדן קערפער און וועלן נישט אונטערשאַצן די מדרגה און די ווידערשטאַנדס־פעאיקייט פון אונזער אַנדערשקייט.

געוויס האָט דער פראָגרעס צייטווייליק אָפּגעשטעלט דעמדאָזיקן אַנטאַגאָניזם, אָבער נאָר בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אונז איינגע־רעדט זיך אָפּצוזאָגן פון אונזער נאַציאָנאַליזם. יאָ, דאָס איבערבעטן

זיך מיט אונז, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער השכלה, איז אין גרונט גענומען געווען אַ טעאָרעטישער פעלער. אַזוי ווי דער אַנטאַגאָניזם האָט אַ לאַנגע צייט געווירקט און זיך אויסגעדריקט אין זיין רעליגיעזער הילע, איז ער אין ברען פון קאַמף קעגן דער קירך, צום ביישפיל, אין פראַנקרייך אויך אַריינגעשלעפט געוואָרן אין קאָן, און וויבאַלד די הילע האָט פאַרלוירן איר ווערט, איז אויך דער אַנטאַגאָניזם דערקלערט געוואָרן פאַר אומגילטיק. דערדאָזיקער פעלער איז דאָך אויסגעבעסערט געוואָרן דורך פילפאַכיקע קאָרעקטורן. נאָכן אָפּפאַלן פון דער הילע האָט דער עצם פון אַלטן קאָנפליקט סוף-כל-סוף געקאָנט זיך דורכרייסן, אַלץ מער אָפּגעזונדערט פון רעליגיעזן מאָמענט, און אַרויסווייזן זיינע נאַציאָנאַלע וואָרצלען, און וואָס מער די נאַציאָנאַלע אידעע איז שאַרפער געוואָרן, האָט ער זיך ממילא אַלץ מער געקענט כשרן אין די אויגן פון פראָגרעס.

ווען האָט מען אונז אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען מיט רעליגיעזער טאָלעראַנץ? בשעת די רעליגיע האָט אויפגעהערט צו זיין דער אינהאַלט און די פאָרם פון סאָציאַלן לעבן; בשעת זי איז דערשיטערט געוואָרן אין אירע פאָליטישע יסודות. בכן איז דידאָזיקע טאָלעראַנץ, „די פאָליטישע נייטראַליטעט אין רעליגיעזע ענינים", אַ רעזולטאַט פון רעליגיעזער ירידה, פון רעליגיעזער גלייכגילטיקייט. צי אין אַ דור פון אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פון נאַציאָנאַלער דיפע-רענצירונג, קענען מיר האָפן אויף פאָליטישער נייטראַליטעט אין נאַציאָנאַלע ענינים? צי מיט יעדן פראָגראַם פון נאַציאָנאַליזם מוזן נישט גרעסער און פאַטאַלער ווערן פאַר יידן די רייבונגען צווישן זיי און די פעלקער?

ווייל מיר האָבן געגאָלטן אַלס רעליגיעזער כלל, האָבן מיר אויפן גרונט פון דער פראָקלאַמירטער רעליגיעזער געוויסנספרייהייט געמעגט האָבן אַ ברייטע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט, אַלס נאַציאָ-נאַלער כלל אין אַ רעליגיעזן לבוש. אונזערע באַלעבאַטים – די פעלקער האָבן נישט געוואוסט דעם סוד, אַז אונזער רעליגיע-קאָנסטיטוציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ נאַציאָנאַל אָרגאַניזירט לעבן, זיי האָבן

נעמיינט, אַז זי איז אַ קירך אַזוי ווי די קריסטלעכע אמונות; זיי האָבן געמיינט, אַז זיי גיבן אונז גלויבנספרייהייט, און קעגן זייער אייגענער כוונה האָבן זיי אונז געגעבן געוויסע פּריווילעגיעס פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט. וויבאַלד אָבער מיר דערקלערן זיך אַלס נאַציע, דאַן קענען מיר מער נישט האָפן אויפן שוץ פון רעליגיעזער געוויסנס-פרייהייט פאַר אונזער כלל-וועזן; דאָס נאַציאָנאַלע וועט קענטיק ווערן אויך אין אונזער רעליגיע, די נאַציאָנאַלע שפּאַנונג, אויסגעטון פון אירע אַלע לבושים, וועט קומען צו איר ריכטיקן אויסדרוק און דער פּראָגרעס פון דער נאַציאָנאַלער דערקענטעניש, פון נאַציאָנאַלן צו זיך קומען וועט אַלץ מער דערשיטערן אונזער גלותדיקע מלוכה אין אַ מלוכה.

• •

•

און אויך דערין ווייזט זיך אַרויס די טראַגיק פון אונזער נאַציאָנאַל-רעכטלעכער צווייענדיקער שטעלונג אין גלות, וואָס בשעת פון אַלגעמיין נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט מוזן מיר פאָדערן, אַז די טעריטאָריאַלע פעלקער פון אַ מדינה זאָלן זיך אָפּטיילן און זיך פאָרמירן אין אויטאָנאָמע מלוכה-געשטאַלטן אָדער אין אַנדערע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער פאַרזעלבשטענדיקונג — אין דערזעלבער צייט מוזן מיר פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן באַדויערן אַלס אַ זייער שווערן שאָדן פאַר אונזער פאָלקס-אָרגאַניזם דאָס, וואָס דאָס יידנטום וועט צעברעקלט ווערן נאָך אין מער „יידנטומען": אין אַ ליטוויש יידנטום, אַ לעטיש יידנטום, אַן אוקראַיניש יידנטום, אַ ווייסרוסיש יידנטום און אַזוי ווייטער.

געוויסע ציוניסטישע טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, שריפטשטעלער און פאָלקסרעדנער מיינען, אַז זיי פאַרשטאַרקן די ציוניסטישע אידעע דאַדורך, וואָס זיי ווייזן אָן אויף דער קראַפט פון דער

רעאַקציע און אויף דעם וואַקלדיקן גאַנג פונם עטישן פּראָגרעס אין דער פּאָליטיק; זיי זעען זיך געצוואונגען אָפּצושפּאָטן און אונטערצוגראָבן די האָפענונג אויף אַ פּאָליטיק פון גערעכטיקייט אוז אַז די באַציונגען פון די ציוויליזירטע מלוכות און נאַציעס זאָלן אויך בנוגע צו יידן ווערן מאָראַלישער. דערביי שפּירן זיי גאָרנישט, אַז זיי פּרעדיקן דערמיט דעם נישט יידישן גלויבן אין דער קראַפט פון שלעכטס און פאַרשוועכן נאָר דעם ציוניסטישן געדאַנק דאַדורך, וואָס זיי שטיצן אים אויף אַזאַ יסוד. מיר ווייסן שוין, אַז דווקא יאָ גלויבנדיק אין אַ צוקונפטיקער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט, קען מען נישט דערוואַרטן די פאַרשווינדונג פון היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם, וואָס נעמט זיך פון אונזער נאַציאָנאַלער אַנאָמאַליע אין גלות; מען קען אָבער האָפן אויף אַ מילדער רעגולירונג פון דער אַלטער סתירה, און דווקא דאָס שטעלט נאָך מער אין ספק די לעבנסמעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלן יידנטום אין גלות.

בכן איז אונזער נאַציאָנאַל-רעכטלעכע לאַגע אין גלות זייער נישט גינסטיק. מיר, וואָס מיר שטייען אויפן באָדן פון נאַציאָנאַליזם, מוזן כסדר קעמפן פאַר דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אײנהײטלעכקייט און געשלאָסנקייט און ממילא פאַרן רעכט פון די נאַציעס צו שיצן די פּערזענלעכקייט פון זייער פאָלק און זייער פעלקספאַרמעגן פאַר פרעמדע השפּעות; פון דער צווייטער זייט קענען מיר, אַלס צעשפּרייטע אײנהײט, וואָס האָט נישט קיין רעכט אויף אייגענער מלוכהשאַפט, פּרעטענדירן נאָר אויף אַ באַשיידענעם טייל פון די צווייטראַנגיקע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס איז נישט אימשטאַנד אונז צו געבן קיין שוץ.

כדי גאַנץ קלאָר צו ווייזן, ווי נישט ריכטיק עס איז דידאָזיקע פאַרהעלטעניש, באַדאַרף מען זיך אַלס אילוסטראַציע נאָר שטעלן די־דאָזיקע פּשוטע פראַגע: צי ווען די יידן, צום ביישפּיל, אין פּוילן אָדער ליטע, נישט זיין געצוואונגען, דורכן כח פון די טעריטאָריאַל-נאַציאָנאַלע אינטערעסן, צו לערנען און צו רעדן פּויליש אָדער ליטוויש, לאָמיר זאָגן פּאַרזיכטיק, צוזאַמען מיט יידיש אָדער העברעיש?

און פון דער אַנדערער זייט, צי קענען מיר אָננעמען, אַז די פּאָליאַקן אָדער ליטווינער זאָלן צוליב אונזער נאַציאָנאַלער שטעלונג זיך זען געצוואונגען צו לערנען און צו רעדן צוזאַמען מיט זייער לאַנדשפּראַך אויך יידיש אָדער העברעיש? די פּאָזיציע פון דער שפּראַך דאַרף דינען אַלס אַ פּיל באַלערנדיקע גזירה־שוה פאַר דער נאַציאָנאַלער פּאָזיציע.

אַלס נאַציאָנאַליסטן זענען מיר אין גלות שטענדיק הינטערשטעליק. מיר זענען הינטערשטעליק, סיי אין דער נאַציאָנאַלער מלוכה, סיי אין דער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה. די נאַציאָנאַלע באַקענטעניש לייגט אויף אונז אַרויף מער פליכטן, ווי עס גיט אונז רעכט; זי פאַרפליכטעט אונז צו רעספּעקטירן די אויבערמאַכט און די פּריווילעגיעס פון דער לאַנד־נאַציע אָדער פון דער מערהייטס־נאַציאָנאַליטעט, אונז אָבער, אַלס אונטער־נאַציע, גיט זי דעם מינימום פון נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס אין פּאַרייניקונג, ד. ה. אין אַ קאָנפליקט מיט די פולע רעכט פון טעריטאָריאַלן פאָלק באַזיצן זיי נישט קיין גענוגלעכע קראַפט צו גאַראַנטירן אונז אפילו בלויז אַ מינימום פון אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, שוין נישט צו רעדן פון נאַציאָנאַלער דויערהאַפטיקייט.

דעריבער וועט אַ גרויסער טייל פון די נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס מיר מוזן פאָדערן און דערגרייכן, בלייבן פּאַפּירענע רעכט, נישט ווייל זיי ווערן בייזוויליק פאַרלעצט און געבראָכן דורך די איבעריקע נאַציעס, נאָר ווייל פּאַקטיש וועלן מיר נישט זיין אימשטאַנד זיי אויסצונוצן, ווי געהעריק.

קען מען האָפן אויף אַ יידיש נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין די גלות־לענדער? איז איבערהויפּט מעגלעך יידישע פּאָליטיק, ד. ה. פּאָליטיק פון אַ נאַציאָנאַלער געשלאָסנקייט אין אַ טעריטאָריאַלער צע־זייטקייט? מיר האָבן שוין געמוזט דערלעבן, ווי, אַ שטייגער, אַ ציוניס־טישער מיניסטער אין ליטע האָט פאַר זיין פאָטערלאַנד, וואָס ער האָט אַדאָפּטירט ערשט בשעת די לעצטע מלחמה־יאָרן, געפאָדערט די אַנעקסיע פון מעמעל־געביט מיט אַזאַ פּאַטריאָטישער פלייסיקייט, יאָס איז ממש

צום באוואונדערן. איז דאָס אַ צופאַל? אין דערזעלבער צייט האָבן ציוניסטישע פּאָליטיקער אין פּוילן אונטערגעשטיצט און מיטגעבאַכט נישט מיט ווינציקער פלייסיקייט די פּאָליטיק פון זייער לאַנד, צום ביישפּיל, קעגן אַ ליטוויש ווילנע און פאַר גרויס-פּוילישע אַנעקסיעס. איז דאָס אַ צופאַל? געוויס זענען דאָס טיכטיק-דענקענדיקע ציוניסטן, וואָס האַלטן דידאַזיקע פּאַטריאָטישע מיטאַרבעט אין דער לאַנד-פּאָליטיק פאַר אַ פּאַדערונג פון קלוגשאַפט, פאַר אַ לעבנסבאַדינגונג פון אַ קלוגער יידישער ר ע אַ ל - פּ אָ ל י ט י ק, און זיי גלויבן, אַז דערמיט דינען זיי די אינטערעסן פון יידנטום. אַזוי, אָדער אַן ערך אַזוי, זעט אויס די יידישע פּאָליטיק אין גלות. קענען מיר שטאָלץ זיין מיט איר? ציוניסטן, וואָס פּרעטענדירן און פּראָקלאַמירן ארץ-ישראל אַלס לאַנד פון די אבות און פון די זין, אַלס לאַנד פון אונזער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, פילן נישט קיין חרפה און זעען נישט איין די נישט-אויפריכטיקייט, בשעת זיי אַמפּערן זיך פלייסיק א יי נ ע ק ע ג ן די אַ נ ד ע ר ע, יעדער אין נאָמען פון זיין לאַנד-פּאָליטיק. איז עס אַ צופאַל, אַז די יידישע פּאָליטיק, וואָס איז נאָך פאַרשיכּורט פון נצחון און פון די גרויסע האָפענונגען ווערט באַלד דעגענערירט אין אַ פּאָליטיק פון יידישן כּלל פון איין לאַנד קעגן יידישן כּלל פון אַנדערן לאַנד? און, אַחוצדעם, אויסנוצנדיק די בעסטע אימפּולסן פון די ציוניסטן, שטופּט זי אָפּ דעם ציוניסטישן שווערפּונקט פון דער פאָלקסקראַפט אויף צווייטראַנגיקע ווירקונגס-ראַיאָנען און שוואַכט אָפּ און צעברעקלט דעם נאַציאָנאַלן ווילן, וואָס איז געריכטעט אָדער דאַרף זיין געריכטעט פּאַלעסטינעצענטריש? דער ערלעכער היסטאָריע-שרייבער וועט האָבן צו דערציילן נישט איין טרויעריקן קאַפּיטל פון דער שאַלנדיקער טעטיקייט פון אונזערע קלוגע טיכטיקע רעאַלפּאָליטי-קער — און אפשר וועלן דידאָזיקע קאַפּיטלעך צווישן אַנדערע טראָגן די נעמען „יידישע פּאָליטיק אַלס די גייסטע אַסימילאַציע-פאָרם פון נאַציאָנאַלן יידנטום".

* *

*

אַלס נאַציאָנאַליסטן מוזן מיר אין גלות שטענדיק בלייבן הינטער־שטעליק; ווייל אונזער גלות־עקזיסטענץ, די עקזיסטענץ פון אַן אינטער־נאַציאָנאַלער נאַציע, איז דווקא קעגן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער סאָרטירונג, נאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט און געשלאָסנקייט. נישטאָ אַזאַ פּלאַן פון אַ נאַציאָנאַלער אָרדענונג, וואָס זאָל זיין פאַר אונז צוגעפּאַסט; אַזאַ איינטיילונג, וואָס זאָל שטימען מיט דער ציקצאַק־ליניע פון אונזער פאַנאַנדערגעטיילטקייט, אַזאַ ראַם, וואו מען זאָל קענען ריכטיק איינפּאַסן אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־פאָרם, ד. ה. אַזאַ ראַם, וואו אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־פאָרם זאָל נישט בילדן קיין אויסנאַם און נישט מוזן צוליב דעם זיין הינטערשטעליק.

אפילו אין די ערטער, וואו מיר בילדן אַ נאַציאָנאַלע מערהייט, מוזן מיר אַנערקענען דאָס סוווערענע רעכט פון דער טעריטאָריאַלער מינדערהייטס־נאַציע. אַ קליינער, נישט אָנזעעוודיקער ביישפּיל פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער נאַציאָנאַלער רעכט־שטעלונג. דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט פון דער שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ האָט אין זיין מאַניפעסט צום אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס אַנטהאַלט די יסודות פון דער קינפטיקער נייער אָרדענונג, אַרויסגעשטעלט אויף פאָלגנדיקע שלום־באַדינגונג: די טעריטאָריע ס אַ ל אָ נ י ק י דאַרף אָנגעפירט ווערן פון בולגאַריע, סערביע און גריכנלאַנד צוזאַמען. די פאָרקעמפער פון דער נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט איז אפילו אויף איין סעקונדע נישט איינגעפאַלן, אַז אויך די יידן, וואָס בילדן די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין סאַלאָניקי, דאַרף מען לאָזן זיך באַטייליקן אין דער נאַציאָנאַל־איינגעטיילטער רעגירונגסמאַכט, שוין נישט צו רעדן, אַז זיי קומט דאָס סוווערענע רעכט פון אַ מערהייטס־נאַציע. און אויך מיר אַליין קענען עס נישט באַטראַכטן אַלס נאַציאָנאַלע גערעכטיקייט צו פאָדערן

פאַר יידן אויף דער „טעריטאָריע סאַלאָניקי” די רעכט פון אַ מערהייטס-נאַציע: מאָסגעבנדיק זענען דווקא די נאַציאָנאַל היסטאָרישע רעכט. און פונקט דאָסזעלבע איז אויך מיט די יידישע שטעט אין מזרח: ווילנע, ביאַליסטאָק א. אַז. וו. און אַזוי בלייבן מיר הינטערשטעליק פוןביידע זייטן: מיר זענען אומעטום אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט — די יידישע מערהייטן, וואָס זענען צעשפּרייט אַזוי ווי אויף אינזלען, פאַרלירן זיך אין די מלוכהשע פאַרבאַנדן, וואָס קענען דאָך נישט זיין קיין מלוכות פון קעמערלעך — און אין ערגעץ אין די גלות-לענדער קענען מיר אויך נישט אַרויסשטעלן קיין נאַציאָנאַל-היסטאָרישע פאָדערונגען. אפילו ווען מיר זיצן אין אַ לאַנד אַ סך פריער, ווי די איבעריקע נאַציעס, בלייבן מיר דאָרט אויך עקסטעריטאָריאַל, ד. ה. אָן נאַציאָנאַל-היסטאָרישע רעכט און רעכט-אַספּיראַציעס, ווייל מיר האָבן דאָסדאָזיקע לאַנד קיינמאָל נישט געשפּירט אַלס אונזער נאַציאָנאַל-לאַנד און קיינמאָל אויף דערדאָזיקער ערד נישט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלן אייגנטום-רעכט. און דאָסדאָזיקע באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק איז פון העכסטער באַדייטונג פאר דער נאַציאָנאַלער רעכט-פראַגע. בשעת אַנדערע פעלקער שטעלן אַרויס אירעדענטא-פאָדערונגען אויף לענדער, אפילו אויף אַזעלכע, וואו זיי לעבן אין די מינדערהייטן, איז אונזער נאַציאָנאַלע רעכט-פאָדערונג געבונדן צו דער פערזאָן און נישט צו דער טעריטאָריע — מיר האָבן יאָרהונדערטער געלעבט אין די לענדער פון גלות און האָבן אין קיינעם פון זיי נישט קיין אירעדענטא-טענות; אונזער אירעדענטא איז נאָר פאַלעסטינע אַליין. דאָסדאָזיקע רעכט, וואָס איז געבונדן צו דער נאַציאָנאַלער פערזאָן און וואַנדערט מיט איר אַרום, קען קיינמאָל נישט אויסהאַלטן קיין גלייכגעוויכט מיטן רעכט, וואָס איז היסטאָריש געבונדן צו דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. אונזער באַטראַכטונג האָט נישט אין זינען דעם אַלטן, לאָמיר עס אָנרופן — העגעלשן מלוכה-באַגריף. פאַרקערט, מיר נעמען גיכער אין אַכט דעם מאָדערנעם מלוכה-געדאַנק. מיר האָבן שוין געזען, אַז גלויבנדיק אין אַ צוקונפטיקער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט,

קענען מיר אָבער נישט האָפן, אַז אונזער נאַציאָנאַלע אַנאָמאַליע אין גלות זאָל פאַרשווינדן. ס'קאָן נאָר זיין אַ מילדערע רעגולירונג פון היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם; אַ רעגולירונג, וואָס וועט ערשט טאַקע באמת קוועסטיאָנירן די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלן יידנטום. און אָט קענען מיר זאָגן נאָך מער: גלויבנדיק אין אַ סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן פראָגרעס, וואָס אַ דאַנק אים וועט דורכגעפירט ווערן די שיידונג פון די צוויי מאַכטן מלוכה און נאַציע, קען מען טאַקע האָפן, אַז עס זאָלן אויפהערן געוויסע צוזאַמענשטויסן צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע סיסטעמען, אָבער נישט, אַז דאָס וועט מעגלעך מאַכן אַן אמתדיקע פאָלקס־עקזיסטענץ אויפן גרונט פון די דערגרייכטע מינדערהייטס־רעכט. די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג וועט אונז נאַציאָנאַל עמאַנציפּירן בלויז דע יורע. זי וועט אונז געבן כלומרשטע רעכט, וואָס מיר וועלן נישט קענען רעאַליזירן, וואָס וועלן נאָר אין דער ערשטער צייט באַרואיקן אונזער נאַציאָנאַל געוויסן, אָבער גלייכצייטיק וועלן זיי פאַרטונקלען אונזער נאַציאָנאַלע אָריענטירונג און איינשלעפערן אונזער נאַציאָנאַלע ענערגיע.

אין אַ נאַציאָנאַלער מלוכה קען פאָרקומען אַן אינערלעך מלוכהשע גלייכשטעלונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויפן גרונט פון מעטריקעס־סיסטעם, פון נאַציאָנאַל־קאַטאַסטער אָדער פון דער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט אויפן גרונט פון אַ פּערסאָנאַליטעט־פּרינציפּ; די נאַציאָנאַליטעט־מלוכה קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מלוכה פון מלוכות, אין אַ פאַרבאַנד־מלוכה פון די פעלקער, אָבער צי וועט עס גאַראַנטירן אַ נאַציאָנאַלן קיום אויך דעם היסטאָרישן אוניקום פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער נאַציע?

די דערפילונג פון דער האָפענונג אויף אַן אידעאַלער מלוכה קען אונז נישט ברענגען קיין נוצן. אפילו אין אַ „צוויליטאַס דעי", אפילו בשעת „דער קרעפטיקסטער פאַטריאָט וועט אויך זיין דער רירעוודיקסטער קאָסמאָפּאָליט", מוז אונז דער גערעכטער אויסגלייך פון דעם קאָנפליקט צווישן אַ מערהייט פון אַ טעריטאָריאַל־פאַרפעסטיקטן, נישט צעטיילטן פאָלק מיטן באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַל־היסטאָרישע רעכט

פון איין זייט, און אַ מינדערהייט פון אַן עקסטעריטאָריאַלן פאָלק, וואָס איז געשפּאָלטן דורך פיל לענדער און פעלקער און איז ממילא נאַציאָנאַל אין אַ געוויסער מאָס דיסקוואַליפיצירט, פון דער אַנדערער זייט — מוז ער אונז, אָט דער אויסגלייך, גיכער אָפּשוואַכן, איידער שטאַרקן.

מיר קענען נישט אונזער שיקזאַל, אונזער קיום־פראַגע איבערלאָזן מיט אַ רואיק הארץ אויפן אורטייל פון דער נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט. דער נאַציאָנאַלער רעכט־פּסק וועט דאָ אַנטשיידן נישט פאַר אונזער טובה וועגן. דאָס איז אפשר די ערגסטע קללה, וואָס ליגט אויף אונזער גלות.

אָפּגעזונדערט, אָבער בשלום — דידאָזיקע לייזונג, דידאָזיקע רעגולירונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן איז גוט פאַר די פעלקער, וואָס לעבן איינס לעבן אַנדערן, אָבער נישט פאַר די פעלקער, וואָס לעבן אין איינאַנדער, נישט פאַר אַ פאָלק אין אַ פאָלק. אויב בשלום, איז שוין נישט מעגלעך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט. אויב אָפּגעזונדערט, איז שוין נישט מעגלעך אינגאַנצן בשלום. אויב מיר ווילן ווייטער בלייבן נאַציאָנאַל אָפּגעזונדערט אָן געאָגראַפישע גרענעצן, אויב מיר ווילן עקזיסטירן אַלס איינהייט, דורכברעכנדיק אַלע לאַנדגרענעצן, אויב מיר ווילן זיך פריי אויסלעבן צווישן די פעלקער אַלס פאָלקספרעמדע און אָפּהיטן אונזער פרעמדן שטייגער, ד. ה. אונזער אייגענעם שטייגער, אויב מיר זאָגן זיך אָפּ צו ווערן נאַציאָנאַל צוגעהעפט צו די טעריטאָריאַלע פעלקער, אויב מיר וואַרפן אָפּ יעדעס צוגלייכן זיך צו זיי — דאַן איז נישטאָ קיין אויסגלייך, קיין שלום, דאַן מוז אין דער אָדער יענער פאָרם ווייטער דויערן דער קריגסצושטאַנד, וואָס אין אים געפינען מיר זיך שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר. דאַן, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו לייזן דעם קאָנפליקט, מוזן מיר זיך פאַרטיידיקן אין אַ כּסדר־דיקן אַנטאַגאָניזם, מוזן מיר פירן אַ נישט גלייכן קאַמף, און נישט פאַרטונקלענדיק די דערקענטעניש פון דעראָזיקער טראַגיק, האָבנדיק דאָס פולע באַוואוסטזיין פון די קאָנזעקווענצן פון

אונזער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש, מוזן מיר העלדיש און מיט ווירדע טראָגן דאָס מאַרטיר־יום פון אונזער גלות־עקזיסטענץ, אַזוי ווי אונזערע אבות־אבותינו האָבן עס געטון.

*    *
*

צי קען אַזאַ לאַגע פון אַ פאָלק לאַנג דויערן? צי האָט זי אַ צוקונפט?

## קאַפּיטל פֿינף

# אויפֿגאַבן פֿון אונטערוועגס.

דער נאַציאָנאַלער ווערט פֿון אַן אויסער-טעריטאָריאַלן און אויסער-רעליגיעזן יידנטום. — די דערהאַלטונג פֿון אַ פּערמאַנענץ ווי אַ שיין פֿון אַן אייגנאַרטיקער פֿאָרם. — די באַגרייפֿלעכע עלאַסטישקייט פֿון מאָדערנעם יידנטום. — דער בילאַנס פֿון גלות-נאַציאָנאַליזם. — אַסימילאַציע אַלס אידעע און אַלסווירקלעכקייט. — אַ יידנטום אויס פּאַטאָס פֿון דיסטאַנץ. — דער מאָדערניזירטער חסידיזם. — די סאַנקציאָנירטע עם-הארצות. — דער שפּראַכן-גלות. — דער נאַציאָנאַלער געפֿיל-ווערט פֿון יידישן רענעסאַנס.— דאָס אַריסטאָקראַטישע באַוואוסטזיין און דאָס גליקסגעפֿיל פֿון טראַדיציאָנעלן יידנטום. — נאַציאָנאַלע געדעכעניש-קאָנטינואיטעט. — די פֿאַרהעלטעניש פֿון יידנטום צום קריסטנטום. — דער סטאַדיום פֿון נאַציאָנאַלער פּאָזע. — צוויי תקופֿות פֿון גלות. — די צייטרעכענונג פֿון אינערלעכער צעריסנקייט. — פּאָזיטיוויזם פֿון נעגאַטיוויזם. — די פֿונקציע פֿון אַ צווישן-מצב. — די אָנשטרענגונגען פֿון אונטערוועגס. — „מצוות התלויות בחוץ-לארץ". — קעגנוואָרטס-אַרבעט. — די רעליגיעזיטעט פֿון מאָדערנע יידן.— געמיינשאַפֿס-בילדנדיקע פֿאָרמען פֿון דער רעליגיע. — העברעיש און יידיש אין גלות. — דער גלות אַלס פּערמאַנענטער קריגזצושטאַנד. — „קדשים קלים".

## 1.

לאָמיר אָננעמען, אַז דער צושטאַנד פון די נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות וועט דאָך דערלויבן אַ באַשטימטע דערהאַלטונג און ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג פון יידנטום אין גלות; לאָמיר אויך אָננעמען, אַז עס וועט אונז געלינגען איינצוטאַמעווען די אַסימילאַציע און צו דערהאַלטן אויף פרעמדער ערד און צווישן פרעמדע קולטורפעלקער אַן אויסער־רעליגיעזע יידישקייט, ד. ה. אַ יידישקייט אויסער די דינים פון אונזער רעליגיעזער געזעץ־קאָנסטיטוציע, וואָס לייגן אויף אונז אַרויף התחייבותן און אָפּגעזונדערטקייטן — ווי אַזוי זשע וועט אויסזען דאָסדאָזיקע מאָדערנע יידנטום, דידאָזיקע מערקווירדיקע איינהייט, וואָס איז צעשפּרייט אין פיל לענדער? צי די פאַרשיידענע יידישע קבוצים, וואָס זענען פאַנאַנדערגעטיילט צווישן פאַרשיידענע נאַציעס, וועלן נישט אַנטוויקלען אויך פאַרשיידענע יידישקייטן? צי וועט, אַ שטייגער, העברעיש אָדער יידיש בילדן די שפּראַכגעמיינשאַפט פון גאַנצן יידישן כּלל? און אפשר וועלן מיר בלייבן אַ פאָלקס־איינהייט אפילו רעדנדיק אויך אין פאַרשיידענע שפּראַכן? וואָס זשע פאַר אַ פאָרם וועט נאַציאָנאַל באַשטימען דידאָזיקע אויסער־רעליגיעזע, אויסער־טעריטאָריאַלע און אויסער־שפּראַכלעכע איינהייט? און ווי האַלט עס מיט דער אינערלעכער נאַציאָנאַלער באַרעכטיקונג פון דער דאָזיקער עקזיסטענץ־פאָרם?

אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען אין גלות קענען נאָר האָבן דעם דערפאָלג, אַז אונזער אַסימילאַציע וועט בלייבן נישט פולשטענדיק, נישט פולווערטיק; אַז עס וועט דערהאַלטן ווערן אַ שווינדזיכטיקע בלאַסע יידישקייט, וואָס, נישט האָבנדיק קיין נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, וועט זי בלייבן אָן אַ שום ממשות; אַז אַ כּלל אינערלעך־צעבראָכענע מענטשן, וואָס זענען צעריסן פון סתירות נישט צום אויסגלייכן, צעפרעסן פון יסורים־פולע קאָנפליקטן, וועלן שלעפּן אַ קלאָגעדיקע עקזיסטענץ, זייענדיק אָפּגעזונדערט ווי אויף אינזלען און נישט אויפ-

הערנדיק צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן דער פֿרעמדנאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט. די אַלע שטערונגען, וואָס מיר באַמיִען זיך צו שטעלן אַקעגן דער נאַטורקראַפֿט פֿונם אַסימילאַציע־שטראָם אין די גלות־לענדער, קענען העכסטנס דערגרייכן בלויז די ווירקונג, וואָס עס וועט דערצויגן ווערן אַ מין אנדרוגינוס־באַשעפֿעניש, וואָס וועט אפשר נישט זיין געצוווּנגען נישט־יידיש, כּדי עס זאָל מער נישט קענען הייסן יידיש, עס וועט אָבער זיכער נישט זיין געצוווּנגען יידיש, כּדי צו פֿאַרדינען דעם נאָמען ייד.

געוויס באַדאַרף מען אָנצונעמען, אַז נישט געקוקט אויף דעם אויסערלעכן צוגלייכן זיך אין דער אינערלעכער צונויפֿקלעפּונג, וועט דאָך עקזיסטירן אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס וועלן בלייבן באַצייכנט מיט יידישע סימנים און וועלן זיך שטענדיק אונטערשיידן פֿון פֿאָלק פֿון לאַנד, כאָטש נאַציאָנאַל און קולטורעל וועלן זיי זיין אין אים איינגעשלונגען. איז דאָך געצוווּנגען אַ נישטיקער צוג, אַ שוואַכע אָנצוהערעניש, אַ נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשענער שפּור פֿון יידישער אָפּשטאַמונג, אַ כּלומרשט יידישע נאָז, כּדי צו גילטן אַלס ייד. עס איז געצוווּנגען אַ קוים פֿאַרבליבענע אַנדערשקייט, כאָטש מען האָט שוין דערביי קיין שום מיין נישט. די אינדיווידוען אָדער קבוצים, וואָס האָבן זיך אין פֿאַרלויף פֿון דורות אויסגעוואָרצלט פֿון אונזער פֿאָלקסטום און זיך איינגעוואָרצלט אין אַן אַנדער פֿאָלקסטום, ווערן נאָך אַלץ באַטראַכט אַלס יידן, כאָטש זייער ביסל יידישקייט, אין וואָס זיי זענען, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק, לאָזט זיך אויס דערמיט, וואָס זיי „מוישעלען" נאָך אַמאָל. נאָכמער, עס איז געצוווּנגען, אַז זייערע אבות־אבותיהם האָבן אַמאָל „געמוישעלט". אַסימילירטע יידן — אַ באַגריף, וואָס האָט נישט קיין ענלעכע פֿאָרשטעלונג ביי קיין אַנדער נאַציע — זענען פֿאַר אונז און פֿאַר אַנדערע נאָך אַלץ יידן, יידן מיט דעם טיטל פֿון זייער נישט־יידישקייט, פֿון זייער אַסימילירטקייט. זיי ווערן פֿאַרפֿאָלגט אַלס יידן, און טוען זיי עפּעס אויף, וואָס איז ווערט געריימט צו ווערן, ווערן זיי דורך אונז געפֿייערט אַלס יידן; ווי מיר ווייסן שוין, איז נישטאָ פֿאַר יידן קיין נאַציאָנאַל אַרויסטרעטן און אַריבערטרעטן.

אפילו געשמדטע יידן ווערן באַטראַכט אַלס יידן, אַלס איינע פון די פיל קאַטעגאָריעס און מדרגות אינעווייניק אין יידנטום, אַלס יידן מיט דעם טיטל—געשמדט. און טאַקע אַ דאַנק דערדאָזיקער בויגזאַמקייט און אויסגעצויגנקייט, דערדאָזיקער צעפלאָסנקייט און פאַרווייכטקייט פון באַגריף ייד האָט זיך דאָך געקענט דערהאַלטן אַ מאָדערנע יידישקייט, וואָס שטעלט שוין נישט פאָר קיין יידישעווירקלעכקייט. עס איז די אינערטע דערהאַלטונג פון אַ „כלומרשט", פון אַ כלומרשטער עקזיסטענץ, נאָכדעם, ווי עס איז אויסגעוועבט געוואָרן אונזער שטרענגער לעבנסאינהאַלט און נאָכדעם, ווי עס זענען פאַרוויסט געוואָרן אונזערע אָרגאַנישע לעבנספאָרמען; עס איז די דערהאַלטונג פון אָפּגעפאַלענע גלידער, וואָס רייסן זיך אָפּ פון איינאַנדער און צעפאַלן זיך, וואָס זעט כלומרשט אויס, ווי עפּעס גאַנצעס און געשלאָסענעס, אַ דעגענעראַציע, וואָס זעט כלומרשט אויס, ווי אַ גענעראַציע, אַ פאָרמלאָזיקייט, וואָס זעט כלומרשט אויס ווי אַן אייגנטימלעכע יידישע פאָרם, די דערהאַלטונג פון אַ פאַרזעעניש, וואָס זאָל כלומרשט זיין אונזער נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע. דער בויגזאַמקייט און צעפלאָסנקייט פון באַגריף ייד האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס עס דויערט ווייטער אַ יידיש באַוואוסטזיין אָן אַ יידיש לעבן.

2.

וואָס האָט דערגרייכט דער נאַציאָנאַליזם פון מאָדערנעם, אויסעררעליגיעזן גלות-יידנטום מיט דעם גאַנצן מוט צום קעמפן? ער האָט געשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, אָבער נישט דאָס נאַציאָנאַלע לעבן. ער האָט אָפּגעשוואַכט די ווילנדיקע, בכיוונדיקע אַנטנאַציאָנאַליזירונג, אָבער נישט די אומווילנדיקע, די אומבכיוונדיקע. ער האָט צונישט געמאַכט די אַסימילאַציע-אידעע, אָבער נישט די אַסימילאַציע אַלס ווירקלעכקייט. אַלס פיינער אידעאַל, וואָס האָט באַהערשט צוויי דורות, איז די אַסימילאַציע באַזיגט געוואָרן, אָבער אַלס ברוטאַלער פאַקט פאַרשפרייט זי זיך אַלץ מער און דרינגט אַריין אַלץ

טיפער; נאָכמער, זי באַקומט מיט דער צייט אַ היסטאָרישע פאַרהייליקונג, די סאַנקציע פון אַ זאַך, וואָס איז געוואָרן נאַטור, און פאַרלירט אַלס געוואָרענעס די ערשטע סימנים פון איר מיאוסן ווערן. און אַזוי פאָרט זיך צוזאַמען די אַסימילאַציע, אַלס דערשיינונג, מיטן נאַציאָנאַליזם, אַלס אידעע. די שטרעבונג אָפּצוזאָגן זיך פון זיך אַליין איז צעקלאַפּט געוואָרן אָן דער אינערלעכער וואָרהאַפּטיקייט פון דער פאָלקסקראַפט, דער נאַציאָנאַלער געדאַנקען-גאַנג האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך אַלע דיסציפּלינען פון אַ וויסנשאַפטלעכער און קינסטלעכער אָפּשאַצונג. די אַסימילאַציע איז אַנטבלויזט געוואָרן און זיך אַרויסגעוויזן אין אירע מאָראַלישע און עסטעטישע חסרונות און איז דערקענט געוואָרן אַלס אַן אַקט פון פעלשונג און צביעות, פון פחדנות און אומטרייהייט, אַלס אַן אַקט פון צעשטערן די שאַפערישע קרעפטן, אַלס ירידה און זינד, — אָבער גלייכצייטיק מיט די טעאָרעטישע דערפאָלגן פון יידישן נאַציאָנאַליזם צעשפרייט זיך ווייט און ברייט דער שטראָם פון דער אַסימילאַציע און ער נעמט אַרום כמעט אונזער גאַנצן פאָלקס-אָרגאַניזם. דער נאַציאָנאַלער ווילן איז דערוואַכט, די בענקשאַפט נאָך זיך און נאָך אייגנס, נאָך דעם פאַרלוירענעם אָדער פאַרשאָטענעם אורקוואַל נאָגט אין אונז, פאַרשענערט און פאַראיידלט נאָך אַמאָל אונזער גע-שפאָלטענע עקזיסטענץ דורך דער שיינקייט פון קאַמף און צער — אָבער אין דערזעלבער צייט רייסט זיך כסדר דורך פאָרויס דער שטי-לער אַסימילאַציע-פראָצעס אויך אין די נאַציאָנאַלע רייען פון יידישן מאָדערנעם לעבן, דרינגט אַריין אין אַלע שיכטן פון אונזער לעבן און טעטיקייט, גראָבט אונטער אַפילו דאָס אונטערבאַוואוסטזיין, די טיפערע שיכטן פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. און שפרייזנדיק פאָרויס מערקלעך און נישט מערקלעך, מאַכט ער הרוב אינהאַלטן און פאָרמען פון אונזער פאָלקס-עקזיסטענץ, נישט געקוקט דערויף, וואָס די נאַציאָנאַלע דערקענטעניש שטאַרקט זיך און די נאַציאָנאַלע באַקענטעניש ווערט טיפער און אינערלעכער. אָבער דער רעש און געפילדער פון דער נאַציאָנאַלער אַגיטאַציע און פראָפּאַגאַנדע שרייט טיילמאָל איבער די שטים פון געוויסן, פון באַוואוסטזיין פון דער פוסטקייט, וואָס איז מיט

וווּרטער פֿאַרשלייערט און שפּיגלט אונדז אָפּ, באַרואיקלעך, רירעוודיקייט און פֿולקייט פֿון אַ נאַציאָנאַלן לעבן. צי דאָס, וואָס מיט אַ האַרץ פֿול חרטה איז מען זיך מודה ומתוודה אין דער מאָדערנער געשפּאָלטנקייט און צעריסנקייט, קען באַטראַכט ווערן אַלס ווירקלעכע אָפּווענדונג פֿון נישט־יידישן און אַלס אמתדיקן צוריקקער צום יידישן? צי דאָס, וואָס מאָדערנע ליטעראַטן מיט שיינע גייסטער, דערווייטערט פֿון יידנטום, דריקן טיילמאָל אויס אין אַ פּאַטאָס פֿון דיסטאַנץ זייער התפּעלות מיטן יידנטום, ווי מיט עפּעס עקזאָטישעס — צי קען דאָס אונדז פֿאַרבלענדן די אויגן, אום נישט צו זען די זיך כסדר פֿאַרשפּרייטנדיקע פֿאַרוויסטונג פֿון לעבעדיקן פֿאָלקסגייסט?

און צי דער חסידיזם, וואָס ווערט מאָדערניזירט מיט גרויסער פֿאַרשווענדונג פֿון פֿרעמד־שפּראַכיקער פֿאָרמקראַפֿט, קען געפּייערט ווערט אַלס באַנייונג און אויפֿלעבונג פֿון דער באַגראָבענער יידישקייט? ער קען אפֿשר האָבן דעם פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט געמאַכט סאַלאָנפֿעאיק אַ געשמאַקפֿול פּריזירטע, סטיליזירטע יידישקייט, אַן ערך אַזוי ווי די אַסימילאַנטן פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע האָבן אַרומגעשיילט און צורעכט געמאַכט אַן אייזקאַלטע מעטאַפֿיזישע יידישקייט פֿאַר דער סאַלאָן־חכמה פֿון קאָסמאָפּאָליטיזם און אוניווערסאַליזם. דידאָזיקע ביידע יידישקייטן, דעסטילירט פֿון דעם אַזויגערופֿענעם גייסט פֿון יידישקייט (רוח־היהדות), טראָגן טאַקע ביידע די סימנים פֿון אַ געלאַטעט ווערק, וואָס מען האָט מיט גרויס מי קינסטלעך צונויפֿגעשטעלט שטיק נאָך שטיק, גענוי צוגעפּאַסט, פֿאָרזיכטיק צונויפֿגעמישט, באַצירט און פֿאַרשענערט; ביידן איז אויך געמיינזאַם די פֿונקציע פֿון אַ סוראָגאַט, פֿון אַ אידעאָלאָגישן ערזאַץ פֿאַרן אויסגעיידישטן לעבן.

אָדער זאָל מען באַטראַכטן די עם־הארצות, וואָס איז כאַנקציאָנירט פֿון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, אַלס צייכן פֿון רענעסאַנס, וואָס האָט איבערגענומען דאָס נאַציאָנאַלע פֿאָרם־קריטעריום? דאָס, וואָס יידישע מדינות איז כמעט געוואָרן אַ חרפּה, דאַרף מען פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן אַלס רעזולטאַט פֿון אַן אינסטינקטיווער, צעבער געזונטער אָפּאָזיציע קעגן אַ גייסטיקער יידישקייט, וואָס באשטייט בלויז?

פון אינהאַלט און פון וויסנשאַפט, אָבער בשעת דאָס בלויזע באַקענען זיך צום נאַציאָנאַליזם אָדער ציוניזם דינט שוין אַלס אַ מין ווינדפאַרגעבונג און באַפרייט פון באַקענען זיך מיט יידישקייט; בשעת אַסימילירטע אָנהענגער פון די אַזויגערופענע יידישע לערנאינהאַלטן, וואָס לייגן נישט אַרויף קיינע התחייבותן, האָבן נישט קיין ביסל געדולד זיך ערלעך צו באַקענען מיט דידאַקטיקע אינהאַלטן כאָטש אין דער קלענסטער מאָס פון געוויסנהאַפטיקייט, און אין דערזעלבער צייט דערלויבן זיי זיך אין אַ פייערלעכער פאָזע, פריי פון אַלע שטערונגען, וואָס עקזיסטירן יאָ פאַר למדנים, אויסצוטייטשן און פשטלען זיך, ווי זיי געפעלט, אַרום דעם הפקרדיקן פאַרמעגן פון יידישקייט; בשעת דער ציוניסטישער עם־הארץ, ס׳רוב אַזעלכער, וואָס באַציט זיך מיט שטאָלצער פאַראַכטונג צו די פאָרם־קריטעריומס, וואָס זענען פאַר אַלע אַנדערע פעלקער יאָ גילטיק, שטיצט זיך אויף דער אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פון יידישן גייסט, וואָס איז גראָד אים נישט באַקאַנט, און אויף דעם סמך געפינט ער אפילו נישט פאַר נויטיק זיך אויסצולערנען העברעיש, און דאָך שטעלט ער זיך נישט אָפּ פון צו באַהאַנדלען די יידישקייט מיט אַ מין סטיליסטישער געשיקטקייט, שאַפנדיק אינדערפינסטער, פונקט ווי געוויסע געלערנטע באַגייען זיך מיט בודא אָדער מיט קאָנפוציוס; אָדער בשעת ער נעמט פרעמדע אידעען און פוצט זיי אויס נאַציאָנאַל־יידיש, פאַרשלייערט די יידישקייט מיט אַ מאָדערנער געשמאַק־טענדענץ און שטעלט זי אַרויס אין אַ צייט־פראָפיל, אַבי נאָר ווי עס איז צו פאַרדעקן דאָס אַסימילירטע לעבן; בשעת, מיט אַנדערע ווערטער, דער עם־הארץ, וואָס באַדאַרף ערשט גיין אין חדר, ווערט גאָר אַ רבי און דרשנט תורה — דאַן אַנטוויקלט זיך, כלומרשט אונטערן לבוש פון רענעסאַנס, יענע פאַטאַלע זשורנאַליסטיק, וואָס בליט שוין אַ שיין ביסל יאָרן אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור פון מערב־אייראָפּע און פאַרפלייצט דעם יידישן, ווי אויך דעם נישט יידישן, ביכערמאַרק מיט עם־הארצישער מאַסנפּראָדוקציע. זאָל דאָס זיין אונזער געווינס?

בכן, וואו האָבן מיר די פּאָזיטיווע אויפטועז פון אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין גלות?

צי דען איז דער גלות-נאַציאָנאַליזם געווען אימשטאַנד אונז אויסצולייזן פון שפּראַכן-גלות? איז ער דען געווען בכוח אראָפּצונעמען פון אונז די קללה און די חרפה פון אונזער שקלאַפישער צוגעבונדנקייט צו דער פרעמדער הערשאַפט פון שפּראַך און ליטעראַטור? צי האָט דער צוריקקער צו יידישקייט אין גלות אויך צייטיק געמאַכט אַ צוריקקער צו איר נאַציאָנאַלער שפּראַך? צי זענען נאַציאָנאַלע יידן ווייניקער ווי אַסימילאַציע-יידן אַסימילירט שפּראַכלעך-קולטורעל? צי זענען זייערע נשמות ווייניקער אָנגעפילט מיט פרעמדע בילדער, פרעמדע לידער, קלאַנגען, פאַרבן? אויך זיי דענקען און פילן, דיכטן און פאָרמען אין פרעמדנאַציאָנאַלע שפּראַכן. אויך זיי באַקומען און שפּייזן זייער גייסט-בילדונג פון אַ פרעמדן פּאָלקס-ברונעם, פון אַ פרעמדער ליטעראַטור; אויך זיי גיבן אָפּ זייער שאַפונגס-קראַפט פאַר נישט יידישע ווערק, גראָבן אויס פרעמדע קוואַלן, שפּייזן פרעמדע נאַציאָנאַל-קולטורן מיט טאַלענטן און ווירטואָזן, מיט ווייטער-אַנטוויקלער און איבעראַנדערשער, קורץ, זיי באַפרוכטן און באַרייכערן פרעמדע ליטעראַטורן, און זיי הייסן נאַציאָנאַלע יידן.

זיי היטן און אַנטוויקלען שטענדיק נאָר פרעמדן נאַציאָנאַל-רייכטום, אפילו בשעת זיי פאַרמערן און דערהויבן אים דורך יידישע אינהאַלטן. דער נאַציאָנאַלער סימן פון ליטעראַרישע שאַפונגען איז די שפּראַכפאָרם, נישט דער שטאָף. ווייסן מיר דאָך שוין: אַ פרעמדער אינהאַלט קען דורכן חותם פון דער יידישער פאָרם אַריינגעצויגן ווערן אין יידישקייט און באַקומען אין איר נאַציאָנאַלע הייליקונג. אָבער אַ פרעמדע פאָרם קען קיינמאָל נישט ווערן יידיש דורך אַ יידישן אינהאַלט; גיכער עקספּראָפּריאירט זי דעם אינהאַלט, און פאָרמירנדיק אים, רעכנט זי אים צו צו איר נאַציאָנאַלן געביט. צי זענען „אוריאל אקאָסטאַ" (קאַרל גוצקאָוו), „יהודית" (פרידריך העבעל), „דער רבי פון בכרך" (היינריך היינע) א. ד. גל. שאַפונגען פון דער יידישער אָדער פון דער דייטשער ליטעראַטור? צי געהערן „דוד אלראי" (לאָרד

ביקאָנספיעלד), „די קינדער פון געטאָ״ (ישראל זאַנגוויל) דער יידישער אָדער ענגלישער ליטעראַטור? צי געהער נישט דאָס ווערק פון הערמאַן כהן, וואס איז אָנגעפילט מיטן גייסט פון יידישקייט, צו דער דייטשער פילאָזאָפיע? דאָס גלייכן, ווי מיר האָבן שוין דערמאַנט, איז אויך מיט דער אַזויגערופענער יידיש-נאַציאָנאַלער ליטעראַטור פון דער נייער צייט. אויף וויפל זי איז געשריבן געוואָרן אין פרעמדע שפּראַכן, קען זי נישט באַצייכנט ווערן אַלס יידישע ליטעראַטור און קען נישט באַטראַכט ווערן אַלס יידישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור? זי צעפּאַלט און ווערט פאַנאַנדערגעטיילט לויט איר ליטעראַרישער אָנגעהעריקייט אויף פאַרשיידענע שפּראַך-באַצירקן. אין בעסטן פאַל איז עס איבערגעזעצטע יידישקייט.

בכן, צי איז דער נאַציאָנאַליזם אין גלות אימשטאַנד געווען צו ברענגען אויף דעמדאָזיקן וויכטיקסטן געביט פון נאַציאָנאַלער פאַר-מירונג עפּעס אַ ממשותדיקע ענדערונג? וואו זעט מען אפילו אַ סימן פון אָפּקערונג פון פרעמדס און פון צוריקקער צום אייגנס, פון אַ באַ-פרייענדיקן אויסוואָרצלען זיך פון פרעמדנאַציאָנאַלע שפּראַכן און ליטעראַטורן, פון אַן איינוואָרצלען זיך אין העבּרעיש? מיר שפּירן אפילו נישט קיין נאַציאָנאַלע קרענקונג, בשעת פאַרקעמפער און ראשי-מדברים פון אונזער רענעסאַנס ווערן געפייערט אַלס מייסטער און קינסטלער פון פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן. איז דאָך דערדאָזיקער לויב אַ באַווייז פון דער פעאיקייט אַריינצודרינגען אין פרעמדן פאָלקסגייסט, ביז צו קענען שאַפן אין אים נייע ווערטן, אַ באַשטעטיקונג, אַז דידאָזיקע פאַרטרעטער פון יידישן נאַציאָנאַליזם האָבן זיך אַסימילירט מיט זייער גאַנצער נשמה, אַז זיי זענען אין דער נישט יידישער קולטור געוואָרן היימיש מיט זייער גאַנצן מהות און אַזוי פעסט צוגעבונדן צו איר, ביז זיי דערגרייכן אין איר שאַ-פערישע פרוכטבאַרקייט. אין דער צייט פון נאַציאָנאַלן אויפוועקן און אויפוואַכן האָט דער רוף צו הויבן און שטאַרקן דאָס פאָלקישע געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך ביי אונז. דער שריט פון די איבעריקע פעלקער האָט באַשטימט אויך דעמדאָזיקן גאַנג פון אונזער אַנטוויקלונג.

אונזער מערבֿדיקער נאַציאָנאַליזם געפֿינט זיך אין אַ גרויסן טייל אונטערן איינפֿלוס פֿון דער אַסימילאַציע, פֿון נאָכאַמונג, דעריבער לאָזן מיר זיך גערן פֿאַרבלענדן פֿונם שימער פֿון אַן אויסערלעכן פֿלעמל, וואָס פֿלאַקערט אויף און ווערן פֿאַרשיכּורט פֿון גערויש פֿון אַ פּאַטעטישן ווערטער-נאַציאָנאַליזם און פֿון געפֿילדער פֿון שרייענדיקער אַגיטאַציע-אַרבעט, דערבײַ ווילן מיר נישט דערקענען, אַז דאָס-דאָזיקע דעקלאַרירן און אַגיטירן פֿאַרלײַכטערט נאָר דעם געוויסן. עס קען אָבער נישט פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דער אַלטער ייִדישקייט און קען גאָרנישט ענדערן אין דער מיט געוואַלד באַהערשנדיקער מאַכט פֿון דער אַסימילאַציע. נאָר דער נאָכגעאַמטער און פֿון אויסנווייניק געשטופּטער נאַציאָנאַליזם קען זיך פֿרייען מיט דער כּלומרשטער פּעולה פֿון אַ נאַציאָנאַלער ווערטער-באַקענטעניש. ווײַל דערפֿאַר, וואָס ער איז אַליין אַסימילירט, שפּירט ער כּלל נישט די פּראָגרעסירנדיקע אַנטייִדישונג פֿון אונזער לעבן.

### 3.

דער נאַציאָנאַליזם פֿון ייִדישן מאָדערנעם לעבן שטעלט אַרײַן אין חשבון אַלס זײַן גרויסע טאַט די *ווידער-אויפֿלעבונג* פֿון *ייִדישן געפֿיל*. פּונקט ווי דידאָזיקע ראָמאַנטיק, וואָס איז אָפּגעריסן פֿון היסטאָרישן יסוד פֿון אונזער עקזיסטענץ און איז באַקוועם אויסגעבעבט אין אַ פֿרעמד-נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט, וואָלט געקענט ווערן אַ רענעסאַנס פֿון ייִדישקייט. רענעסאַנס? איז דען דער נאַציאָנאַלער פֿאָדעם נישט איבערגעריסן? ליגט דען נישט אַן אומענדלעכער שרעקלעכער תּהום צווישן דעם אָפּשטאַרבנדיקן דור פֿון פֿרומע ייִדן און דעם ייִדישן טיף, וואָס ווערט דערצויגן אין מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם? צי קען דאָס בלויזע געפֿיל פֿון צוזאַמענגעהעריקייט, וואָס איז אויסגעטון פֿון לבֿוש פֿון די ייִדישע לעבנספֿאָרמען, בויען אַ בריק איבער דעמדאָזיקן אָפּגרונט, דערהאַלטן און באַנײַען די ייִדישקייט אין פֿרעמדע פֿאָרמען?

און וואָס, משטיינסגעזאָגט, איז אײַנגאַנצן דאָסדאָזיקע יידישע געפּיל, אויף וואָס דער גלות-נאַציאָנאַליזם ליגט זיין גאַנצע האָפענונג? וואָס איז אייגנטלעך דער ווערט פון נאַציאָנאַלן געפּיל פון דעמדאָזיקן אַזויגערופענעם רענעסאַנס?

צי באַדייט די מאָדערנע צולהכעיס-יידישקייט אַן אויפריכטונג פון דעם אַריסטאָקראַטישן באַוואוסטזיין פון אונזערע אבות-אבותינו? וואו איז יענץ נאַציאָנאַלע הויכע געפּיל פון „אתה-בחרתנו״, פון דער וועלטהיסטאָרישער אויפגאַבע, פון דער וועלט-אַרומנעמענדיקער פליכט? מיר האַלטן זיך שוין גרויס, בשעת מיר דערלעבן די זכיה צו ווערן גלייכגעשטעלט און גלייכגעשעצט, ווי אַנדערע, בשעת מען האָט פאַר אונז אַכטונג, כאָטש נישט דערפאַר, ווייל מיר זענען יידן. צי שפּירן מיר די חרפה, וואָס ישראל, דער באַשעפער פון עטישן געזעץ, לעבט אין גייסט פון פרעמדע? איז דען אין אונז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס צוויי-טויזנטיאָריקע באַוואוסטזיין, אַז מיר זענען, „בני מלכים שגלו מעל שלחן אביהם״, פּרינצן, וואָס זענען אינדערפרעמד פאַרטריבן געוואָרן? וואו איז אַהינגעקומען יענער אַריסטאָקראַטישער שטאָלץ, וואָס האָט אין אונז אַריינגעגעבן אַ געפיל, אַז אונז קען מען נישט באַליידיקן, אַזוי ווייט, אַז דאָס לעסטערן און אויסלאַכן די יידישקייט האָט געקענט אין אונז דערוועקן בלויז מיטלייד צו אונזערע פאַרזינדיקטע באַדריקער, אָבער בשום אופן נישט קיין ביטערקייט פון אַ באַליידיקונג? ווי געבויגן איז געוואָרן אונזער נשמה און ווי אומזיכער זענען מיר געוואָרן, און דעריבער פילן מיר זיך אַזוי לייכט באַליידיקט, זענען מיר געוואָרן אַזוי עמפּינדלעך און אָנגעפילט מיט אַזויפיל מוט צו פאַרטיידיקן זיך פאַר יעדער באַליידיקונג.

וואו איז אַהינגעקומען יענץ גליק-געפיל, וואָס, אַרויסשטראָמענדיק פון באַוואוסטזיין פון אונזער קראַפט און שענקענדיק אונז קראַפט, האָט שטענדיק אַרויסגעשטראַלט פון יהדות און זוניק באַשיינט אונזער עלנטקייט? וואו איז יענץ שאַלנדיק געפיל פון גליקלעך זיין דערמיט, וואָס מען איז אַ ייד, יענץ געפיל—וואָס האָט אַלע צרות איינגעשלונגען און יעדן קומער דערשטיקט באַלד ווי ער איז געבוירן

געוואָרן ; יענץ געפֿיל, וואָס האָט כּמעט געמאַכט פֿאַרגעסן די גרויסע צאָל טרויער-צייכנס, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פֿון זינט דעם חורבן-ירושלים און זענען נאָך פֿאַרמערט געוואָרן דורך די נייע יידישע חורבנות ? קיין פֿאָלק איז נישט געווען אַזוי גליקלעך און פֿריילעך, ווי ישראל, נישט געקוקט אויף אַלע שוידערלעכע עינויים, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען ; אַזוי ווייט, אַז מען האָט געמוזט באַשטימען שטרענגע דינים, כּדי אויסצושליסן געוויסע טעג, ווען מיר טאָרן זיך נישט פֿרייען. קיין פֿאָלק האָט נישט, אַזוי ווי ישראל, אַזוי פֿיל שמחות-טעג, ימים-טובֿים, יומי-דפּגרא. די קלאָגלידער זענען נישט אימשטאַנד געווען טרויעריק צו מאַכן אונזער גייסט, צו פֿאַר-מינערן אונזער לעבנסלוסט, צו פֿאַרטונקלען אונזער געמיט און אונז אָנפֿילן מיט פּאַראומערטקייט. זאָל מען דורכזען אונזער ליטורגישע און וועלטלעכע פּאָעזיע. וואָס פֿאַר עשירות פֿון דאַנק-הימנען און ליבֿלידער, פֿון שאַלונגסלידער און לידער פֿון התלהבֿות, פֿון געזאַנגען, וואָס עס שטראָמט פֿון זיי פֿרייד און גליקזעליקייט ; און ווי זעלטן און בלאַס איז די שטימונג פֿון קלאָגעריי, פֿון וויגעשריי, פֿון נידערגעשלאָגנקייט און פֿאַרלאָזנקייט, פֿון שווערמוטיקייט און באַטריבטקייט, פּונקט ווי מיר וואָלטן גאָרנישט אויסגעטרונקען דעם בעכער פֿון יסורים ביז צום לעצטן טראָפּן, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך גאָרנישט אָנגעליטן די שרעקלעכסטע גרויזאַמקייטן פֿון דער מענטש-לעכער חיה. זאָל מען אויספֿאָרשן די גלות-פּאָעזיע, דאָס פֿאָלקסליד, די חסידישע ניגונים, דאָס צוזינגען ביים גמראָ-לערנען, — די עכטע און נישט די איבערגענומענע, אָדער די מעלאָדיעס, וואָס זענען אָנגעפֿילט מיט פֿרעמדאַרטיקער, אַ שטייגער, מיט דער קליינרוסישער מעלאַנכאָליע — זאָל מען גענוי אויספֿאָרשן די ווערטער און די מעלאָדיעס, כּדי צו דערקענען זייער שטימונג : ווי ווייניק איז אין זיי פֿאַראַן קומערניש און באַדריקטקייט, ביטערניש און באַטריבטקייט, ווי ווייניק פֿון צושטאַנד פֿון אומגליקלעך זיין. זיי אָטעמען מיט פֿריילעכקייט, מונטערקייט, הייטערקייט ; עס שפּריצט פֿון זיי הומאָר, שפּאַס, וויץ ; זיי שטראָמען אַריבער פֿון התלהבֿות און לוסטיקייט.

און וואָס איז דער וואונדער. זענען מיר דאָך אויך אין געטאָ געווען בני־מלכים, האָבן מיר דאָך אויך אין גלות געהאַט אונזער מלכות. ערשט צוזאַמען מיט דער צעטרייסלונג פון אונזער באַוועגלעכער גלות־מלוכה, צוזאַמען מיט דער אויסטריקענונג פון אונזער אינערלעכער קראַפט און מיטן אונטערגאַנג פון אונזער אינערלעכער ממשלה, מיט דער קולטורעלער צווייגן־אָפּפאַלונג, מיטן איינריס אין אונזער גייסטיקן לעבן, ערשט דאַן איז אַנטשטאַנען דער נאַגנדיקער יידישער שמערץ מיט זיין זעלבסט־איראָניע און זעלבסט־שמיץ, מיט זיין גריבלען זיך אין דעם תכלית פון אונזער עקזיסטענץ, מיט זיין זיך אַליין אויפרייצנדיקער קריטיק און ליידנשאַפטלעכער אַנאַליזירונג; ערשט דאַן איז אַנטשטאַנען דער יידישער שמערץ מיט זיינע שטימונגען, מיט זיין ווייכלעכקייט און פאַראומערטקייט. וואו זשע האָט איר דאָ דעם אַזויפיל געלויבטן רענעסאַנס פון יידישן געפיל, דעם ווידער־געבורט פון יידישן גליק־געפיל און פרייעלעכקייט?

און וואָס איז אונז נאָך איבערגעבליבן פון יענער שטאַרקער פאָלקסשפּירונג, וואָס האָט געשוואוירן „מחה אמחה את זכר עמלק" און הייס מתפלל געווען „שפוך חמתך"? צי לאָזט זיך שפירן אפילו די מינדסטע פאַריינגערונג פון דעמדאָזיקן געמיט פון מענלעכקייט און שטרענגקייט, וואָס האָט אונז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן אויף אונזער וועג פון יסורים און געפונען אַ קרעפטיקן אויסדרוק אין טיף דורכגעפילטע תפילות און פאָלקסלידער? „מיר האָבן נישט מער דעם כוח־פיינט צו האָבן און צו דולדן אויס שנאה" (היינע). וואו געפינען מיר אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור דעם וועלט־דערשיטערנדיקן צאָרן־געשריי פון דער אומה, וואָס מען האָט אירע רעכט באַרויבט, די קינסטלערישע פאָרמירונג פון דעם געוואַלדיקן שמערץ און פון הייליקן צאָרן פון אַ פאָלק, וואָס מען האָט מיט אַ רואיק געוויסן געפייניקט אַכצן הונדערט יאָר? וואו זענען די מאָדערנע יידישע קונסטווערק, וואָס פאַראייביקן די שענדלעכע מעשים, וועלכע מען איז באַגאַנגען קעגן דעם פאָלק ישראל, און זענען זיך אַזויאַרום נוקם מיט אַ מאָראַלישער נקמה, ווייל זיי וועקן אויף דאָס

באַוואוסטזיין פון שולד און צינדן אָן דאָס געפיל פון חרפה און חרטה? עס איז מקוים געוואָרן דאָס טיפע וואָרט פון אַ חסידישן רבי, וואָס האָט געזאָגט: עס קומט אַ צייט, ווען מען וועט אונז אויך צונעמען און אָפּשמדן דעם יידישן קרעכץ; עס וועט געקרעכצט ווערן פאַר אַלע פרעמדע צרות, נאָר נישט פאַר אונזערע אייגענע. צי ווירקט נאָך אין אונז דאָס היסטאָרישע באַוואוסטזיין פון די עינויים פון אונזערע אבות? צי האָבן מיר נישט פלוצלונג אַזוי ווי פאַרגעסן די היסטאָרישע עוולה? צי האָבן מיר זיך נישט הכנעהדיק איבערגעבעטן מיט דער קריסטלעכער וועלט, וואָס אויף איר ליגט די שווערסטע היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דערדאָזיקער עוולה, זיך איבערגעבעטן צוליב דער אָפּשוואַכונג פון נאַציאָנאַלן זכרון און דורך שענדן דעם אָנדענק פון אונזערע מאַרטירער, זיך איבערגעבעטן אַזוי ווי אָנגעקלאָגטע, וואָס זענען פאַרטיידיקט געוואָרן מיט דערפאָלג, און נישט ווי אָנקלאָגער, וואָס פאָדערן אַ דין־וחשבון? די היסטאָרישע איינהייט פון באַוואוסטזיין איז אין דער נאַציאָנאַלער יידישקייט, אין קעגנזאַץ צו דער רעליגיעזער יידישקייט, גאַנץ לויז געוואָרן. די נאַציאָנאַלע זכרון־קאָנטינויטעט איז איבערגעריסן געוואָרן. אונזער באַרימטע ליידנס־ און העלדנגעשיכטע האָט נישט באַפרוכפּערט די שאַפונג פון די יונג־יידישע קינסטלער. אומזיסט וועט איר זוכן אין זיי שטאַרקע מאָטיוון פון אונזער מיט קאַמף אָנגעפּילטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז דאָך זיכער נישט אָרעם אין קינסטלערישן שטאָף? אונזערע גייסטיקע העלדן זענען כמעט ווי אין פאַרגעסנקייט איינגעזונקען, בכן, וואו האָט איר דאָ דעם רענעסאַנס פון יידישן באַוואוסטזיין?

און וואו לעבט נאָך אין אונז דאָס פּשוטע באַוואוסטזיין – די געוויסהייט פון אַ זאַך, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך — אַז די יידישקייט שטייט מאָראַליש העכער, ווי דאָס קריסנטום? וואו באַוועגט זיך נאָך אין אונז דאָס קרענקלעכע געפיל פונם גייסטיקן אַריסטאָקראַט קעגן דעם אויפגעקומענעם, פון נישט אָנערקענטן אָריגינאַל קעגן זיין שלעכטער קאָפּיע, פון עכטן בילד קעגן זיין קאַריקאַטור? צי ברענט

נאָך אין אונז דער שמערץ צוליב דער פאַרבלאָנדזשעניש, וואָס האָט איר התחלה געהאַט אין יידנטום און פון יידנטום געצויגן לעבנסזאַפטן, כדי עס צו פאַרקריפּלען ? וואו איז דער פייערדיקער צאָרן פון דער נשמה צוליב דעם פאַלסיפיקאַט, וואָס האָט די וועלט איינגענומען ? וואו הערן מיר היינט די שטים פון יידנטום קעגן דעם גרויסן וועלט-ליגן פון דער מענטשלעכער היסטאָריע ? צי וואַגט דאָס יידנטום צו לאָזן הערן פאַר דער מענטשהייט דעם רוף, וואָס וואָלטער האָט אַ שליידער געטון קעגן דער קירך : „צעשמעטערט די שענדלעכע" ? צי וואַגט עס אַזוי ווי דוד אין איקיאַסעס „זון פון העברעער", אויסצושרייען דעם געשריי פון אמת : „דו, דו דאָרט, וואָס אַרום דיר זענען מיליאָנען, וואָס רופן דיך גאָט פון ליבע. הער מיך אויס. יעהאָוואַ, וואָס זיי זאָגן, אַז ער איז דיין טאַטע, יעהאָוואַ האָט יצחקן נישט אָנגענומען פאַר אַ קרבן פון אברהמען. דו אָבער, דער גאָט פון ליבע, דער מילדער גאָט, דו האָסט מיין ווייב און אַ נישט געבוירן קינד יאָ אָנגענומען פאַר אַ קרבן, דו מילדער גאָט, דו גאָט פון ליבע ?" מיר, יידן, וואָס מיר האָבן די קריסטלעכע ליבע צום נאָענטן אַזוי אָפט און אַזוי גרינטלעך געמוזט אויסשטיין אויף זיך אַליין פון דעם ערשטן טאָג, ווי מען האָט זי אָנגעהויבן פּרעדיקן, ביז צום היינטיקן טאָג – ווער האָט נאָך, ווי מיר, דאָס רעכט, און נאָך מער די פליכט, צו דערקלערן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די מאָראַלישע קולטור קען קיינמאָל נישט ווערן אמתדיק און מוז שטענדיק בלייבן פרעמד דעם לעבן, מוז בלייבן אַ דערציונג צו מחלוקת, אַ לעגיטימירטע צביעות סיי אין די פאָדערונגען, סיי אין די מעשים, כל-זמן זי איז באַהערשט פון אַ לערע, וועלכע נעמט זיך דערפון, וואָס מען האָט די קוואַלן פון גרויסע גייסטיקע טענדענצן אַזוי צעמישט און פלאַך געמאַכט, ביז מען האָט זיי פאַרשטאָפּט ; אַ לערע, וואָס ליידט פון אינערלעכע סתירות פון אַ געלאַטעטע ווערק, אַ לערע, וואָס איז אומהיילבאַר קראַנק אויף אינער-לעכער צווייִדייטיקייט אין דער באַקענטעניש און אין די מעשים. ווער נאָך, ווי מיר, יידן, האָט דאָס רעכט, און נאָך מער די פליכט, צו דערקלערן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַז דער באַנקראָט פון דער

קריסטלעכער וועלט, אַזוי ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, דאַרף נישט באַטראַכט ווערן אַלס פּלוצלונגער קראַך פון אַ קירך, וואָס האָט גלאַנצפול געהערשט און מיט גרויס נצחון זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע טיילן פון דער וועלט, נאָר גיכער בלויז אַלס באַווייז און אילוסטראַציע צו דעמיענינקן פאַקט, וואָס ווערט אַזוי קונציג פאַרשלייערט, אַז דאָס קריסטנטום האָט ניינצן יאָרהונדערטער געפירט אַ צביעותדיקע כּלומרשטע עקזיסטענץ, האָט אַרומגעהאָנגען די געצנדינעריי בלויז מיט אויסגעבאָרגטע צאַצקעס, און אַזויאַרום עס מאַסקירט און ממילא סאַנקציאָנירט; אַז די קריסטלעכע וועלט איז אַכצן יאָרהונדערטער באַלעבט פון מלחמה־פאַרלאַנג און נישט פון קריסטלעכער הכנעה, פון חשק צו עולם־הזה און נישט פון ווילן אָפּצוזאָגן זיך פון וועלטלעכע הנאות, פון דער תאווה אָנצופאַלן און נישט פון ליבע צום שונא — זי האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן פאַר בלוט־פאַרגיסונג; גיכער האָט זי די אַנטשיידונג פון שווערד דערקלערט אַלס אַ געטלעכן פּסק־דין; זי האָט שטענדיק אונטער איר שוץ גענומען די מעכטיקע און פאַרהיילקט די העלדן פון כּוח, זי האָט קיינמאָל נישט מוחל געווען פאַר אַ פּאַטש, פאַרקערט, זי האָט זיך שטענדיק אָן רחמנות נוקם געווען און אָפּגעצאָלט טויזנט מאָל אַזויפיל; זי האָט שטענדיק אַרויסגעפאָדערט און באַפאַלן די שונאים, וואָס דאַרפן געליבט ווערן; אַז די קריסטלעכע וועלט האָט אַכצן יאָרהונדערט געהאַט איר קיום אין אַ בכיוונדיקער שפּאַלטונג, אין אַן אומגעהויערער סתירה צווישן אירע דרשות און אירע מעשים, בכן האָט זי אין דער ווירקלעכקייט קיין קיום נישט געהאַט — און אויב די געצנדינערישע אינסטינקטן פון אירע פינף הונדערט מיליאָן אַנערקענער האָבן איצט ווידעראַמאָל אויסגעבראָכן אויף אַ מוראדיקן אופן, איז עס בלויז די איבעררייסונג פון דער צביעות, דער צייטווייליקער באַנקראָט פון דעם געמאַכטן אָנשטעל. פאַרוואָס שווייגט דאָס יידנטום, בשעת עס האַנדלט זיך וועגן דעם, צו דעמאַסקירן די צביעות פון אַ נישטיקער קולטור, וואָס נעמט זיך נישט צום האַרצן די צעשטערונג פון מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס און קען נישט פאַרטראָגן דעם שמערץ איבער

דער צעשטערונג פון אייניקע קונסטווערק? וואו איז זיין פלייס און זיין דרייסטקייט ביים פאַרטיידיקן זיין לערע קעגן דער חוצפה פון קריסטנטום? פאַרוואָס הויבט דאָס יידנטום איצט נישט אויף זיין שטים, וואָס איז אַזוי נויטיק אין דעמדאָזיקן תהו-ובהו? וואו איז זיין דער־מאָנונגסוואָרט, וואו איז זיין ווידערשטעלן זיך קעגן דעם גייסט פון דער צייט? וואַגט דען דאָס יידנטום אויף אַ ווירדיקן אופן אויסצוניצן די אויסגעקעמפטע רעליגיע-פרייהייט, און קעגנאיבער דעם פעלקער-מאָרד, וואָס ווערט געפייערט אָן שום בושה, צו דערקלערן די נישטיקייט פון דער וועלט-באַהערשנדיקער קירך, וואָס פון איר איז עס אַזוי אומבאַשרייבלעך גרויזאַם פאַרפאָלגט געוואָרן, און צו פאָדערן פון זיין טריאומפירנדיקן היסטאָרישן אונטערדריקער, ער זאָל זיך מודה זיין אין זיין אינערלעכער מאַכטלאָזיקייט, קורץ, ער זאָל מאָראַליש קאַפּיטולירן פאַרן יידנטום?

און בשעת די פילאָסעמיטן לויבן דאָס יידנטום, ווייל עס האָט געבוירן דאָס קריסטנטום, צי וואַגן מיר אָפּצוואַרפן דעם לויב און אָפּצוטרייסלען פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון פאָטערשאַפט, דערפאַר, ווייל פון אָנהויב אָן האָבן מיר דידאָזיקע אַנטשטייונג דערקלאַרירט אַלס אַ געבוירענע קאַליקע און דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין שולד אין אירע אַלע געשעענישן און פאַסירונגען, אין דער אַכצן-הונדערטיאָריקער געשיכטע פון איר נישט־אויסגעהאַלטנקייט?

דער יידישער מאָדערניזם קען זיך נישט דערוועגן צו רעדן מיט דעמדאָזיקן לשון. ער שטייט שוין נישט מער אין דעמדאָזיקן היסטאָ-רישן פאַרהעלטעניש צום יידנטום און צום קריסטנטום. צי פילט זיך נישט די השפעה פון קריסטנטום אפילו אין די רייען פון נאַציאָנאַלע יידן? אויך זיי אפילו האָבן נישט געקענט זיך אינגאַנצן באַפרייען פון זייער געפאַנגענשאַפט אין דער קריסטלעכער קולטור-סביבה, אויך זיי אפילו האָבן אין זייער פאַרבלענדעניש נישט געקענט אינגאַנצן זיך אָפּטרייסלען פונם צויבער פון דער קריסטלעכער מיסטיק. זייער באַוואוסטזיין איז אין אַ באַדייטנדיקן טייל שוין צוגעפאַרבט קריסטלעך, אַסימילירט קריסטלעך. איז דען זייער יידישער גאָט נאָך יידיש, דער

גאָט פון שטרענגער גערעכטיקייט ? צי האָט ער שוין נישט אָנגענומען די שטריכן פון דער קריסטלעכער ווייכקייט ? צי באַוועגט זיך נאָך זייער גאָט-פאָרשטעלונג אין מאָנאָטעיסטישער ריינקייט אָדער אין קריסטלעך-געצנדינערישער צעפלאָסנקייט ? צי לעבן זיי נישט איבער די ווערטער פון תנ״ך אין גייסט פון קריסטלעכע מפרשים און אויסטייטשער ? צי זעען זיי נישט די יידישע נביאים מיט די אויגן פון עוואַנגעלישע טעאָלאָגן, אין קאַריקאַטורבילד פון אויסגעיידישטן מעסיאַניזם ? וואו זשע איז דער רענעסאַנס פון יידישן באַוואוסטזיין ? כלעבן, זייער באוואוסטזיין איז אין אַ באַדייטנדיקן טייל שוין געפאַרבט געצנדינעריש, אַסימילירט געצנדינעריש. צי האָבן נישט נאַציאָנאַלע יידן מיטגעזונגען אינם כאָר פון דער קריג-באַגייסטערונג ? וואו זשע איז דער פילגעלויבטער רענעסאַנס פון יידישן באוואוסטזיין ?

עס איז קלאָר. וואו דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן אַ יסוד, מוז אויך דאָס יידישע באַוואוסטזיין פאַראָרעמט ווערן, און גלייכצייטיק ווי עס ווערט אויסגעליידיקט, מוז עס אָנגעפילט ווערן מיט פרעמדן אינהאַלט, מחמת די נאַטור ליידט נישט קיין ליידיקייט. אַלע פּראָבן עס צוריק צו באַלעבן קענען האָבן העכסטנס אַן אויפבליצנדיקן מאָמענט-דערפאָלג. וואו עס פאַרפעלט נאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט, מוז דער אָרגאַנישער זכרון פון פאָלקס-כלל ביסלעכווייז פאַרשווינדן און צוזאַמען מיט אים אויך דער היסטאָרישער עמפינדונגס-קאָמפּלעקס פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וואָס ווערט פון דאַן אָן פאַרשמעלערט ביז צו ווייטיקלעכע וואונטשן און בענקעניש און ווערט סוף-כל-סוף איינגעשרומפן ביז צו אַ מאַטן געפיל, אַז מען איז נאָך אַ ייד, אַ געפיל, וואָס וואַלגערט זיך ערגעץ אין אַ פאַרשטויסענעם ווינקעל פון דער אַסימילירטער נשמה. *עס איז דער צושטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער פאָזע.*

* *

*

בכן, וואָס האָט אויפגעטון דער נאַציאָנאַליזם אין גלות ? ער האָט

געשאַפֿן אַ נײַע קריטעריום און פֿאָרגעשטעלט די מעגלעכקייט פֿון אַן אויסער-רעליגיעזן יידישן לעבן אין ארץ-ישראל, אָבער נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַ נאַציאָנאַלן אויפֿבוי פֿון אַ מאָדערנער יידישקייט אין גלות. ער האָט אָפּגעשאַפֿט דאָס אויסשליסלעך-רעליגיעזע קריטעריום און דערמיט באַשטעטיקט, אַז עס איז מעגלעך צו זײַן אַ ייד נאַציאָנאַל, אָבער דידאָזיקע באַשטעטיקונג בלײַבט אין גלות אַ טעאָריע, וואָס קען פּראַקטיש נישט צײַטיק ווערן; אויסער די וועלטלעך-נאַציאָנאַלע אַטריבוטן פֿון אַ לעבעדיקן פֿאָלקס-אָרגאַניזם האָט נישט די נישט רעליגיעזע יידישקייט די מעגלעכקייט צו אַ דויערנדיקער עקזיסטענץ. דער נאַציאָנאַליזם האָט געוועקט נאַציאָנאַלן רצון, אָבער נישט געגעבן קיין נאַציאָנאַלע יכולת, ער האָט געבראַכט צום איבערשאַצן פֿון דאָס-ניי די ריכטונג פֿון אונזערע וואונטשן, אָבער נישט געשאַפֿן קיין אַנטשפּרעכנדיקע נײַע מעגלעכקייט. ווײַטער האָט דער נאַציאָנאַליזם געמאַכט אומגילטיק דאָס קריטעריום פֿון דער אַסימילאַציע-אידעאָלאָגיע, דאָס קריטעריום פֿון אַן אַלגעמיין-מענטשלעכן לערן-אינהאַלט מיט אַ נאַציאָנאַלער טענדענץ; ער האָט פֿאַרטריבן די אַסימילאַציע אַלס בכּיוונדיקע שטרעבונג, אַלס אידעע און אַלס אידעאַל, אָבער נישט די אַסימילאַציע אַלס אָביעקטיווע טענדענץ, אַלסווירקלעכקייט, אַלס פֿאַקט: אַלס נויט.

קוקן מיר זיך אום אויף די רעזולטאַטן פֿון דער יידיש-נאַציאָנאַלער באַוועגונג, מאַכן מיר דעם בילאַנס פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין אירע אַלע פֿאַזן, אַזוי זעען מיר איין: דער נאַציאָנאַליזם פֿון גלות-יידנטום האָט זײַן ווערק אין ארץ-ישראל און נישט אין גלות. אין גלות גופֿא איז זײַן נאַציאָנאַלער רענעסאַנס נישט אימשטאַנד געווען אפֿילו אויפֿצוריכטן דאָס יידישע באַוואוסטזײַן, שוין נישט צו רעדן פֿון יידישן לעבן.

און טאַקע אויף דעם פּלאַץ מוזן מיר וואָרענען פֿאַר יענער זעלבסט-אָפּנאַרערײַ, וואָס מאַכט פֿון אונזער צוויי-טויזנטיאָריקער גלות-היסטאָריע אַ גזירה-שווה פֿאַר אונזער גלות-צוקונפֿט און טרייסט אונז: צי האָט נישט דער גלות געשאַפֿן גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן?

צי איז נישט ארץ־ישראל געווען בלויז אַ קורצער עפּיזאָד אין אונזער לעבן, וואָס איז געווען אַזוי פול מיט ענדערונגען? אַן עפּיזאָד, וואָס איז זינט פיל יאָרהונדערטער אויסגעשלאָסן פון אונזער אַנטוויקלונגס־גאַנג און באַשטימט שוין נישט מער אונזער פאָלקסלעבן? פאַרוואָס זשע זאָל דער גלות, וואָס האָט זיך אין די צייטן פון אונטערדריקונג אויסגעצייכנט מיט נאַציאָנאַלער פּרוכטבאַרקייט, פּלוצלונג ווערן אַן עקר גראָד נאָך דער דערגרייכונג פון פרייהייט און גלייכהייט?

דידאָזיקע פאַרגלייכונגען קענען אַנערקענט ווערן און ווירקן פאַר־פירעריש, ווייל מיר זענען געוויינט צו באַצייכענען אונזער גאַנצע היסטאָריע פון זינט דעם חורבן בית־המקדש מיט דעם איין נאָמען גלות, און דערביי מאַכן מיר נישט קיין ווענזטלעכן אונטערשייד און קיין שום חלוק צווישן די פאַרשיידענע מדרגות פון דעמדאָזיקן טערמין.

אָבער דער גלות אין זין פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע הויבט זיך אָן ערשט מיטן אינערלעכן חורבן פון אונזער רעליגיע־קאָנסטיטוציע, מיט דער עפּאָכע פון דער השכלה. די אַלע סימנים פון דעקאַדענץ, וואָס אַלע אינאיינעם רופט מען זיי אָן גלות־פּסיכיק, זענען בלויז די אייגנשאַפט פון מאָדערנעם יידנטום, אָבער זיי זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן גלות בכלל; דאָס אַלטע יידנטום פון גלות האָט דידאָזיקע סימנים נישט פאַרמאָגט. צעריסנקייט, פיל־פאַכיקע צעשפּאָלטנקייט, פאַרשיידנאַרטיקייט; אומזיכערקייט, מעלאַנ־כאָלישקייט, פאַרחושטקייט, נייגונג צום אָפּזאָגן זיך פון לעבן; דיסטאַנצ־לאָזיקייט, קלעבעדיקייט, פּלוטעוואַטעקייט און קריכערישקייט פון אַן אָנגעלאָפּענעם, פון אַזאַ, וואָס האָט קיין וואָרצל נישט — דידאָזיקע דערשיינונגס־פאָרמען, וואָס גילטן געוויינלעך אַלס פּראָדוקטן פון גלות, קען מען טרעפן נאָר אין גלות־יידנטום פון דער נייע עפּאָכע, אָבער נישט אין דער לאַנגער גלות־עקזיסטענץ פון טראַדיציאָנעלן יידנטום. די גרונט־שטריכן פון אונזערע אבות, וואָס האָבן געהאַט אַן אינערלעכן און אויסערלעכן אָנהאַלט אין דער רעליגיע, וועלכע האָט געפאָרמט זייער לעבן, זענען געווען: גאַנצקייט, געשלאָסנקייט,

אחדות; פרישקייט פון גייסט, פּאָזיטיווע באַציונג צום לעבן, אַריסטאָקראַטישער שטאָלץ, פעסטקייט, דערציונג פון דער פּערזענלעכקייט; אָפּגעזונדערטקייט און אויסגעטיילטקייט פון אַ יחסן, די האַלטונג און באַנעמונג פון דיסטאַנץ, פון גייסטיקן אַריסטאָקראַט, פון גייסטיקן עושר.

פאַרן גלות פון מאָדערנעם יידנטום, פאַר דעמדאָזיקן דאָפּלטן גלות, וואָלט מען נישט געדאַרפט באַנוצן דעמזעלבן נאָמען, וואָס באַצייכנט בכלל דעם צושטאַנד פון לעבן אינדערפרעמד; מען וואָלט נישט געדאַרפט דורך איין אַלגעמיינער באַצייכענונג פאַררייבן די אָפּשיידלעכע צווישן צוויי גרונטפאַרשיידענע סאָרטן פון גלות-עקזיסטענץ. גיכער האָבן מיר אַ פּיל גרעסערן גרונט אָנצוהויבן מיטן חורבן פון דער יידישער רעליגיע-קאָנסטיטוציע אַ נייע צייטרעכענונג פון גלות, די צייטרעכענונג פון אינערלעכער צעשפּרייטונג, אַזוי ווי מיטן חורבן פון בית-המקדש האָט זיך אָנגעהויבן די צייטרעכענונג פון אויסערלעכער צעשפּרייטונג.

מעגלעך, אַז אַזאַ מין נייע צייטרעכענונג וואָלט טאַקע אַריינגעדרונגען אין באַוואוסטזיין פון פאָלק און וואָלט זיך איינגעבירגערט אין זיין מנהג, ווען דערדאָזיקער דריטער חורבן וואָלט אויך געקומען פון דרויסן, פּלוצלונג, מערקלעך, אַלס אַ געשעעניש, וואָס איז געבונדן מיט אַ באַשטימטער דאַטע, און נישט פון אינעווייניק, אַנטוויקלונגס-מעסיק, נישט צו קאָנטראָלירן געגנוי אין וועלכער צייט. מעגלעך, אַז אַזאַ מין נייע צייטרעכענונג וואָלט זיך איינגעפּרעסט אין באַוואוסטזיין פון פאָלק און וואָלט זיך איינגעבירגערט אין זיין מנהג — ווען דאָס פאָלקסבאַוואוסטזיין און דער פאָלקס-מנהג גופא וואָלטן אויך נישט געווען אַריינגעצויגן אין דעמזעלבן חורבן.

ווי די זאַך איז, נאָר אין מאָדערנעם גלות קען דאָס יידנטום נישט האָבן קיין דויערהאַפטן נאַציאָנאַלן פולן קיום. זיין נאַציאָנאַליזם איז אין בעסטן פאַל אימשטאַנד צו דערציען אַ מין אנדראָגינוס-באַשעפעניש, אַ יידנטום מיט צוויי נשמות, פול סתירות און קאָנפליקטן, פול לעכער און וואונדן.

צי פֿאַרדינט אַזאַ לעבנספּאָרם דערהאַלטן צו ווערן? צי לוינט זיך צו קעמפן, כדי ווייטער צו דערהאַלטן אַ מצב, וואָס איז בלויז אַ צווישן־מצב? קען נישט ווערן פּולווערטיק אַ יידנטום, וואָס איז נאַציאָנאַל נישט געזונט? צי לוינט זיך צו קעמפן, כדי צו דערהאַלטן אַ שפּאַלטונג, אַ קאָנפליקט, אַ טראַגיק?

4.

ניין און יאָ.

ניין, אויב די דערהאַלטונג וועט באַטראַכט ווערן אַלס זעלבסט־צוועק. ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין צוטרוי צום באַפרייונגס־ווילן פון פאָלק, ווען מיר וואָלטן נישט געגלויבט אין דער פאַר־וויקלעכונג פון אונזער ארץ־ישראל־אידעאַל, דאַן, צוקוקנדיק זיך צו דער מוראדיקער דעגענעראַציע פון דער גלות־יידישקייט, וואָלט מען ווירקלעך געשטאַנען פאַר דעם נסיון צוצופּאַסן צו אונזער צייט די ווייטיק־אָנגעפילטע, גרויזאַם־שטאָלצע ווערטער פון רבי ישמעאל: „דין הוא שנגזור על עצמנו שלא לישא אשה ולהוליד בנים ונמצא זרעו של אברהם אבינו כלה מאליו" (ב"ב ס'): אייגנטלעך באַדאַרפן מיר גוזר זיין אויף זיך, מיר זאָלן נישט התונה האָבן און קיין קינדער נישט האָבן, און דאַן וועלן די קינדער פון אברהם אבינו ממילא אונטערגיין. נאָר אין דער האָפענונג אויף אַן אויסלייזונג פון גלות זאָגן מיר וועגן דער דערהאַלטונג פון גלות — יאָ; אַ טויזנטפאַכיקן יאָ פאַרן קאַמף וועגן דערהאַלטן אַ נאַציאָנאַלע יידישקייט, ווי געבראָכן זי זאָל נישט זיין. די פּאָזיטיווע באַציונג צום גלות קען האָבן נאָר איין זין: דערהאַלטן דעם גלות, כדי אים מבטל צו זיין, כדי צו דערהאַלטן אַן אַנדער יידישקייט, וואָס דאַרף ערשט ווערן. אָבער נעמענדיק אין אַכט און שטעלנדיק זיך אַלס ציל דעם ווידערגעבורט אין לאַנד פון די אבות, באַקומט די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות אַ היסטאָרישן ווערט. נאָר אין דער באַציונג האָט דער גלות־נאַציאָנאַליזם זיין

באַשטימונג: די באַשטימונג פון צוגרייטונג – צוגרייטן דאָס פאָלק פאַרן לאַנד און דאָס לאַנד פאַרן פאָלק; דער גלות אַלס פּרוזדור פון ארץ־ישראל.

**אייגנטלעך קען אין גלות זיין נאָר קעגנוואַרטסאַרבעט.** זיין נאַציאָנאַלע צוקונפט האָט דאָס יידנטום נישט דאָ. ווער עס וויל לעבן אַלס גאַנצער ייד, ווער עס וויל זיינע קינדער באַשיצן פאַר בפיוונדיקער און נישט־בפיוונדיקער אויסיידישונג, מוז זיך אויסקלייבן דעם וועג פון אַרויסציען זיך פון דער פרעמד. דאָס איז די ברירה פון די גליקלעכע. אָבער אויך יענער יידישער כלל, וואָס איז געבונדן מיט דער קללה פון גלות, קען דערפילן זיין נאַציאָנאַלע פונקציע אין דער ריכטונג פון אונזער פאָלקס־פאַרמירונג אין ארץ־ישראל. נאָך אין פאַרלויף פון פיל דורות וועט דאָס באַנייטע ארץ־ישראל מוזן אָנקומען צום נאַציאָנאַלן רעזערוואוואַר אין גלות. דער גלות וועט צושטעלן דעם בוי־מאַטעריאַל, וואָס ארץ־ישראל וועט פאָרמירן. ארץ־ישראל וועט אָפּציען פון גלות די בעסטע קרעפטן און זאַפטן; נישט, ווי אחד־העם מיינט, אים אָפּגעבן, און אָפּגעבנדיק, אים באַפרוכפּערן און שטאַרקן. פאַרקערט: דער גלות וועט, אַזוי צו זאָגן, דערפילן די פונקציע פון מיסט פאַר אונזער היסטאָרישער ערד. די נאַציאָנאַלע אַרבעט און קולטור־טעטיקייט אין גלות מוז געשטעלט ווערן אין דינסט פון דעם צוקונפטס־ווערק אין אונזער אייגענעם לאַנד, מוז געטראָגן ווערן פון זיין גייסט און מוז לויט זיינע פאָדערונגען אָפּגעשטעלט ווערן. אָפּגעריסן פון דערדאָזיקער אויפגאַבע, איז דער מאָדערנער גלות די גסיסה פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיין מענלעכע קראַפט פאַרלוירן, אַ פאַרשוועכונג פון אונזער פאָלקס־ און מענטשנווירדע. אָן דער האָפענונג אויף דער ענדגילטיקער גענעזונג אין לאַנד פון די אבות, אָן דער שטרעבונג צום ארץ־ישראל־אידעאַל, צו דער צוקונפט, וואָס מיר שטעלן זיך פאָרויס אַלס ציל, בלייבט דער נאַציאָנאַליזם אין גלות אַ סיזיפוס־אַרבעט; באַדייט ער – דערהאַלטן מיט געוואַלד אָן אַנאָמאַליע, דערהאַלטן אַן אינערלעכן און אויסערלעכן, אַ קולטורעלן, סאָציאַלן און פּאָליטישן אַנטאַגאָניזם. אַן עקזיסטענץ

מיט שווערע קאָנפליקטן, פול האַלבקייטן און צעדרייטקייטן, וואָס מאַכן אונז פאַר קאַליקעס און אַנדערע שרעקן זיי אָפּ און פילן זיי אָן מיט עקל.

בכן דאַרף זיין אונזער לאָזונג: דערהאַלטונג פון גלות, כדי צו קענען דורכפירן די באַנייונג אין ארץ-ישראל; דערהאַלטונג צוליב דער באַנייונג. מיר נאַרן זיך נישט און ווייסן, אַז מיר וועלן אָן אויפהער מוזן פירן אַ קאַמף קעגן מאַטעריעלע און גייסטיקע מאַכטן. מיר ווייסן, אַז די דערהאַלטונג פון אַ מאָדערנעם גלות־יידנטום איז די דערהאַלטונג פון אַ נאַציאָנאַלער אומנאָרמאַלקייט. מיר ווייסן, אַז דאָס יידנטום אין גלות וועט שטענדיק מוזן אונטערגעשטיצט ווערן, וועט זיך שטענדיק נויטיקן אין שטיצע. אָבער מיר בויען דאָך נישט דאָ די צוקונפט פון פאָלק, מיר בויען זי נישט אויף די חורבות פון אַלטן יידנטום, נאָר דערלאָזן נישט די אָפּבויונג אין גלות צוליב דער אויפבויונג אין ארץ-ישראל. דאָס איז די גרויסע און שווערע אויפגאַבע פון אַ גרויסער צייט פון נסיון, פון אַ בין־הזמנים, פון אַן איבערגאַנגס-צושטאַנד, פון אַן איבערגיסונג אין נייע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען. און די לייזונג פון דער יידישע פראַגע אין גלות — גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַלע רעכט – איז בלויז אַ בין-הזמנים, אַ צווישן-לייזונג, אַ דערוויילִיקע לייזונג.

דעריבער קען אונז נישט ברענגען אין פאַרלעגנהייט בנוגע צו אונזער אויפגאַבע אויך דאָס געקינסטלטע, דאָס צופיל בפירושדיקע און אויסגערעכנטע פון דעמדאָזיקן נאַציאָנאַליזם אין גלות: דער בליק-פונקט פון אונזער אויפגאַבע איז די נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער צוקונפט. מיר ווילן אויפבויען שוצזיילן פאַר דער גלות-יידישקייט, וואָס פאַלט איין צוליב דער דערשיטערונג פון איר רעליגיעזן יסוד, און אַרויסנעמען פון איר די נאָך גוטע שטיינער פאַר אַ נייעם געוואַלדיקן פאָלקס-בנין. מיר ווייסן, אַז אונזער נאַציאָנאַלע אויפ-לעבונגס-אַרבעט אין די גלות־לענדער האָט נישט די וואָרצל־פעסטקייט און נישט די מעגלעכקייטן און אויסזיכטן, ווי די נאַציאָנאַלע אויפ־לעבונג פון טעריטאָריאַל-איינהייטלעכע פעלקער, וואָס זיצן פעסט

אויף זייער ערד, ווייל ביי זיי קומט די אויפלעבונג פאַר אין נאַטירלעכע באַדינגונגען. מיר זענען אָבער אונטערוועגס. און דאָס זענען טאַקע די שוועריקייטן פון אונטערוועגס.

האָבנדיק די פולשטענדיק קלאָרע דערקענטעניש פון דער אַנאָמאַליע פון אונזער גלות־עקזיסטענץ, מוזן מיר דאָך, אָדער טאַקע דעריבער, מיט אַלע מיטלען דורכפירן די נאַציאָנאַליזירונג פון גלות. נאָר אין אַן אומדערמידלעכן ווידערשטאַנד קעגן די כּוחות פון דער פרעמדנאַציאָנאַלערווירקלעכקייט, קעגן אירע קענטיקע און נישט קענטיקע איינפלוסן, אין מוטיקן טראָץ קעגן דער פאַרפירערישקייט פון דער גלייכבאַרעכטיקונג, קעגן דעם גאַנצן צויבערהאַפטן רייץ פון די הערשנדיקע און דערפאָלגרייכע, קענען מיר קלערן וועגן דערהאַלטן אונזער פאָלקסטום אין גלות. אונזער גלות־עקזיסטענץ איז אין געוויסן באַטראַכט אַ כּסדרדיקער קריגס־צושטאַנד. נישט שטענדיק דערקענען מיר דאָס, ווייל ער דויערט שוין אַכצן יאָרהונדערטער. דאָס איז דער צושטאַנד פון אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן דער פרעמדער וועלט, וואָס רינגלט אונז אַרום און דראָט אונז איינצושלינגען.

* *

*

דידאַקטיקע אויסערגעוויינלעכע לאַגע פון פאָלק פאָדערט אויסערגעוויינלעכע מיטלען פון פאַרטיידיקונג און באַשיצונג. אַזוי ווי מיר האָבן אַמאָל געהאַט באַזונדערע מצוות פאַר ארץ־ישראל, „מצוות התלויות בארץ״, אַזוי מוזן מיר איצט באַשטימען באַזונדערע נאַציאָנאַלע מצוות פאַר אונזער לעבן אין גלות, אַזוי צו זאָגן, „מצוות התלויות בחוץ לארץ״. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מיר זאָלן מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון אונזער קראַפט אויפבויען אַרום דער יידישקייט אין גלות שוצזיילן, וואָס אויף זיי זאָל זיך שטיצן אונזער נאַציאָנאַלע אחדות

און אָפּגעזונדערטקייט אינדערפרעמד. דאָס יידנטום אין גלות מוז, כדי צו באַשיצן זיך, נעמען אויף זיך אויסערגעוויינלעכע מיטלען, וואָס דאָס העברעישע פאָלקסטום אין ארץ־ישראל וועט זיך קענען אָן זיי באַגיין. בלויז נאָך איין חסרון פון גלות!

## 5.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מען זאָל אויסשטעלן נאַציאָנאַלע שוצוועגט קעגן אַלע טענדענצן פון דער אַסימילאַציע אויף דער גאַנצער ליניע פון איר ווירקונג, און פון איר ס׳רוב נישט דערקענטער, אָבער מיטווירקנדיקער השפעה. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, צו ראַטעווען וואָס נאָר עס קען נאָך ווי עס איז געראַטעוועט ווערן; צו באַלעבן, וואָס עס קען נאָר באַלעבט ווערן. געוויס זענען מיר נישט אימשטאַנד אינגאַנצן אָפּצושטעלן דעם חורבן פון אונזערע קולטורגיטער אין מאָדערנעם גלות, דאָך אין דער מוטיקער דערקענטעניש, אַז די אויפגאַבע איז פון אַ פּאַליאַטיוו-כאַראַקטער, מוזן מיר דאָסדאָזיקע אָפּשטעלן באַטראַכטן אַלס אונזער ערשטע און וויכטיקסטע קעגנוואַרטס-אַרבעט אין די גלות-לענדער. דאָס זענען די גרענעצן, וואָס אויסער זיי קען שוין נישט זיין קיין שום רענעסאַנס פון גלות־יידנטום. דידאָזיקע אַרבעט קען נישט צוריק אויפשטעלן און אויפבויען די חורבות פון אונזער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן און זי מוז זיך באַגנוגענען מיט דער אויפגאַבע פון נישט דערלאָזן דעם ווייטערדיקן חורבן און פון אָפּראַטעווען. די דערהאַלטונג באַדייט אין דעם פאַל קודם-כל איינהאַלטונג.

חורבן פון דער רעליגיע־קאנסטיטוציע. דידאָזיקע חורבה איז, נאַטירלעך, נישט מעגלעך אונטערצובויען. איר דיסציפּלינירנדיקע מאַכט איז פאַרשוואונדן. דער דערשיטערטער אָדער פאַרלוירענער גלויבן קען נישט צוריק געפונען ווערן אָדער פאַרטרעטן ווערן מיט אַן אַנדערן. די אידעאָלאָגיע פון רוה-היהדות, וואָס האָט זיך ראַציאָנאַליסטיש צרויסגעשיילט פון דער יידישקייט, פונקט ווי

איר ראָמאַנטיש באַפּוצטער ברודער, וואָס האָט בשותּפות מיט איר דעם באָדן פון נאַציאָנאַלער דעקאַדענץ און פון נאַציאָנאַלן סוראָגאַט, איך מיין דעם ניי-חסידיזם, וואָס איז סטיליזירט לויטן געשמאַק פון מאָדערנער ניכטערער מיסטיק; זיי ביידע קענען זיך באמת נישט פאַרמעסטן אַרויסצוטרעטן אַלס וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער היסטאָרישער יידישקייט און צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אויסגעטריקנטער קראַפט פון דער רעליגיע. אויך די נייסטע באַמיונג פון די מאָדערנע בעלי תשובה, וואָס צווינגען זיך פשוט מיט געוואַלד צו ליבן זייער שוין פון לאַנג אויסגעלאָשענעם גלויבן און ווילן זיך דערהויבן צו אַ מין דריי־אייניקייט פון קדושה — קדושה פון דערקענטעניש, קדושה פון רחמים, קדושה פון תפארת, — באַווייזט נאָר די צוואַנגסלאַגע פון דער אינערלעכער צעבראָכנקייט און וואַקלדיקייט, נישט האָבנדיק אויף וואָס זיך צו שטיצן: דאָס דאַרף דעריבער נישט אויסגעלאַכט ווערן, גיכער דאַרף עס דערוועקן מיטלייד. די נשמה-שפּאַלטונג און דער אויפשטאַנד קעגן זיך אַליין, וואָס קומט נאָך איר, האָבן דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה פון פאַרצווייפלונג, פון באַוואוסטזיין פון פאַרלוירנקייט, אַז מען קלאַמערט זיך מיט אַ צעבראָכן האַרץ אָן די ווערטער פון די אַלטע אבות, און פאַרשיכּורנדיק זיך מיט זיי, שטאַמלט מען: „גאָט קען אין זיין חסד יעדן טאָג שיקן משיחן; דאָך, אַלס באַלוינונג פאַר די בני-ישראל, וועט ער אים זיכער שיקן אין יענעם טאָג, ווען זיי וועלן האָבן דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון טרייקייט צו דער תורה שבכתב און תורה שבעל-פה און די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער הייליקייט" (נתן בירנבוים). די אמתדיק פרומע, וואָס זענען פעסט אין גאָט, ווייסן גאַנץ גוט, וואָס זיי קענען דערוואַרטן פון אַזעלכע רעליגיעזע נאָכאַמונגען אינעווייניק פון יידישן מאָדערניזם. זיי שפּירן דאָס אַלס אַ חילול-הקודש.

אָט די אַלע פּראָבעס פון אויפלעבונג, וואָס האָבן זייער יסוד אין דער שלויהייט פון נאַציאָנאַלן אינסטינקט און באַווייזן על־פי-רוב ווי גרויס דער חורבן איז — ווייל דער פלייס און דער אונטערנעמונגסחשק אין גאָט-זוכעניש שטייען געוויינלעך אין אַ גלייכער פאַרהעלטעניש

צום גאָט־פאַרלירן; זיי פאַרשטאַרקן זיך, וואָס מער מען דערפילט די אומזיכערקייט, וואָס מער מען ווערט דערווייטערט פון גאָט, און פירן בלויז צו פאַרשלייערן די פוסטקייט און ברענגען אַלס רעזולטאַט אַ פּאָזע מיט די שטיק פון פאַלשער חשיבות. ווייל עס איז נישט אָ קיין סוראָגאַט פאַר דער רעליגיע; איז דאָך די רעליגיע די ריינקונג פון אַלעם, וואָס איז סוראָגאַטיוו אין לעבן־בכן, אויב דער גלויבן איז אָפּגעשטאָרבן, דאַן איז שוין פאַר דער רעליגיע נישטאָ קיין ווייטערדיק לעבן. גאָט האָט נישט קיין יורשים.

די ביישפּילן פון דער היסטאָריע פון אַנדערע רעליגיעס, וואָס האָבן באַשטעטיקט זייערע רעפאָרמאַציעס אַלס די פאַריינגערונג פון רעליגיעזן גייסט, לאָזן זיך נישט אָנווענדן אויף דער יידישער רעליגיע: דערפאַר, ווייל זי איז אַ געזעץ־קאָנסטיטוציע און נישט קיין אידעאָלאָגיע. איר באַלעבונג וואָלט געמוזט זיין אַ באַלעבונג פון די מצוות־המעשיות, פון דער קראַפט פון דין. אָפּגעריסן פון די מצוות־המעשיות און פון דין, קען דער רוח־היהדות, וואָס ווערט אַזויפיל דיספּוטירט, נישט צוריק אויפשטעלן די קאָנטינואיטעט פון אונזער אַלטן נאַציאָנאַלן אינהאַלט; די שפּאַלטונג בלייבט, און די רעפאָרמאַציע קען אפשר זיין אַ נייע שאַפונג — קיין רענעסאַנס אָבער נישט.

און דאָך קען מען פון די חורבות פון דער רעליגיע אָפּראַטעווען גרויסעס און ווערטפולעס פאַרן גלות. און דווקא גרויסעס און ווערט־פולעס פון דער אַזויגערופענער שאַלעכץ: די נאַציאָנאַלע לעבנספאָרמען פון אונזער דינים־קאָנסטיטוציע וואָלטן געדאַרפט דערגרייכן נאַציאָנאַלע סאַנקציעס אויך פאַר נישט רעליגיעזע יידן, וואָלטן געדאַרפט ווערן אַ נאַציאָנאַלע התחייבות. און אויך פיל פון די דינים, וואָס גרענעצן אונז אָפּ נאַציאָנאַל, וואָס שיצן אין אַ געוויסער מאָס אונזער פאָלקס־אָפּגעזונדערטקייט דורך אויפשטעלן שיידוואַנט צווישן אונז און אונזער אַרומיקער וועלט, און פאַרמינערן די מעגלעכקייט פון דער אַסימילאַציע־יאָ, די אַלע כללים, וואָס קענען אונז דערהאַלטן אַ נאַציאָנאַל געטאָ אין דער פרעמדער אַרומיקער וועלט, דאַרפן מיר גערן אָננעמען. מיר

דאַרפן זיי אָפּראַטעווען. מיר מוזן זיך פאַרשטעלן אַלע וועגן פון נאַציאָנאַלער איינבירגערונג אין פרעמדן פאָלקסטום, מיר מוזן בכיוון אויסמיידן אַלע טויערן פון אויסגלייכן זיך מיט אַנדערע און צו פאַרגלייכן זיך צו אַנדערע.

פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט, באַקומט אונזער אַלטע אינסטיטוציע, די ישיבה, אַ געוויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג. דערציענדיק אירע תּלמידים צו פאַרזינקען דעם גאַנצן מענטשן אין יידישקייט און צו בלייבן וועלט-פרעמד לגבי דער פרעמדער אַרומיקער וועלט, האָט די ישיבה זייער פיל אויפגעטון ביים דערהאַלטן אונזער פאָלקסטום. אויך דערדאָזיקער היסטאָרישער אינסטיטוט מוז אָפּגעראַטעוועט ווערן אין אַ נייער פאָרם.

חורבה פון דער שפראַך. מיר באַהאַלטן נישט פאַר זיך, אַז אַפילו דורך דער מעגלעך גרעסטער נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג וועט די העברעישע שפּראַך קיינמאָל נישט צייטיק ווערן ביז צו אַ פאָלקסשפּראַך אין גלות; זי קען נישט ביישטיין דעם כּוח פון דער לאַנדשפּראַך. און דאָך מוזן מיר זי שטעלן אין צענטער פון אונזער נאַציאָנאַלער אַרבעט. אויף וויפל עס איז אונז נאָר מעגלעך, מוזן מיר איינטאַמעווען די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, און קודם-כּל אויף דעם געביט מוזן מיר בויען אַ בריק צווישן גלות און ארץ-ישראל.

פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט, איז דער קאַמף קעגן יידיש אין די גלות-לענדער אָפּט אומבאַטראַכט און נישט גערעכט. געוויס אַנטהאַלט דער זשאַרגאָן אַ נאַציאָנאַלע סכנה אין זיך, אויף וויפל ער ווערט דערהויבן צו אַ קולט. דער יידישיזם אַלס אידעע, אַלס אַנטיהעברעיזם, נישט יידיש אַלס פאָלקסשפּראַך, האָט אַ שטריך, וואָס מיר געפינען אים אויך אין דער אַנטשטייונגס-געשיכטע פון דער ערשטער צייט פון קריסטנטום. די ערשטע יידן-קריסטן האָבן געטון זייערע מעשים מחמת דעם גוטן רצון, צו פאַרלייכטערן די יידישקייט און דורך הנחות און צופּאַסונג צו מאַכן זי מעגלעך אויך פאַר די אונטערשטע פאָלקסשיכטן, פאַרן עם-הארץ. זיי זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער שטרענגקייט פון די חכמים און סופרים, וואָס האָבן, פאַרקערט,

די יידישקייט נישט געלאָזט אַראָפּנידערן צום עם־הארץ, נאָר דערהויבן אים צו יידישקייט דורך דער דערציונג פון געזעץ. אויך די יידישיסטן מיינען, אַז זיי וועלן דאַדורך קענען ראַטעווען די יידישקייט, וואָס זי, באַפרייט פון יאָך פון העברעישער קענטעניש און טראַדיציע, וועט זי פאַר די פאָלקסמאַסן ווערן לייכטער און באַקוועמער און וועט גיכער זיין צוגעפּאַסט פאַרן עם-הארץ; דערפון נעמט זיך דער דערפאָלג און די פּאָפּולערקייט פון יידישיזם. אָבער דורך דערדאָזיקער פאַרלייכטערונג, דורך דעמדאָזיקן אָפּזאָגן זיך פון אונזער היסטאָרישער שפּראַך, וועט דאָס גלות-יידנטום אָפּגעריסן ווערן פון ארץ-ישראל-יידנטום פון דער צוקונפט, און פונקט ווי דאָס פּאָפּולערע דעמאָקראַטישע קריסטנטום אַמאָל, וועט זיך דאָס אויך אויסבילדן אין אַ נייער פאָרם פון יידישקייט, — אויב עס האָט איבערהויפּט אַ צוקונפט. און דאָך איז דער ווייטערדיקער קיום פון זשאַרגאָן אַ געבאָט פון נאַציאָנאַלער חכמה: ער דערפילט די פונקציע פון אַ נאַציאָנאַלער שיידוואַנט צווישן אונז און די איבעריקע פעלקער. עס איז נאַריש צו דערמאַנען זיין ממזרשע אָפּשטאַמונג, זיין פרעמדע מאַמע. מיר מוזן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס ער איז אין גלות געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער דיפערענצירונגס-מאָמענט.

מיר מוזן זיך זאָרגן וועגן אים. אמת, ער גרויסט זיך נאָך דערוויילי מיט זיין פּאָזיציע אין דער איצטיקער צייט; ער כאַפּט זיך נישט, אַז מיטן פאַלן פון די לעצטע געטאָ-מויערן אין מזרח שטייט אים פאָר די גרעסטע סכנה. די רעאַליטעט פון יידיש איז פיל שוואַכער, ווי די רעאַליטעט פון העברעיש. העברעיש האָט זיך דערהאַלטן אַ פּלאַץ מחוץ דער אַלטעגלעכער ווירקלעכקייט און לעבן איר, אין דעם יידנס שבת-נשמה, אין קדושה און יום-טובדיקייט, אַלס שפּראַך פון תפילות, פון ברכות, פון מצוות און קודם-כל אַלס שפּראַך פון דער תורה, פון ספר: זי האָט נישט קאָנקורירט מיט דער אומגאַנגס-שפּראַך און איז געבליבן אומאָפּהענגיק פון דער „יידישער גאַס". דאַקעגן, זשאַרגאָן איז בעצם די שפּראַך פון אַלטעגלעכן לעבן, און דעריבער איז זיין שיקזאַל געבונדן מיט דער געטאָ-גאַס: וועט זי פאַרשווינדן, מוז ער אויך פאַרשווינדן. ער האָט נישט גענוג ווירקלעכקייט, כדי צו

קענען קאָנקורירן מיט דער שפּראַך פונם אַרומיקן לעבן, ער האָט אויך נישט דעם כּוח און די חשיבות פון הייליקייט, פון קדושה, פון היסטאָריש־נאַציאָנאַלן, כּדי זיך צו ראַטעווען אַ פּלאַץ אין דער יידישער נשמה מחוץ די פרעמדע שפּראַכן און לעבן זיי. ער מוז דעריבער אָנקומען צו בּכּיוונדיקע, פאָרויס אָנגעצייכנטע דערהאַלטונגס־מיטלען, צו אַ מין נאַציאָנאַלער שטיצע. העברעיש און יידיש דאַרפן ביידע אין גלות קינסטלעך אַנטוויקלט ווערן, ד. ה. אַלס ווידערשטאַנד קעגן דער פרעמדער רעאַליטעט. ביידן איז דאָ באַשערט איין שיקזאַל: זיי זענען אינסטרומענטן פון נאַציאָנאַליזירונג אין אַן איבערגאַנגסצייט. זיי האָבן אָבער דאָ נישט קיין נאַציאָנאַלע צוקונפט.

אַ חוץ דעם נאַציאָנאַלן אייגענעם ווערט, האָט דאָס אָפּהיטן יידיש אַ גרויסע באַדייטונג, וואָס דאַרף נישט אונטערגעשאַצט ווערן, אַלס דאָס אָפּהיטן פון אַ פאָלקלעכן אָפּזונדערנדיקן און אָפּגעזונדערטקייטס־מאָמענט אויפן געביט פון די *אונטערוועגס־אויפגאַבן*.

בכן באַטייליקן זיך העברעיש און יידיש בשותפות אין דער אָפּאָזיציע קעגן דער פרעמדער לאַנדשפּראַך. אונזערע אַלטע פאָלקספירער, אונזערע חכמים האָבן אין זייער נאַציאָנאַלער ווייטזעוודיקייט ריכטיק אָפּגעשאַצט די גרויסע סכּנה, בשעת זיי האָבן פון צייט צו צייט גוזר געווען געוויסע פאַרבאָטן וועגן לערנען די לאַנדשפּראַך. פון איגנאָרירן די לאַנדשפּראַך קומט אונז, נאַטירלעך, אַרויס פיל שאָדן אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. אָבער מיר מוזן ברענגען דידאָזיקע מאַטעריעלע קרבּנות צוליב אונזער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג, מיר מוזן אַלע מעגלעכע שוועריקייטן לייגן אין וועג פון אינערלעכן אָנשליסן זיך צום פרעמדן שפּראַך־כּלל. מיר מוזן טון וואָס נאָר מעגלעך קעגן דעם היימיש־ווערן אין דער פרעמד־נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. מיר טאָרן נישט, נישט זיך און נישט אונזער קינדער, פאַרלייכטערן דעם דערפאָלג אין לעבן אויפן חשבון פון אונזער פאָלקסטום.

* *
*

אין גלות לעבן מיר אין אַ נאַציאָנאַלן קריגסצושטאַנד און אין אונזער קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ מוזן מיר באַנוצן אַלע מיטלען, און זיך נישט אָפּשרעקן אפילו פאַר לית-ברירה־מיטלען. מיר מוזן באַרייכערן אַלע נאַציאָנאַלע ווערטן. אויך נאַציאָ־נאַלע קלייניקייטן, ווי עס הייסט אויף העברעיש „קדשים קלים״ פון דער נאַציע, באַקומען אין אַזאַ לאַגע אַ גרויסן ווערט-פּונקט. ווי יעקב, געיאָגט פון עשון, האָט נישט געוואָלט מפקיר זיין אפילו די קליינע קריגעלעך, אַזוי מוזן מיר אויך אין קלוגער פאַרזיכטיקייט אָפּהיטן די קליינע נאַציאָנאַלע כלים: מיר זענען אונטערוועגס.

אינדערפרעמד זענען מיר פאַראורטיילט דערצו, אַז מיר מוזן זיין ממש קליינלעך אין נאַציאָנאַלן זין. מיר קענען אין דער הינזיכט נישט זיין פאַרשווענדעריש, מיר קענען זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס פון אַנטווערטונג און נייע באַשטימונגען, וואָס מיר וועלן דאַרפן דורכפירן, בשעת מיר וועלן זיצן פעסט אויף אונזער ערד. מיר קענען אין גלות באמת נישט זיין שאַפעריש, מיר קענען נישט אַרומבויען אָדער פון דאָסניי בויען און מיר זענען געצוואונגען פאַרזיכטיק צו שוינען אויך פיל אַלטע און פאַרעלטערטע זאַכן. מיר מוזן גילטיק מאַכן א קריטעריום אָן אַ שום אינהאַלט, דאָס קריטעריום פון נאַציאָנאַלער פאַרמקראַפט. וואָס עס קען אונז נאָר פאַרמירן נאַציאָנאַל, דאַרף אונז זיין טייער.

אין דער נאַציאָנאַלער אַנאָמאַליע פון גלות מוזן מיר האָבן איינזען מיט פיל זאַכן, איינזען מיט דער לאַגע פון שטענדיקער סכנה, איינזען מיט דער שוואַכקייט, מיט דער וואַקלדיקייט, מיט דער קרענקלעכקייט. דאָפּלט און פילפאַכיק מוז מען איינזען האָבן: איינזען מיט אונז, וואָס מיר זענען אָן שום וואָרצלען, איינזען מיט די אַנדערע, וואָס זענען פאַרוואָרצלט, וואָס צווישן זיי לעבן מיר און וואָס מיר

דאַרפן זיי נאַציאָנאַל נישט שטערן. אָט דאָס זענען עס טאַקע די „מצוות התלויות בחוץ לארץ״, די געבאָטן, וואָס מיר מוזן אָפּהיטן אינדערפרעמד. דאָס זענען עס טאַקע די לאַסטן פון אַ נאַציאָנאַלער אויסנאַם-לאַגע, די שוועריקייטן פון דער גלות-עקזיסטענץ. עס איז נאַריש צו פאַרלאַנגען, אַז אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין צושטאַנד פון נאַציאָנאַלער אומנאָרמאַלקייט, זאָל לעבן לויט דער נאָרם פון טעריטאָריאַלע נאַציעס. אין אונזער קאַמפּלאַגע מוזן מיר אָנקומען צו אומגעווינלעכע שוצמיטלען; ווי געזאָגט, מוזן מיר נעמען אויף זיך געזעצן פון אַ קריגסצושטאַנד. מיר זענען אין גלות און מיר מוזן ליידן, מיר זענען אונטערוועגס און קענען זיך נישט מאַכן אַזוי באַקוועם. און דאָס איז טאַקע אונזער טרייסט: מיר זענען אונטערוועגס.

# קאַפּיטל זעקס

## העראָישע עקזיסטענץ־פאָרם.

די העראָישע עקזיסטענץ-פאָרם.—די באַקאַנטמאַכונג פון דער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש. — יידישע קריגסהעלדן. — דער רום-טיטל פון דער אויסיידישונג. — האַלבקייטן פון גלות-נאַציאָנאַליזם.—די נאַציאָנאַלע הנחה וועגן אַ גלות-מיסיע. — די גלות-פּאָליטיק פון אַלטן יידנטום.— די פאַרלייקענונג פון די אַסימילאַנטן. — די ירושה פון דער עמאַנציפּאַציע. — דער פאַרלעסטערטער מזרח-ייד,—די מאָראַלישע דעפענסיווע און אָפענסיווע. — די פאַרשולדונג פון דעם קריסטן-כּלל. — אונזערע אָנקלאָגעס.— צי זענען מיר פאַראַזיטן? — די דרייפאַכע פאָדערונג.— די דערהאַלטונג פון דער יידנפראַגע. — דער העראָישער כאַראַקטער פון דער גלות-עקזיסטענץ.—דער נאַציאָנאַלער סמאַנט.

-

איינע פון די וויכטיקסטע באַדערפעניש פון אונזער נאַציאָנאַלער קעגנוואַרטס-אַרבעט איז די אַקטיווע דעמאָנסטרירונג פון אונזער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש און ווילן. דער געביט פון דידאָזיקע אויפגאַבן איז כּולל אַ צווייטע באַדערפעניש, וואָס קען באַצייכנט

ווערן אַלס דעמאַסקירונג, אַלס אַפּלייקענונג פון דער אַסימילאַציע.

דעמאָנסטרירונג פון אונזער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש און ווילן. אייניקע פון דידאַזיקע מאָמענטן זענען שוין אפילו באַטראַכט געוואָרן אין פערטן קאַפּיטל, אָבער אַ פולע באַלייכטונג קענען זיי דערגרייכן ערשט אויף דעם פּלאַץ אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריקע מאָמענטן פון דער נאַציאָנאַלער מאַניפעסטאַציע.

קודם־כל מוזן מיר אויסקעמפן אונזער אָנערקענונג און אונזער גילטיקייט אַלס נאַציאָנאַלער פרעמדקערפּער, אַלס אַ לעבעדיקער פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס וויל זיך פון זיין פרעמדקייט נישט אָפּזאָגן און איז גרייט צו ליידן פון די גערעכטע חסרונות פון פרעמדקייט אין נאָמען פון יידישקייט.

משה מענדעלזאָן האָט געזאָגט: „אויב די בירגערלעכע פּאַריי־ניקונג איז נישט צו באַקומען אונטער קיין שום אַנדער באַדינגונג, נאָר סיידן מיר וועלן אָפּטרעטן פון די דינים, וואָס מיר האַלטן נאָך אַלס התחייבות פאַר אונז, דאַן טוט עס אונז באמת לייד, אָבער מיר האַלטן פאַר נויטיק צו דערקלערן: אויב אַזוי, ווילן מיר זיך שוין ליבערשט אָפּזאָגן פון דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. מיר זענען נישט אימשטאַנד אין דעם פּונקט נאָכצוגעבן". אַן ענלעכע דערקלערונג מוזן מיר אָפּגעבן אין באַצוג צו דער שטילשווייגנדיקער אָדער אַרויסגעזאָגטער באַדינגונג פון אַ נאַציאָנאַלער קאָנצעסיע.

מיר מוזן ציען אַלע קאָנסעקווענצן פון דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער דעקלאַראַציע. אונזער באַקענטעניש דאַרף זיין אויפריכטיק און פול־ווערטיק. אויך דאָ ווייזן מיר קודם־כל אָן אויף די אויספירונגען פון פערטן קאַפּיטל.

וואָס פאַר אַ הויכע מדרגה האָט שוין געמוזט דערגרייכן די נאַציאָנאַלע דעגענעראַציע, אַז אפילו נאַציאָנאַלע יידן קענען זיין דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע פּאַטריאָטן, אָדער קענען מאַכן דעם אָנשטעל אַלס אַזעלכע? אַז אפילו זייערע הערצער לויפן איבער פאַר שמחה, בשעת אַ וואָרט פון אַ קייזער אָדער אַ וואָרט פון אימפּער־

יאַליסטישע דעמאָקראַטיעס באַגליקט אונז מיט דער פאַרזיכערונג: פון איצט אָן האָבן מיר שוין בלויז דייטשן! פון איצט אָן האָבן מיר שוין בלויז פראַנצויזן! וואָלטן מיר נישט באַדאַרפט אָננעמען אַ באַליידיקטע שטעלונג קעגן דידאָזיקע ווערטער און פרעגן: נו, און יידן? איז שוין פון איצט אָן נישטאָ קיין יידן?

און וואָס קומט אונז אַרויס פון די יידישע העלדן אין פרעמדע מלחמות? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס יידנטום מיט זייערע פרעמדע אָרדנס, מיט זייערע אייזערנע קרייצן אָדער מיט די קרייצן פון הייליקן געאָרג אָדער פון דער הייליקער אַנאַ? דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין שום גרונט זיי אויסצוצייכענען מיט יידישע אָרדנס. זיי זענען נישט אונזערע, זיי זענען נישט קיין יידישע העלדן.

פיל יידישע און נישט יידישע פאָרקעמפער פאַר דער יידישער עמאַנציפּאַציע האָבן מיט צופרידנקייט דערציילט פון אונזערע העלדן, פון די פרייוויליקע, און האָבן געשריבן אַן ערך אין אַזאַ מין טאָן: „דורך די נשמות פון די יידן גייט דורך אַ שטאַרקער ווילן: איצט קעמפן מיר זיך אַרויס פון פערטל-בירגערטום, פון דעם צושטאַנד פון אויסלענדער, און גייען אַריין אין דער פולער בירגערשאַפט. איצט קענען און ווילן מיר ווייזן, אַז מיר ליבן הייס אונזער פאָטערלאַנד נישט ווינציקער, ווי אַלע אַנדערע. מיר ווילן אָנשטרענגען אַלע קרעפטן צו לעבן און צו שטאַרבן פאַר דער ליבער היים, אָבער אויך צו פאַרשאַפן נייעם כבוד דעם נאָמען פון די אבות, וואָס איז אַזוי פיל געלעסטערט געוואָרן. איצט וועלן מיר זיי אַלעמען ווייזן"... צי האָבן דידאָזיקע קעמפער פאַר אונזער גלייכבאַרעכטיקונג נישט באַמערקט, אַז זיי באַרעדן בלויז די יידישע העלדן? וואָס פאַר אַ מאָראַלישן ווערט האָט דאָס העלדנטום, וואָס קומט פאָר בלויז לשם דעם העלדנ-טום גופא, וואָס וויל ווייזן, אַז מען קען זיין העלדיש, וואָס נעמט זיך פון אַ קלוגער אויסרעכענונג פון עפעקט, כדי צו אימפּאָנירן אָט יענע און אויסצופועלן אַלם פרייז דערפאַר די פולע בירגערשאַפט — אַ העלדנטום, וואָס וויל איינקויפן גלייכבאַרעכטיקונג?

פיל יידישע צייטונגען האָבן געוואוסט צו דערציילן פון גרויסע גבורות פון יידישע סאָלדאַטן. אַ יידישער סאָלדאַט, וואָס האָט אין אַ פיינטלעכן סאָלדאַט דערקענט אַ יידן, איז אויף אַ רגע געוואָרן נישט זיכער און זיך אַ וואַקל געטון מיט זיין געווער, אָבער באַלד איז אים געקומען צום באַוואוסטזיין זיין פליכט — און ער האָט דעם „פיינט״ דערהרגעט; פאַר דערדאָזיקער טאַט איז ער באַלוינט געוואָרן מיט דעם אייזערנעם קרייץ פון צווייטן קלאַס... אַ צווייטער באַריכט דערציילט פון די העלדישע מעשים פון אַ יידישן סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך מוטיק געוואָרפן אויף פינף פיינט, וואָס ער האָט פלוצלונג דערזען, דריי פון זיי דערשטאָכן, נאָכגעיאָגט די איבעריקע צוויי אַנטלויפנדיקע, ביז ער האָט דעם פערטן דערשטאָכן, און אַזוי ווי זיין באַגנעט איז צעבראָכן געוואָרן, האָט ער דעם פינפטן דערשטיקט מיט די הענט... יידישע העלדן?

וואו איז אַהינגעקומען דער אַלטער יידישער מוט, וואָס האָט אַזאַ מין העלדישקייט אָפּן געשענדעט? וואו איז די מינע פון דער יידישער נשמה־אַריסטאָקראַטיע, וואָס זאָל אָפּוואַרפן דעם לויב פון אונזערע נייעסטע העלדישע מעשים? און חנפהט מען אונז אונטער? די מאָדערנע יידן האָבן אין דער מלחמה פאַרשאַפט נייעם כבוד דעם נאָמען פון זייערע אבות, וואָס איז אַזויפיל געלעסטערט געוואָרן — צי וואָלטן מיר נישט געדאַרפט שטאָלץ און אויסגעגליכט ענטפערן: ניין, זיי האָבן נישט פאַרשאַפט קיין נייעם כבוד דעם נאָמען פון אונזערע אבות, וואָס איז אַזויפיל געלעסטערט געוואָרן. אונזערע אבות נויטיקן זיך כלל נישט, מען זאָל זייער כבוד ראַטעווען. זיי זענען געווען העלדישער, ווי זייערע מאָדערנע זין, וואָס ווײַזן העלדישע מעשים, אויס מורא, מען זאָל זיי נישט זידלען אַלס פחדנים. אונזערע אבות האָבן גאָרנישט רעאַגירט אויף דעם פאַרוואורף פון פחדנות. זייער ערע־געפיל און זייער ערן־באַגריף האָט עס זיי נישט דערלאָזט. עס האָט זיי אויך נישט געאַרט, בשעת מען האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין ערע: זיי זענען מאָראַליש געשטאַנען צו הויך איבער זייער אַרומיקער וועלט, אַז דידאָזיקע זידלערייען זאָלן זיי קענען באַרירן,

זיי קענען באַליידיקן. און נישט בלויז פּראַקטיש האָבן זיי געהאַט צו זייערע נעבעכדיקע לעסטערער, זיי האָבן אויך געהאַט דאָס געפיל פון רחמנות און מיטלייד צו זיי. יעדנפאַלס זענען זיי נישט געווען אַזוי שרעקעוודיק און האָבן זיך נישט באמת אויסצונעמען, זענען נישט געווען אינערלעך נישט זיכער און האָבן נישט אַזוי געציטערט איבער דער מיינונג פון אַנדערע, ווי די מלחמה-גיבורים פון די מאָדערנע יידן. צי וואָלטן מיר, נאַציאָנאַלע יידן, נישט געדאַרפט זיך אָפּטרייסלען פון דער נייער מעלה, וואָס מען וויל פּלומרשט אַנטדעקן אין אונז, און דערקלערן פאַר דער גאַנצער וועלט: דאָס יידנטום האָט נישט קיין סיבה צו שטאָלצירן מיט זיינע מלחמה-העלדן, ערשטנס, קעמפן זיי נישט לטובת דעם יידנטום, זיי קעמפן לטובת דעם דייטשנ-טום, לטובת דעם פראַנצויזנטום, א. אז. וו. זיי קעמפן נישט קעגן די שונאים פון יידנטום, נאָר קעגן די שונאים פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך א. אז. וו. מען קען אפילו אָננעמען, אַז אַ היפּשער טייל פון די דאָזיקע העלדן זענען גאָר פאַררעטער פון יידנטום, וואָס אַזוי ווי פּחדנים לאָזן זיי אונז איבער אַליין אין אונזער שווערן קאַמף פאַר אונזערע נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; זיי וואַרפן אַוועק זייערע פאָנען און אַנטלויפן, זיי לויפן אַריבער צום שונאס לאַגער, זיי זענען יידישע דעזערטירן: אַסימילאַנטן. צי קענען די דאָזיקע העלדן פון די פרעמדע לעגיאָנען זיין פאַר אונז אַ כּבֿוד? צווייטנס, דאָס מלחמה-העלדנטום איז גאָר פרעמד דעם יידן. געוויס זענען אונזערע אבֿות מיט טויזנטער יאָרן צוריק געווען טיכטיקע אנשי-מלחמה. אָבער מיר האָבן זיי צוליב דעם נישט אַרומגערינגלט מיט אַ שיין פון לויב און רום. ווי מאַכט רש״י צום פּסוק „ויירא יעקב מאד", „ער האָט מורא געהאַט צו טויטן און ער האָט מורא געהאַט געטויט צו ווערן"... אין אונזער היסטאָרישן באַוואוסטזיין לעבט די פאַרהערלע-כונג פון אַנדערע העלדישע מעשים פון אונזערע אבֿות, פון די מעשים פון אונזערע קדושים.

מיר, די היימלאָזע, קענען אין גלות זיך נאָך פילן אַ ביסל היימיש נאָר אויפן באָדן פון פּאַציפיזם, און אין די אינטערנאַציאָנאַלע

מענטשהייטס-אידעאַלן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז צווישן די אומצייטיקע רכילותן, וואָס ווערן וועגן אונז פאַרשפּרייט, פעלט די באַשולדיקונג, אַז מיר האָבן חשק צו מלחמה. די מלחמה-אידעאָלאָגיע איז אונז געבליבן פולשטענדיק פרעמד. מיר זענען אין דעם פּונקט אַזוי ווייט אָפּגעשטאַנען, אַז מיר זענען נישט אימשטאַנד צו באַגרייפן דעם פאַקט פון מלחמה. אמתע יידן שטייען פאַר דעמדאָזיקן פענאָמען, ווי פאַר עפּעס, וואָס איז נישט מעגלעך תּופס צו זיין און קענען אַבסאָלוט נישט פאַרשטיין די אומאויפהערלעכע ווירקלעכקייט פון דער פעלקער-מאָרדונג, איר געשיכטע און איר לאָגיק. מיר וואָלטן אָפן געקענט מודה זיין, אַז מיר באַזיצן נישט די אָפּפּערוויליקייט צו מלחמה. יאָ, מיר האָבן מורא פאַר בלוט, מיר טרעטן אָפּ צוריק אין שרעק פאַר בלוט-פאַרגיסונג. מיר קענען דערצו גאָרנישט העלפן. מיר האָבן עס געירשנט פון אונזער רעליגיע, זי האָט עס אונז דערצויגן אַזעלכע „שוואַכ-האַרציקע". אונזערע נביאים האָבן אין אונז איינגעפּלאַנצט אַ יראת-הכּבוד, וואָס קען נישט בייגעקומען ווערן, פאַר אונזער חבר, דעם צווייטן מענטשן, פאַרן צלם-אלהים; אונזערע חכמים וסופרים האָבן אונז געלערנט צו האַלטן הייליק דאָס לעבן און האָבן אונז פאַראָרדנט זיך צו באַציען מיט דער גרעסטער שוינונג צו יעדן לעבעדיקן וועזן. מיר קענען גאָרנישט העלפן דערצו, וואָס דער שווערד ציטערט אין אונזער האַנט, וואָס מיר זענען „ווייכהאַרציק" און עס גרוילט אונז אפילו פאַר צער-בעלי-חיים, און סוף-כּל-סוף האָבן מיר שוין זייט צוויי טויזנט יאָר פאַרגעסן, ווי מען באַנוצט זיך מיט געווער. מיר זענען אין דער מלאכה פון מאָרדן נישט געאיבט. דער שפּיז פון די האָרדן און דער ריטערלעכער שווערד זענען נישט געווען אונזערע כּלי-זיין אין דער מלחמה פאַר אונזער עקזיסטענץ, און אויך נישט אונזער צירונג. מיר זענען פון זינט צוויי טויזנט יאָר אין דער מלחמה-געשיכטע פון דער מענטשהייט די פאַסיווע, די פאַרפאָלגטע, די, וואָס מיט זיי האַלט מען מלחמה. און זינט צוויי טויזנט יאָר זענען מיר די שוצלאָזע, די געווערלאָזע, היינט פונוואַנען זאָל זיך צו אונז פלוצלונג נעמען מלחמהדיקער העלדנגייסט?

ניין, — זאָגן מיר צו די פעלקער, — אויב די יידן האָבן זיך אין דער מלחמה געהאַלטן אַלס העלדן און אויב העלדישקייט אין דער מלחמה איז אַ מעלה, אַזוי דאַרף דידאָזיקע מעלה פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון אייער קולטור, וואָס אין איר זענען דידאָזיקע יידן אויפגעוואַקסן און אין איר איינגעשמידט געוואָרן, און נישט אויפן חשבון פון יידנטום, וועמען זי איז לגמרי פרעמד. אַזוי איז עס די מעלה פון דער אַסימילאַציע, וואָס זי האָט זיך פאַרשאַפט אַ רום-טיטל פון דער אויסיידישונג. דאָס יידנטום באַדאַרף זיך נישט צו פוצן מיט פרעמדע פעדערן. און בשעת מען מאַכט אונז דער קאָמפּלימענט און מען זאָגט: אָט האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פאָראורטייל, אַז די יידן זענען מיליטעריש מינדער-ווערטיק, — אַזוי האָט מען זיך אייגנטלעך אָפּגעזאָגט פון דעם פאָראור-טייל, אַז מיר זאָלן נאָך זיין אמתע יידן, ווי אונזערע אבות. די אמתע יידישקייט האָט אַנדערע כלי-זיין צום קאַמף. יידישקייט ווייסט פון אַן אַנדער פעלד פון ערע: פון שייטערהויפן, פון אויטאָדאַפע. יידישקייט ווייסט פון אַן אַנדער העלדנטום. פון אַ שטילן העלדנטום: פון טוים, כדי צו בלייבן טריי דער אמונה, פון אַ באַקענטעניש, כדי מקדש צו זיין דעם שם-השמים; דאָס העלדנטום, פון יענע יידן, וואָס אַז מען האָט זיי פאַרגעלייגט, זיי זאָלן אָנווייזן אויף איינעם צווישן זיך, ווי אויף דעמיעניקן, וואָס זאָל האָבן געשאָכטן אַ קריסטלעך קינד, צוליב רעליגיעזע צוועקן, און אים אויסגעבן, האָבן זיי אויף דעמדאָזיקן פאַרשלאַג געענטפערט מיט אומברענגען זיך אַליין אין שול, אָבי נישט אַרויסצוגעבן אַן אומשולדיקן; דאָס העלדנטום פון די צעניאָריקע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן, וואָס זענען אין פאַרלויף פון פינף און צוואַנציק יאָר געפייניקט געוואָרן מיט די שרעקלעכסטע מיטלען לטובת דער נשמה פון קריסטנטום, און האָבן אויסגעהאַלטן; דידאָזיקע יידישע קינדער, וואָס האָבן געקענט ביישטיין אי די רייצנ-דיקע פאַרפירערישע נאַשערייען, אי די יסורים פון די שמיץ מיט ריטער, דידאָזיקע קליינע קינדער, אָבער גרויסע סבלנים, וואָס די מעכטיקע מלוכה פון צאַר האָט זיך מיט זיי נישט געקענט קיין עצה

געבן, — אַט וועלכע יידישע סאָלדאַטן אין פרעמדע אַרמעען זענען אונזערע העלדן געווען; דאָס העלדנטום פון די יידן אין קאָוונע (אין יאָר 1915), וואָס בשעת מען האָט זיי געגעבן די ברירה, זיי זאָלן אָדער צושטעלן אַלס ערובניקעס אייניקע פאָרשטייער פון זייער עדה, אָדער זיי זאָלן אַלע צוזאַמען פאַרטריבן ווערן, האָבן זיי זיך בעסער אויסגעוויילט דאָס לעצטע. באמת, דאָס יידנטום ווייסט פון אַן אַנדער סאָרט העלדנטום: די מאַרטירעריי פון אַ קליין פאָלק, וואָס שטייט שוין צוויי טויזנט יאָר קעגן אַ גאַנצער וועלט פון שונאים.

און נאָך מער וואָלטן מיר געמוזט זאָגן: אַז אַ ייד, וואָס איז טריי זיין פאָלק, קען זיין נאָר אַ יידישער פאַטריאָט און נישט קיין אַנדערער. מיר האָבן עס שוין איינגעזען: פון זינט מיר זענען אַ נאַציאָנאַלע איינהייט אין אַ סך וואוינלענדער, איז שוין פאַרן גלות-יידנטום נישטאָ קיין לאַנדגרענעצן און ממילא נישטאָ קיין גרענעץ-מחלוקת; בכן זענען די מלחמות פון די לאַנדפעלקער נישט אונזערע מלחמות, זייערע דיפערענצן זענען נישט אונזערע דיפערענצן. זייערע שונאים זענען נישט אונזערע שונאים. זייערע דעראָבערונגס-תאוות, זייערע פרעטענזיעס, זייערע קריגסצילן זענען נישט אונזערע. קעמפן זיי אויס אַ נצחון, איז עס נישט קיין נצחון פון יידנטום און מיר האָבן נישט קיין סיבה זיך צו פרייען מיט אים; ליידן זיי אַ מפלה, איז עס נישט קיין מפלה פאַרן יידנטום, און מיר האָבן נישט קיין סיבה צו טרויערן איבער דעם. גאַנץ אָפט זענען זייערע אינטערעסן אפילו גאָר אַ סתירה פאַר אונזערע אינטערעסן. בקיצור, די יידישע פּאָליטיק, אַלס די שיצונג פון די אינטערעסן פון אַ פאָלק, וואָס איז צעטיילט אין אַ סך לענדער, ברעכט דורך די גרענעצן פון דער מלוכה-פּאָליטיק פון דעם אָדער יענעם וואוינלאַנד אונזערן.

נאָר אַ דאַנק די האַלבקייטן פון דער יידישער אַסימילאַציע האָט, ווי מיר ווייסן, געקענט געשאַפן ווערן די סתירהדיקע פאָרמעל: מיר זענען יידן און דייטשע, פראַנצויזישע א. אַז. וו. פאַטריאָטן. נישט מער, וואָס אויך פיל נאַציאָנאַלע יידן הינקען נאָך אויף דעמדאָזיקן געפערלעכן באָדן פון די אַסימילאַנטן און קלאַמערן זיך אויך אָן

יענער קלוגער, וואונדער־אויפטוענדיקער פאָרמעל, וואָס וויל גלאַט און גינסטיק לייזן דאָס פיינלעכע פּראָבלעם פון דער דאָפּלטער טריישאַפט — פון טריישאַפט צום פאָלק, וואָס פון אים שטאַמט מען אַרויס און טריישאַפט צום אַדאָפּטירטן פאָטערלאַנד. אייגנטלעך איז עס דיזעלבע האַלבקייט. נישט מער, וואָס יענע זענען האַלבע אַסימילאַנטן און די זענען האַלבע נאַציאָנאַליסטן, און ביידע טרעפן זיי זיך צוזאַמען דאָרט, וואו כאַראַקטערפולע קלאָרקייט איז נישט באַקוועם: זייער דורכשניט־פונקט איז דער ווייטאַקדיקער פונקט פון פאַטריאָטיזם.

דאָס ענטוועדער – אָדער פון פּראָבלעם קען דאָך נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „פונקט ווי דאָס, אַזוי אויך יענץ". אָדער מיר בילדן אין אונזער טעריטאָריאַלער צעטיילטקייט איין גאַנץ פאָלק, וואָס האָט, אַ חוץ די לאַנדגרענעצן און אַ חוץ דער אינטערעסן־געמיינשאַפט פון די איינהייטלעכע פעלקער, זיין אייגענע נאַציאָנאַלע פאָליטיק; אָדער מיר זענען בלויז אַ רעליגיע־געזעלשאַפט: דייטשן, פראַנצויזן פון משהס גלויבן, און דעריבער קענען מיר זיין גאַנץ גוטע פאַטריאָטן. אָדער עס האָבן רעכט די אַנטיסעמיטן מיט זייער „רכילות", אַז מיר זענען אַן אינטערנאַציאָנאַלע נאַציע, אָדער עס וועלן שוין באַלד גערעכט זיין די פאָרשטייער פון דער סינאַגאָגע אין האַמערשטיין, אין מערב־פּרייסן, וואָס האָבן מיט צאָרן זיך אָפּגעזאָגט מקבר צו זיין אַ יידישן זעלנער פון פראַנקרייך: קען מען דאָך זיי באמת נישט פאַרשלאָגן, אַז מען זאָל אויפן יידישן בית-עלמין אין האַמערשטיין לאָזן מקבר זיין אַ שונא... האָבן אפילו נאַציאָנאַלע יידן שוין אַמאָל געוואַגט אַרויסצוזאָגן, אַז דער ייד אין לאַנד פון שונא שטייט אונז נענטער, ווי אונזערע כלי-זיין-ברידער, נענטער, ווי דער דייטש דעם דייטשן ייד, ווי דער פראַנצויז דעם פראַנצויזישן ייד?

* * *

עס איז צוגעפּאַסט צום דאָפּלטן זינען און צום דאָפּלטן שפּיל פֿון די אַסימילאַנטן, וואָס זיי פֿאַרגעסערן די מיסיע פֿון דער יידישער צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט און גלייכצייטיק זענען זיי זי מכשל. געוויס וואָלט דאָס יידנטום אַלס אינטערנאַציאָנאַל-צעשפּרייטע איינהייט געקענט דערפֿילן גרויסע אויפֿגאַבן. אַזוי האָט בשעת דער מלחמה דאָס יידנטום, אַלס נאַציאָנאַל צווישנגליד, געקענט דערפֿילן די אויפֿ־גאַבע פֿון בילדן אַ פֿאַרבינדונגסגליד צווישן די נאַציעס, וואָס זענען זיך שונאים געוואָרן. פֿאַר דערדאָזיקער מיסיע, וואָס ווערט אַזוי גערימט פֿון דער אַסימילאַציע, איז אָבער נויטיק איין באַדינג, וואָס באַשטייט דווקא דערין, אַז יידן זאָלן נישט זיין אַסימילירט. אַנדערש איז עס דאָן נישט קיין פֿאָלקסאיינהייט, און ממילא אויך נישט קיין צעשפּרייטקייט. די צעשפּרייטקייט ווערט דאַן צעשיידקייט. וואו האָט איר דאָ די מיסיע פֿון דער צעשפּרייטקייט, בשעת יידן שטייען איינער קעגן דעם צ׳נדערן אַלס פּאַטריאָטן פֿון זייערע באַלעבאַטים-פֿעלקער?

די גלות-פּאָליטיק פֿון אונזערע אבות האָט טאַקע נישט געוואוסט פֿון קיין אַנדער פּאַטריאָטיזם, אויסער פֿון יידישן. זיי האָבן געטרויערט איבערן נצחון פֿונם פֿאָלק, וואָס האָט געהערשט איבער זיי, אויב פֿאַרן יידישן כּלל פֿון אַן אַנדער לאַנד האָט ער באַדייט אַן אומגליק און פֿאַרקערט. זייערע סימפּאַטיעס פֿאַר פֿאָלק און לאַנד זענען געווען אָריענטירט אויסשליסלעך אין אינטערעס פֿון יידנטום. אָפּט האָבן זיך זייערע סימפּאַטיעס געצויגט נישט צו זייערע אייגענע וואוינלענדער, נאָר צו די וואוינלענדער פֿון זייערע פֿאָלקסבּרידער, אויב אין יענע פֿרעמדע לענדער איז די לאַגע פֿון די יידן געווען אַ בעסערע, אַ ווירדיקערע. דאָס לאַנד, וואָס האָט געגעבן שוץ זיינע יידן, האָט געמעגט זיכער זיין מיט דער ליבע פֿון דעם גאַנצן יידישן כּלל אין אַלע לענדער. דאָס לאַנד, וואָס האָט אונז אונטערגעדריקט, איז אויך

ביי זייערע אייגענע יידן געוועזן פאַרהאַסט. יעדנפאַלס האָבן מיר נישט געוואוסט פון קיין אַנדערע שונאים, אויסער פון שונאי-ישראל. אין אַ געוויסן זין איז עס אַזוי ווי עס זאָגט דאָס באַרימטע וואָרט: „וואו מיר איז גוט, דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד", נאָר פאָטערלאַנד ווערט דאָ געמיינט נישט פאָטערלאַנד ממש, נאָר איבערגעגעבנקייט צום פאָלק און צום לאַנד, די איבערגעגעבנקייט אין דער היימלאָזיקייט. דערפון האָט זיך געמוזט נעמען די פלאַכע מיינונג וועגן דער גרויסער פעאיקייט פון די יידן זיך צוצופּאַסן. דידאָזיקע צופּאַסונגס-פעאיקייט איז אָבער נישט, ווי מען איז געוויינט צו מיינען, אַ באַזונדערע פעאיקייט, וואָס דער ייד פאַרמאָגט. אונז איז אין גלות אָנגעקומען לייכט זיך צוצופּאַסן צו אַ נייער היים, ווייל מיר האָבן אין דער פריערדיקער היים נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען, און מיר זענען פון דאָרטן נישט אויס-געוואָרצלט געוואָרן, בשעת מיר האָבן אונזער וואוינאָרט געביטן. אין גלות האָבן מיר קיין לאַנד נישט באַטראַכט אַלס פאָטערלאַנד.

די מערב-יידן האָבן גאַנץ גוט מיטגעשפּירט די טראַגיק פון די רוסישע יידן, וואָס האָבן געמוזט זייער בלוט פאַרגיסן צוליב די צוועקן פון זייערע פייניקער; אויך האָבן זיי גוט געשפּירט די טראַגיק פון די רומענישע יידן, וואָס האָבן זיך געמוזט מוסר-נפש זיין, כדי זייערע ברידער אין בעסאַראַביע זאָלן פאַרלירן זייערע רעכט; זיי האָבן אָבער נישט דערקענט זייער אייגענע טראַגיק, וואָס זיי האָבן געמוזט קעמפן פאַר פרעמדע קריגסצילן און אפשר—און אַפילו אויב נאָר אפשר, — קעגן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק אין גלות און קעגן די לעבנס-אינטערעסן פון זיין נאַציאָנאַלער צוקונפט. ס׳איז גענוג צו דערמאַנען די דייטשע אָקופּאַציע אין די יידישע שטעטלעך און ארץ־ישראל...

דאָס יידישע געפיל איז שוין אַזוי פאַרטעמפּט, אַז מיר שפּירן עס שוין נישט מער אַלס גרויזאַמקייט, בשעת מען צווינגט אונז — אַך, מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט, אַז מיר טוען עס פרייוויליק — צו קעמפן אַ ברודער קעגן אַ ברודער. אונזער זינען איז נאַציאָנאַל אַזוי דעזאָריענ־טירט, אַז מיר שפּירן שוין נישט מער די חרפה, בשעת מען לויבט

אונז, אַז מיר זענען טיכטיקע קריגסלײַט און בשעת מען באַטראַכט אונז נישט אַלס פֿאָלקספרעמדע און מען פֿאַרטרויט אונז הויכע מיליטערישע אַמטן. אונזערע אבות האָבן דעם צוואַנג פֿון מיליטערדינסט ביי יידן באַטראַכט אַלס אַן עוולה און האָבן געוואָלט זיך בעסער אָפּזאָגן פֿון געוויסע רעכט, איידער צו קויפֿן דידאָזיקע פֿליכט, וואָס גראָבט אונטער אונזער פֿאָלקסאיינהייט אין גלות. דערויף קלאָגט דאָס פֿאָלקסליד: „צוליב משיחס שולד, וואָס ער קומט נישט, איז מיין זון אַ זעלנער געוואָרן".

מען האָט אונז צווישן אַנדערעס פֿאַרגעוואָרפֿן און מען וואַרפֿט אונז נאָך פֿאַר, אַז מיר באַמיען זיך אויסצומיידן צו דינען אויפֿן פֿראָנט. מיר, נאַציאָנאַלע יידן, האָבן נישט קיין סיבה אָפּצוענטפֿערן אויף דערדאָזיקער באַשולדיקונג. אַ קלענערע מאָס פֿון מלחמה־באַגייסטערונג ביי יידן קומט אונז פֿאַר גאַנץ נאַטירלעך און דאַרף אין קיין פֿאַל נישט באַדויערט ווערן. אין פֿאַל, אַז מען וועט אונז געבן פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג און זי וועט ערלעך דורכגעפֿירט ווערן, וועט מען דאַן מעגן פֿאַרלאַנגען פֿון אונז, מיר זאָלן קאָרעקט דערפֿילן אונזערע פֿליכטן, אָבער מען קען פֿון אונז נישט פֿאַרלאַנגען קיין באַגייסטערונג. מען מוז אונז שוין מוחל זיין, אויב מיר זענען אַביסל קיל, בלייבן אַ ביסל הינטערשטעליק; מען מוז האָבן אַ ביסל איינזען מיט אונזער אינערלעכן און אויסערלעכן קאָנפֿליקט און זיין ווייי. ווען עס וואָלט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז בנוגע צו מלחמה־לוסט און מלחמה־פֿלייס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן יידן און נישט יידן, וואָלטן מיר זיך דערמיט געמוזט אַ ביסל שעמען; און אויב עס וועט פֿעסטגעשטעלט ווערן, אַז עס איז יאָ דאָ אַ חילוק, אַז מיר זענען נישט אַזעלכע ריכטיקע קריגסלײַט און פֿרייען זיך אויך נישט שטאַרק מיט מלחמה— וועלן מיר דאָס אָננעמען מיט צופֿרידנקייט. און סוף־כל־סוף איז עס נאָך אַ פֿראַגע, צי דערין, וואָס יידן גיבן אַרויס פֿרייוויליקע צו מלחמה, ליגט נישט פֿאַר אונז אַ גרעסערע שולד, ווי אין די אויסגעטראַכטע אָדער אין די אמתע מעשיות וועגן יידן, וואָס מיידן אויס די מלחמה.

יעדנפאַלס קרענקט אונז זייער, דריקט אונז מער אַן אַנדער פאַרברעכן צווישן אונז: די דעזערטערן פון אונזער אייגענעם פאָלק, די אַסימילאַנטן...

2.

בכן זעען מיר, אַז אַן אמתדיק נאַציאָנאַל יידנטום באַדאַרף דורכצופירן אַ איבערשאַצונג פון פיל ווערטן. פון זיין שטאַנדפונקט אַרויס ווערן גאָר פיל מעלות פאַרוואַנדלט אין חסרונות, פיל פאָר־וואורפן אין שבחים. עס קומט אויס, ווי עס וואָלט אַנטשטאַנען אַ נייע אָפטיק, אין דער פערספעקטיוו, ווי אין דער רעטראָספעקטיוו. אַן אָפנהאַרציקע דעמאָנסטרירונג פון אונזער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש און ווילן אין זייער פולער און ברייטער באַדייטונג איז נישט בלויז אַ פאָדערונג פון אויפריכטיקייט — מאָראַלישע אויפריכטיקייט איז לאָגיש נישט מעגלעך אָן קאָנסעקווענטקייט — נאָר אויך פון דער נאַציאָנאַ־לער פאָליטיק. מיר מוזן זיך נעמען צו אַן איבערשאַצונג פון די ווערטן פון דער אסימילאַציע אויף דער גאַנצער ליניע.

אַזוי־אַרום שטעלט אונז אונזער נאַציאָנאַלע פאָליטיק יענע אויפגאַבע, וואָס איז אויבן באַצייכנט געוואָרן אַלס ד ע מ אַ ס ק י ר ו נ ג פ ו נ ם אַ ס י מ י ל אַ צ י ע - יי ד נ ט ו ם.

גאַנצע הונדערט יאָר איז דאָס יידישע פאָלק באַעוולט געוואָרן פון זיינע אייגענע זין: אַז ישראל האָפט נישט אויסגעלייזט צו ווערן פון דער פרעמד, נאָר אויפצולעזן זיך אינדערפרעמד. הונדערט יאָר ווערט באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק אַ שענדלעכער פאַרראַט. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס יידן אַליין גלויבן אין דערדאָזיקער רכילות. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דער פאַרראַט האָט שוין דערגרייכט אַ היסטאָרישע סאַנקציע.

יונגע, האַלב־ציוויליזירטע פעלקער, „פעלקער־אָפפאַל", וואָס זענען נאָך נעכטן געווען אומבאַקאַנט און היינט טרעטן זיי אַרויס

דירעקט אויף דער ליכטיקער וועלט פונקט ווי פון אַ באַהעלטעניש אַרויס, מאַכן באַקאַנט זייער פאָלקס־אַנטשטייונג, וואָס הויבט זיך ערשט קוים אָן אָדער האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע צענדליקער יאָרן צוריק, און זיי שטעלן אַרויס נאַציאָנאַלע טענות — זיי הערט מען אויס, זיי אַנערקענט מען. נאָר דעם אַלטן, דעם עלטסטן קולטורפאָלק, וואָס זיין התחלה האָט קיין דאַטע נישט, וויל קיינער נישט גלויבן, בשעת עס דערקלערט זיין נאַציאָנאַלן ווילן צום לעבן. מען האָט נישט קיין ריכטיקן צוטרוי צו אונזער נאַציאָנאַליזם. צו טיף זיצט אין אונזערע פעלקער־באַלעבאַטים די מיינונג, אַז ישראל איז גרייט צו שטאַרבן. די יונגע נאַציעס באַמערקט מען, ווייל זיי זענען נייע אַנטדעקונגען; איבער אונז הערשט שוין פון לאַנג אַ פּאַרטיקע מיינונג, וואָס איז דורך דער אַסימילאַציע גרינטלעך צוגעגרייט געוואָרן אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפטלעכער, פובליציסטישער און קינסטלערישער באַטראַכטונג. מען באַציט זיך צו אונז מיט חשד, ווייל מיר האָבן שוין אַמאָל געלעבט אַלס פאָלק און דערקלערט געוואָרן אַלס געשטאָרבן, באַגראָבן און אַראָפּ פון מאַרק. אפשר ווירקט דערביי אומבאַוואוסט אויף יענץ געפיל פון פחד, וואָס עס רופט אַרויס דאָס אויפשטיין פון איינעם, וועלכן מען האָט שוין געהאַלטן פאַר טויט.

די אַסימילאַנטן באַרואיקן זיך אַליין און די פעלקער: דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום איז אַ רעאַקציע אויפן אַנטיסעמיטיזם און וועט צוזאַמען מיט אים פאַרשווינדן. מיר, וואָס מיר ווילן צונישט מאַכן דידאָזיקע באַרואיקונג, מוזן דערקלערן: דאָס נאַציאָנאַל־לעבעדיקע יידנטום איז נישט קיין רעאַקציע, זי איז דאָס פּרימערע, דאָס אומבאַדינגטע. גיכער איז דער אַנטיסעמיטיזם אַ רעאַקציע אויף דעם נאַציאָנאַלן פרעמדקערפּער פון יידנטום, וואָס מיר ווילן אים דער־האַלטן אין זיין פרעמדקייט. אויב אָבער אונזער מאָדערן נאַציאָנאַל יידנטום איז דאָך אַ רעאַקציע, איז עס אַ רעאַקציע נאָר אויפן אינער־לעכן אַנטיסעמיטיזם: אויף דער אַסימילאַציע.

מיר מוזן די אַסימילאַציע דיסקרעדיטירן פאַרן משפט פון דער גרויסער עפנטלעכקייט. מיר מוזן אויספירן, אַז דער ווילן פון יידישן

פאָלק זאָל מער נישט געפעלשט ווערן דורך זיין אינערלעכן שונא. יידן, וואָס זענען נאַציאָנאַל אַרויסגעטרעטן פון יידישן פאָלקסטום, ד. ה. די אַסימילירטע, אָדער וואָס שטרעבן צו דעמדאָזיקן נאַציאָנאַלן אַרויסטריט, ד. ה. די אַסימילאַנטן, האָבן שוין דאַדורך גופא פאַרשפילט יעדעס רעכט צו רעדן און צו האַנדלען אין נאָמען פון יידנטום. און עס איז אַ דאָפלטע עוולה, אויב זיי ווערן פאַרפאָלגט אַלס יידן...

זאָל מען יידן נישט פאַרבייטן מיט אַסימילאַנטן, נישט צום גוטן, נישט צום בייזן. זאָל מען מאַכן אַ חילוק צווישן אונז, זאָל מען וויסן, אַז אונזערע אַסימילאַנטן געהערן נישט צו אונז; זאָל מען זיך געוויינען זיי אָפּצוטיילן פון יידישן פאָלק, ווייניקסטנס, אַלס אַ כיתה. זיי זאָגן זיך אָפּ צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן יידנטום, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס יידנטום פאַר זיי זיין פאַראַנטוואָרטלעך? דידאָזיקע סתירה אין זיך גופא — ״אַנטיידישטע יידן — באַדאַרף אויפהערן באַטראַכט צו ווערן אַלס איינער פון די פיל יידישע טיפּן, באַדאַרף אויפהערן באַטראַכט צו ווערן ווי אַ באַשטימטע פאָרם פון יידנטום. עס איז אַן עוולה, אַז „שטאַמגענאָסן”, וואָס זייער גאַנצע יידישקייט באַשטייט בלויז דערין, וואָס זיי וואָלטן וועלן ווי מעגלעך שנעלער אומברענגען דאָס יידנטום פון דער וועלט, זאָלן באַצייכנט ווערן אַלס יידן.

מיר מוזן אויך מאָראַליש קאָמפּראָמיטירן די אַסימילאַציע: איר וואַקלדיקייט, איר מאַנגל אין דיסטאַנץ-זין, איר קריכערישקייט, צעפלאָסנקייט און חשק זיך אויסצומישן; איר צווייִדייטיקייט און איר אומטרייִשאַפט צו איר פאָלק, וואָס וואַרפט אויך אַ שאָטן אויף איר בחפזונדיקער און שוין צופיל באַטאָנטער טרייִשאַפט צום אַדאָפּטירטן פאָלק. מיר מוזן אויך דיסקרעדיטירן אירע אַפּוטרופּסים: דאָס מיינט מען די אַזויגערופענע פילאָסעמיטן. מיר האָבן זיי שוין דערקענט און מיר ווייסן, אַז פילאָסעמיטן זענען נישט קיין גוטע פריינט פון יידן, נאָר גוטע פריינט פון די יידישע אַסימילאַנטן. מיר ווייסן, אַז זייערע קאָמפּלימענטן זענען אַ באַליידיקונג פאַרן יידנטום, אַז זייער פאַרטיידיקונג פון אונזער גלייכבאַרעכטיקונג שטעלט פאָר אַן אָנגריף אויף

אונזער רעכט צו אַ נאַציאָנאַלן באַזונדערן שטייגער און איז אין בעסטן פאַל אויפגעבויט אויף דעם תּנאַי קודם למעשה, אַז מיר וועלן פעאיק זיין זיך צו פאַרשמעלצן.

מיר מוזן צוריק אויפשטעלן פיל „פאָראורטיילן" וועגן יידנטום, וואָס זענען אַ דאַנק אונזער אַסימילאַציע אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

בשעת מען ווייזט אָן מיט צופרידנקייט אויפן אויסגעיידישטן טייל פון פאָלק און מען זאָגט: קוקט זיך נאָר צו צו דידאָזיקע יידן, צי האָבן זיי נישט דעמזעלבן ווערט, ווי מיר, צי זענען זיי נישט גלייך צו אונז אין בילדונג און אין אינטעליגענץ? צי האָבן די עמאַנציפּאַציע-יידן נישט אַרויסגעגעבן אַ מאַרקס, אַ לאַסאַל? דאַן וועלן מיר אונזערע פאַרטיידיקער ברענגען אין פאַרלעגנקייט מיט דער דערקלערונג: מיר, יידן, ווילן נישט, מען זאָל וועגן אונז משפּטן לויט די מעלות פון דער אַסימילאַציע און מיר וואַרפן עס אָפּ צו בוכן זייערע גרויס-קייטן אַלס אַקטיוו פון יידנטום. מיר ווילן, מען זאָל וועגן אונז משפּטן — אַלצאיינס, צי מיט אַ גוטן אָדער מיט אַ שלעכטן רעזולטאַט פאַר אונז, — לויט יענעם טייל פון פאָלק, וואָס איז אין בילדונג און אין מדות נישט גלייך צו די נישט-יידן... מיר קענען פאַר אונזער פאָלקס-געניוס פּרעטענדירן נאָר אויף יענע גרויסקייטן, וואָס זענען איינגעוואָרצלט אין דעם שפּייזנדיקן באָדן פון יידנטום. בשעת מען רעכנט צו פאַרטיידיקן דעם „פּוילישן ייד" ד, ה. דעם מזרח-ייד, און מען זאָגט אויף אים: צוזאַמען מיט זיין עמאַנציפּאַציע וועלן שנעל פאַר-שוואונדן ווערן זיינע פעלערן — „יעדעס לאַנד האָט אַזעלכע יידן, ווי עס פאַרדינט", זאָגט אַ פּרעכטיקע פאַרטיידיקונג פאַר די מזרח-יידן — און ער וועט אויסזען ווי אונזער מערב-ייד, דאַן ווילן מיר דידאָזיקע באַרואיקונג צונישט מאַכן און זאָגן: האָפנטלעך וועט ער אַנדערש אויסזען, ווי דער אָפּגעבלאַקעוועטער מערב-ייד.

* *

*

און ,, וואָס: מיר מוזן סוף־כּל־סוף אַרויסגיין פֿון אונזער לעכערלעכער פֿאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע, מיר מוזן אַריבער צו אַן אָפֿענסיווע. לאָמיר ווערן אויפֿריכטיק, לאָמיר אויפֿריכטיק אַרויסזאָגן, וואָס עס ברענט אונז אין האַרצן. און אין האַרצן ברענט אונז די גרויסע היסטאָרישע באַשולדיקונג, וואָס ישראל מוז אַרויסשטעלן קעגן דער קריסטלעכער וועלט. די שולד פֿון דער קריסטלעכער וועלט קעגן ישראל איז אַלט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אָבער די יאָרן האָבן איר האַרבקייט נישט אָפּגעשוואַכט. זי איז כּסדר אָפּגעפֿרישט, באַנייט, פֿאַרמערט און אומגעהויער אויסגעוואַקסן. קיין כּלל האָט זיך מאָראַליש נישט אַזוי פֿאַרשולדיקט, ווי דער קריסטלעכער כּלל. די ענויים, וואָס די יידן זענען אויסגעשטאַנען פֿון די קריסטן, זענען קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן: אַנדערש וואָלטן יידן און קריסטן אין זייערע פֿאַרשיידענע לענדער געמעגט באַטראַכט ווערן אַלס היסטאָרישע איינהייט. און נאָך אַלץ איז די דאָזיקע שווערע שולד נישט פֿאַרענדיקט, שוין נישט צו רעדן וועגן דעם, אַז זי איז נישט אָפּגעצאָלט געוואָרן. נאָך אַלץ וואַרט ישראל אויפֿן גערעכטיקן פּסק־דין פֿון מאָראַלישן וועלט־משפּט.

מיר באַשולדיקן. און נאָך מער באַשולדיקן מיר דאַן, ווען מען זאָגט אונז נאָך און מען ווייזט אונז נאָך געוויסע זינד. מיר מאַכן פֿאַר זיי פֿאַראַנטוואָרטלעך אונזערע באַדריקער. מיר באַשולדיקן, בשעת מען נעמט אונז אַוועק דאָס רעכט צו זיין מיט פֿעלערן און נישט פֿולקום, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער. עס איז אפֿשר די גרעסטע עוולה, וואָס מען באַגייט קעגן אונז: וואָס מען גיט אונז די ברירה צו זיין אָדער כּלו זכּאי אָדער דער שעיר־לעזאזל פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

צי האָט מען נאָך איבערהויפּט רעכט אונז פֿאַרצוואַרפֿן פֿעלערן?

יעדעס אַנדערע פֿאָלק וואָלט אונטער דער אומאויפֿהערלעכער שלעכטער באַהאַנדלונג און דערנידערונגען פֿאַרקריפּלט געוואָרן צו אַ פֿאָלק פֿון פֿאַרברעכער. אָבער ישראל איז נאָך אַלץ אַ פֿאָלק פֿון כּהנים און שפּייזט נאָך אַלץ די מענטשהייט מיט אידעען פֿון קולטור און פּראָגרעס, מיט מסירת-נפשדיקע פֿאָרקעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט, רעכט און גערעכטיקייט. אפשר איז דאָס זיין נקמה.

מען וואַגט זיך אונז אָנצורופֿן עקספּלאָטאַטאָרן און פּאַראַזיטן? מיר וואָלטן עס רואיק געקענט אָננעמען. צי באַדריקטע, פֿאַרפֿאָלגטע, רעכט-באַרויבטע האָבן נישט געוויסע פּריווילעגיעס? פּריווילעגיעס פֿון רעכטלאָזיקייט, פֿון פֿאַרטיידיקונג מיט לית-ברירה-מיטלען, פּריווילעגיעס פֿון די עוולות-ליידנדיקע לגבי די עוולות-טוענדיקע, און צולעצט די פּריווילעגיעס פֿון דעם, וואָס מאָנט אומעטום קעגנאיבער דעם אַלטן בעל-חייב? אָבער מיר טאָרן עס רואיק נישט אָננעמען. וואָס? מיר, דאָס פֿאָלק, וואָס איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן ווי קיינער אין דער וועלט; מיר, וואָס מען האָט אונז געשלעפּט פֿון איין לאַנד אין דעם אַנדערן יעדעס מאָל, בשעת מען האָט אונז געדאַרפֿט צום עפּענען ווירטשאַפֿטלעכע געביטן, און מען האָט אונז אָן רחמנות אַרויסגעטריבן, ווי נאָר מיר האָבן דערפֿילט אונזער מיסיע אַלס פּיאָנערן און אויסגעטרעטן דעם וועג פֿאַר אַנדערע — מיר זענען דאָ די עקספּלאָטאַטאָרן אָדער עמעץ אַנדערש? מיר, וואָס מען האָט אונז אין פֿאַרלויף פֿון פֿיל דורות נאָכאַנאַנד אויסגעזויגט דורך לייבצאָל, קאָפּשטייער, שוצגעלטער און אויסלייזגעלטער און כּלערליי יידן-שטייערן, צ. ב. פֿאַרן רעכט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט מלאכה אָדער צו מעגן זיצן אין אַן אָרט און צו מעגן האָבן קינדער — און צו דעם אַלעם האָט מען נאָך אונז אָפּגענאַרט דאַדורך, וואָס נאָכדעם, ווי מיר האָבן טייער באַצאָלט פֿאַר אַ פֿאַרלייכטערונג פֿון אונזערע צרות און מען האָט עס אונז פֿייערלעך צוגעזאָגט, האָט מען עס דערנאָך נישט געוואָלט דערפֿילן און דערביי האָט מען נאָך רשעותדיק אָנגעקוואָלן, וואָס מען האָט ביי יידן אויסגעשווינדלט געלט; מיר, וואָס מען האָט אונז פֿאַרהאַנדלט אַזוי ווי שקלאַפֿן, פֿאַרשאַכערט פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, פֿון

פּראָווינץ צו פּראָווינץ, מיר זענען דאָס די עקספּלאָאַטאָרן ? מיר, וואָס מיר האָבן אויסגעקריצט די ערשטע און פונדאַמענטאַלע לוחות-הברית, די טאָוולען מיט מאָראַלישן געזעץ; מיר, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען אומבאַשרייבלעכע עינויים צוליב אונזער קולטור, וואָס פון איר פרעסן איצט — מען קען כמעט זאָגן, אַזוי ווי לאַכנדיקע יורשים — אַלע ציוויליזירטע פעלקער; מיר, די שעפער און מאַרטירער פון אַ וועלט-דערשיטערנדיקער אידעע, וואָס אַנדערע האָבן עס איבערגענומען אָן שום מי און טאַקע דעריבער בלויז אויסערלעך און זיי רעקלאַמירן עס אַלס אייגן גייסטיק פאַרמעגן — מיר זענען דאָס די פּאַראַזיטן ? מיר, וואָס מיר האָבן דער קריסטלעכער וועלט געגעבן איר גאָט און אירע עלטסטע אַפּאָסטאָלן, וואָס מיר האָבן פרעמדע פעלקער קעניגלעך באַשענקט מיט דענקער, קינסטלער, פילאָסאָפירער, פאָרגייער, פאַרקעמפער, — מיר זענען דאָס די פּאַראַזיטן ? וואָס וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן זיך אַ נעם געטון צו באַרעכענען די פּילפּאַכיקע יידנשטייערן, וואס מען האָט פון אונז אָנגערויבט, און אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון אַנטשעדיקונג פאַר די אַלע גזילות, וואס מען האָט אָנגעגזלט פון יידישן פאָלק אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער ? און אויב מיר וועלן נאָך דערצו צורעכענען דאָס האָב און גוטס, וואָס מען האָט צוגערויבט ביי אונז בשעת די פּאָגראָמען, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן איבער אונז לכבוד די קריסטלעכע חגאות און קירכלעכע פּראָצעסיעס ? ווער וועמען איז שולדיק ? וואָס וואָלט געווען, ווען מיר זאָלן פּרואוון אויספאָרשן דעם ווערט פון דער קריסטלעכער קולטור און פעסטשטעלן, וויפל זי האָט גענומען פון יידנטום און מיט וויפל ערלעכקייט זי האָט דאָס גענומענע באַקאַנט געמאַכט ? אָדער מען זאָל גאָר פּרואוון אַ פּרעג טון, וואָס פאַר אַ שכר זי האָט דערפאַר באַצאָלט ? ווער וואָלט דאַן געווען דער עקספּלאָאַטאָר, ווער דער פּאַראַזיט ?

ניין, מיר פאַרטיידיקן זיך נישט. מיר באַשולדיקן. מיר באַשולדיקן, אַז מען האָט אונז אַנטזאָגט דעם געהעריקן דאַנק; אַז מען באַזיצט נישט דעם רעספּעקט, נאָכמער, דעם יראת-הכבוד, וואָס

אַ קולטורמענטש באַדאַרף צו שפּירן פֿאַר ישׂראל; אַז בשעת מען רודפט אונז, איז מען אונז נאָך מקנא צוליב אונזער מאַרטירער־קרוין און דערביי רודפט מען אונז טאַקע ווייטער...

און מיר פֿאָדערן פֿון דער קריסטלעכער וועלט, זי זאָל אונז ענדלעך געבן אַ סאַטיספֿאַקציע. מיר פֿאָדערן אַ מאָראַלישע תּשובֿה פֿאַר די אכזריותדיקע מעשׂים, וואָס זענען אונז אָפּגעטון געוואָרן אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצע יאָרהונדערטער פֿאַר די אַלע מעשׂים־תּעתּועים פֿון רעכט־באַרויבונג, וואָס מיר האָבן געמוזט אויסשטיין, און פֿאַר די שאָדנס, וואָס זיי האָבן פֿאַרשאַפֿט אונזער פֿאָלקסטום. מיר פֿאָדערן זייער תּשובֿה, וואָס זאָל אויסלייטערן זייער נשמה, תּשובֿה על כּפּרה, חרטה, זינד־פֿאַרטיליקונג: אַז זייער נשמה זאָל געפּייניקט ווערן פֿון געוויסן און דאַדורך אַ תּיקון באַקומען, אַז זי זאָל אָנגעפֿילט ווערן מיט אַ גרויס געפֿיל פֿון חרפּה און אַזוי אַרום גערייניקט ווערן.

בשעת דער מלחמה איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ פֿאָדערונג פֿון דריי פּונקטן: תּשובֿה, פֿאַרגיטיקן די אָנגעמאַכטע שאָדנס, גאַראַנטיע. אויך מיר פֿאָדערן די אַנערקענונג פֿון דער שולד אַלס מאָראַלישע תּשובֿה, נאַציאָנאַלע רעכט אַלס פֿאַרגיטיקונג פֿון די שאָדנס, וואָס מען האָט אונז פֿאַרשאַפֿט. **די גאַראַנטיע פֿאַר אונזער נאַ־ציאָנאַלער עקזיסטענץ קען זיין נאָר ארץ־ישׂראל.**

און מיר דערקלערן, כּל־זמן דאָס באַוואוסטזיין פֿון דערדאָזיקער שולד, דאָס מאָראַלישע געפֿיל פֿון חרטה און די ברענענדיקע באַ־דערפֿעניש פֿון תּשובֿה איז נאָך נישט דערוואַכט, כּל־זמן די אַלטע עוולה איז נאָך נישט פֿאַרגיטיקט געוואָרן און כּל־זמן עס ווערן נישט גע־געבן קיין גאַראַנטיעס פֿאַר אונזער צוקונפֿט, אַזוי לאַנג וועט דער לאָזונג פֿון רעכט און גערעכטיקייט, וואָס איז בשעת דער מלחמה געווען אויפֿגעשריבן אויף אַלע פֿאָנען — אַלץ אַזעלכע אידעאַלן, וואָס פֿאַר זיי טראָגט די היסטאָרישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט דאָס יידנטום, וואָס איז אי זייער כּהן־גדול אי זייער קרבן, און בלויז דאָס יידנטום האָט צו זאָגן די דעה, צי דידאָזיקע אידעאַלן זענען עכט אָדער ניין,

צי זיי זענען אמתדיק אָדער מען פּלאַפּלט זיי בלויז צביעותדיק, צי זיי זענען נישט געצנדינערישע געפּעלשטע מטבעות, וואָס מען האָט געלאָזט קורסירן איבער דער וועלט, — אַזוי לאַנג וועט דערדאָזיקער לאָזונג פון רעכט און גערעכטיקייט בלייבן אַ צביעות, אַ רשעות, אַ מאָדערנער כלי־זיין צו מלחמה...

3.

אין דערדאָזיקער נישט צווייִדייטיקייט און קאָנסעקוועטקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער באַקענטעניש, איז דער אויבן אָנגעמערקטער כאַראַקטער פון דער דערהאַלטונג פון אַ נאַציאָנאַלער גלות־יידישקייט קלאָר באַשטימט. דאָס איז דער כאַראַקטער פון אַ גיבור... מיר ווייסן שוין: עס האַנדלט זיך וועגן דערהאַלטן אַן אַנאָמאַליע, אַ טראַגיק, אַ פּאָזיציע פון קאָנפליקט און קאַמף. די דערהאַלטונג פון דער יידישער פראַגע, אָבער נישט איר לייזונג.

און איצט ווייסן מיר נאָך עפּעס. די דאָזיקע דערהאַלטונג פאָדערט האַרבקייט פון דער מחשבה און פון די מעשים, שטרענגקייט פון דער באַקענטעניש, אָנשטרענגונג פון ווילן, זעלבסטדערציונג, האַרטנעקיקייט. דאָס מינדעסטע נאָכגעבן און נאָכלאָזן אין דערדאָזיקער אומנאָרמאַלער לאַגע מוז זיך שווער נוקם זיין. ווייכקייט און מהיכא־תיתידיקייט זענען אונזערע ערגסטע פאַרפירער; כלומרשט אומבאַדייטנדיקע פשרהלעך קענען דאָ האָבן די גרעסטע פאָלגן, קליינע לויזמאַכונגען קענען אונז פלוצלונג אַראָפּשליידערן אין תהום פון דער אַסימילאַציע.

אונזער ערשטער פאַראָל מוז זיין: נישט געקוקט אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג און די נאַציאָנאַלע רעכט, קען דער גלות קיינמאָל נישט אויפהערן צו זיין פאַר אונז אַ צוואַנג און אַ צרה, אַ מאַרטיריום. און דער צווייטער פאַראָל מוז הייסן: דער אַלטער קאַמף פון יידנטום ווערט ווייטער געפירט.

בכן פאָדערט די דערהאַלטונג פון אַ נאַציאָנאַלן גלות אַ שטאַרקן

דור. אַ דור, וואָס זאָל קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער אַרומיקער וועלט און זאָל זיין גרייט צו נעמען אויף זיך די יסורים פון אַ נישט גלייכן אַנטאַגאָניזם; אַ דור, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד זיך צו באַנוגענען אין אַ געוויסער מאָס מיט ווייניקער גלייכקייט און זאָל אפילו קענען פון פיל זאַכן זיך אָפּזאָגן און ביישטיין דעם נסיון פון הויכע אַמטן אין פרעמדן פאָלקסדינסט.

אַזאַ מין דור קען אָבער נישט צייטיק ווערן, כל־זמן אונזערע מאָדערנע רעטער פון ישראל וועלן דאָס פאָלק איינשלעפערן אין דעם שגעון, אַז דורך גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַלע מינדערהייטס-רעכט וועלן מיר אויסגעלייזט און אויפגעריכט ווערן. אַזויאַרום ווערט צו־געגרייט די שוואַכקייט פון זאַרגלאָזיקייט, די פוילקייט פון ווילן. אַקעגן דעם מוזן מיר כסדר באַקאַנט מאַכן די גרויזאַמע דערקענטעניש, אַז גלייכבאַרעכטיקונג און נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס מיר פאָדערן און מוזן דערגרייכן, באַדייטן די דערהאַלטונג און נישט די לייזונג פון דער יידישער פראַגע, אַז אין גלות איז פאַר אונז קיין גאולה נישטאָ. אַ מערדערלעכער אמת? ניין, ער וועט ווערן פרוכטבאַר. נאָר דורך אים וועט ביי אונז אויפקומען אַ נאַציאָנאַלער שמאַנס, און נאָר דורך אים קען ער אויספּרואוון זיין קוואַליטעט. אַ שמאַנס, וואָס ווייסט גאַנץ גוט די טויזנטערליי סכנות, וואָס לויערן אויף אונז אין גלות, און באַזיצט די מאָראַלישע קראַפט, וואָס פירט אַרויס די פערזענלעכ־קייט פון דער מאַסע, וועלכע ווערט געשטויסן פון מאַטעריעלע קרעפטן. אַ פאָלקסשמאַנט פון גייסט־אַריסטאָקראַטן, פון מוטיקע, פון גרייטע צו צו מסירת-נפש, פון — ווי מ׳האָט זיי גערופן אין דער צייט פון בית-שני — קנאים, פאַנאַטיקער, וואָס חלומען נישט פון אַ באַקוועמער יידישקייט אין גלות, וואָס אַנערקענען, אַז גלות טאָר נישט און דאַרף נישט קיינמאָל פאַרלירן דעם כאַראַקטער פון פרעמדקייט, פון היימ־לאָזיקייט, וואָס ווייסן, אַז זיין אַ ייד אין גלות מיינט זיין אַ מאַרטירער, מיינט אומאויפהערלעך צו קעמפן מיט די כוחות פון דער פרעמד-נאַציאָ־נאַלערווירקלעכקייט און צו טראָגן מיט ווירדע דעם שיקזאַל פון גלות און אַלע חסרונות פון דער פרעמד צוליב דעם אייגענעם שטייגער;

וואָס זענען אַנטשלאָסן, — אין אַ טריישאַפט צום אייגענעם און אין דיסטאַנץ צום פרעמדן — צו פאָרמירן אַ לעבן פון אַ געטאָ, וואָס ווערט אויפגעשטעלט מיטן אייגענעם ווילן.

* *

*

דאָס גופא, וואָס די גלות-דערהאַלטונג האָט אַ טראַגיש-העראָישן כאַראַקטער, באַדייט שוין ממילא, אַז דער גלות קען נישט זיין קיין דויערנדיקע פאָרם. דאָך, אַלס איבערגאַנגס־פאָרם באַדאַרף זיך די־דאָזיקע פונקציע פון דערהאַלטונג אין אַ געוויסער מאָס שטיצן אויפן העראָישן כאַראַקטער פון אונזער גלות־פאַרגאַנגענהייט און פון איר שעפן צוטרוי פאַר דער צוקונפט. צי איז דאָס גאַנצע פאָלק נישט געווען אַן עליטע פון העלדן? אפילו אין דעם אַסימילאַנט, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו מאַכן דעם לעצטן שריט פון אַריבערגאַנג, פון שמד, און וויל בעסער זיין אַ רעכטבאַרויבטער, אַ פאַרפאָלגטער, איידער זיך איינצוקויפן די פולבאַרעכטיקונג מיטן פרייז פון נאָמען ייד—אפילו אין דעמדאָזיקן אָפּפאַל פון פאָלק ווירקט נאָך, מערקלעך און אומבאַמערקלעך, די היסטאָרישע קראַפט פון יידישן העלדנטום, די גבורה פון קענען זיך אָפּזאָגן. נישט מער, וואָס דידאָזיקע גבורה איז אַ האַלבע, איז זיך אַליין סותר, ווייל זי איז בלויז אַן אינערציע־פעאיקייט, וואָס איז כלל נישט צוגעפאַסט צום כאַראַקטער פון אַ גיבור. דערפון נעמט זיך די איראָניע, וואָס הענגט נאָך יענער גבורה, די איראָניע פון אַ סתירה. אויב עס ווערט געפאָדערט אַ העראָיש יידנטום פאַרן גלות, אַזוי ווערט דערמיט אייגנטלעך בלויז רעקאָמענדירט, אַז צווישן די איצטיקע יידן זאָל פאַרשטאַרקט ווערן די העראָישע יידישקייט, די גאַנצקייט און די קאָנסעקווענץ פון דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער גבורה.

איך האָב בכיוון געזאָגט: די העראָישע דערהאַלטונג פון גלות-יידנטום אַלס איבערגאַנגס-פאָרם דאַרף זיך פאַר איר פונקציע אין

אַ געוויסער מאָס שטיצן אויפן כאַראַקטער פון אונזער גלות-געשיכטע. אין אַ געוויסער מאָס: מיר האָבן שוין צו גוט דערקענט דעם עצם אונטערשייד צווישן די צוויי גרונט-עפּאָכעס פון גלות, אַז מיר זאָלן נאָך קענען באַגיין דעם פעלער צו מאַכן דעם געוויינלעכן פאַרגלייך צווישן אַמאָל און היינט, דעם עצם אונטערשייד צווישן אַלטן גלות, וואָס האָט דעם זין פון זיין עקזיסטענץ און פון זיינע ליידן געשעפּט פון אַ טיפן אמונה-קוואַל, און אין די אינערלעכע געטאָ-מויערן פון זיין דינים-קאָנסטיטוציע זיך פאַרגאַראַנטירט אַ שטאַרקן שוץ פאַר פאָלקישער צונויפגעבונדנקייט און אָפּגעשיידטקייט, און צווישן דעם מאָדערנעם גלות, וואָס איז צוזאַמען מיט דער צעשפּאַלטונג פון די אויסערלעכע און אינערלעכע געטאָ-מויערן אַליין פאַרוויסט געוואָרן און פאַרלאָרן די קראַפט פון צוזאַמענבינדונג און פון איזאָלירונג.

דאָס אַלטע גלות-יידנטום האָט צוויי טויזנט יאָר געפירט אַן עקזיסטענץ פון גבורה. פון מאָדערנעם גלות-יידנטום קען מען, וואָס אַן אמת, נישט האָפן אויף אַ דויערנדיקער גבורה אין אַ כסדרדיקן נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

אָבער אויסדערוויילטע, דער שמאַנט, אַ קליינע עדה פון אידעאַליסטן און פאַנאַטיקער קען אונטערנעמען דעמדאָזיקן קאַמף קעגן די דערדריקנדיקע עקאָנאָמישע און קולטורעלע השפעות פון די פרעמדע, טעריטאָריאַל-איינגעוואָרצלטע מערהייט-נאַציעס. זי קען דערפילן די אויפגאַבע פון דער צווישנצייט: צו זיין די טרעגער און די היטער פון יידנטום אין דער טראַגישער אומלייזבאַרקייט, אין דער צווייפאַכיקער אַנאָמאַליע פון מאָדערנעם גלות.

אין ארץ-ישראל באַדאַרף דאָס יידנטום דערגרייכן זיין נאָרמע. אין ארץ-ישראל וועט דאָס יידנטום פאַרלירן דעם העראָישן כאַראַקטער. ערשט ווען עס וועט זיך דאָרטן ווידער איינוואָרצלען, וועט עס זיך קענען אַנטוויקלען נישט אַלס שמאַנט-יידנטום, נאָר אַלס פאָלקס-יידנטום.

# קאפיטל זיבן

# דער ציוניסטישער בטחון.

די ווירקלעכקייטס-דיגניטעט פון ציוניסטישן אידעאַל.—דער אַלטער און דער מאָדערנער גלות.— די אַסימילאַציע און אירע ערשטע סטאַדיומס און אירע אינערלעכע פעלערן. — די מאָראַלישע און עסטעטישע מאָטיוון אין ציוניזם.— טעאָדאָר הערצל.—די נאַיווע און רייף-ווערנדיקע תקופה פון דער השכלה.—די מיסיע פון גלות.—נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם.—גייסטיקע עמאַנציפּאַציע.

1.

אויף וואָס שטיצט זיך דער ציוניזם אין זיין האָפענונג, אין זיין גלויבן אין אַ יידיש ארץ-ישראל? אויף וועלכע מאָמענטן פון דער ווירקלעכקייט און נויטווענדיקייט פאַרלאָזט ער זיך, בשעת ער פאָדערט, עס זאָל צוליב אים אָפּגעשטעלט ווערן די נאַציאָנאַלע דעגענעראַציע-אַרבעט? איז דען די דערפילונג פונם ארץ-ישראל-אידעאַל אַזוי גאַנץ זיכער, אָן אַ שום צווייפל, אַז עס זאָל קענען דערלויבט ווערן די-דאָזיקע ראַדיקאַלע איינזייטיקייט אין דער אָפּלייקענונג פון אונזער גלות-עקזיסטענץ? פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע הויכע מאָס פון זיכערקייט אָדער אפילו בלויז פון בטחון?

אין פאַרלויף פון אונזערע באַטראַכטונגען איז אויף דידאַזיקע פראַגן טיילווייז און ממילא שוין געגעבן געוואָרן אַן ענטפער. נעמלעך, אין אונזער אָרט שטעלן דאָס פּראָבלעם האָבן דידאַזיקע פראַגן איבער־הויפּט קיין פּלאַץ נישט. ווי מיר ווייסן, האָט נישט דאָס יידנטום אין גלות קיין דויערנדיקע נאַציאָנאַלע צוקונפט. עס האָט נישט פיל וועגן אָדער אפילו צוויי וועגן פאַר זיין ווייטערדיקן קיום. עס האָט קיין ברירה נישט. בכן זענען יענע אַלע פראַגן אומזיסט און אומנישט. פאַרן פאָלק שטייט אַ סכנה פון אונטערגאַנג, און עס איז דאָ נאָר איין מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. וועט מען זיך אָנכאַפּן אָן איר, אויב מען וועט וויסן, אַז זי איז זיכער? וואָס זשע האָט עס פאַר אַ זין צו פאָרשן, וועלכע אויסזיכטן זי האָט? עס האַנדלט זיך וועגן לעבן אָדער טויט פון דער יידישער נאַציע. אין אַזאַ פאַל איז נישטאָ וואָס צו פרעגן.

צוליב דעם, וואָס דידאָזיקע מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען איז איינזייטיק און אויסשליסלעך, באַקומט זי דעם ווערט פון אַ באַשטימטער נויטווענדיקייט. זי איז נישט קיין עווענטועלקייט, כּל־זמן עס איז אויסגעשלאָסן יעדע אַנדערע פאָרם פון דערהאַלטן דאָס יידנטום. זי באַנוצט אַ הויכע מאָס פון היסטאָרישער ר עאַלקייט, כּל־זמן דאָס לעבן אָדער טויט פון יידנטום ווענדט זיך אָן איר.

טעאָדאָר הערצל האָט דעמדאָזיקן מין מעגלעכקייט—נויטווענדי־קייט פאָרמולירט: „אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין בבא־מעשה. און אויב איר ווילט נישט, איז עס און בלייבט אַ בבא־מעשה".

אויב איר ווילט – צי דען ווענדט זיך עס אָן ווילן? צי דען איז דערדאָזיקער ווילן שוין נישט אַלט געוואָרן אַכצן הונדערט יאָר?

ווידעראַמאָל מוזן מיר דערמאַנען דעם עצם אונטערשייד צווישן אַלטן און מאָדערנעם גלות. אין אַלטן גלות האָט דאָס יידנטום געהאַט אַ זיכערן אָנהאַלט אין דער אָפּגעראַטעוועטער און כּסדר ווייטער אויסגעבויטער דינים־קאָנסטיטוציע פון זיין באַוועגלעכער מלוכה, און די טעריטאָריאַלע באַפעסטיקונג איז פאַר אים נישט געווען קיין עקזיסטענץ־באַדינגונג. עס האָט מיט ליבע און טרייסאַפט געדענקט

דאָס לאַנד פון די אבות, געשמאַכט אין בענקשאַפט נאָך דער גע-הייליקטער ערד — ליבע, טריישאַפט, בענקשאַפט, אָבער נישט קיין ווילן, וואָס פירט צו מעשים און באַווייזט אויף מעשים. ישראל איז געווען אָנגעפילט מיט אַ שטאַרקן גלויבן, אַז ער קען אין גלות נישט צעשטערט ווערן, ישראל האָט געלעבט אין באַרואיקדיקן גלויבן, אַז די קינדער וועלן צוריקקערן אין לאַנד, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן די אבות — ער האָט געקענט וואַרטן, ער האָט זיך אפילו געקענט דערלויבן גוזר צו זיין, מען זאָל נישט דוחק זיין דעם קץ. אין באַוואוסטזיין פון זיין קראַפט האָט דאָס פאָלק געהאַט אַ געפיל פון זיכערקייט פאַר זיין עקזיסטענץ אין קעגנוואַרט און אין צוקונפט. דער ווילן האָט געמוזט בלייבן שוואַך אַזוי לאַנג, כל-זמן דערדאָזיקער גלויבן און דאָסדאָזיקע געפיל פון זיכערקייט זענען געווען שטאַרק.

אַנדערש איז דער מאָדערנער גלות. ער האָט שוין נישט דעם־דאָזיקן גלויבן און דאָסדאָזיקע געפיל פון זיכערקייט. נישט מער, דאָס פאָלק שטייט נאָך על פרשת דרכים און וואַקלט זיך. וועט אָבער די סכנה קענטיקער ווערן, וועט דאָס גאַנצע פאָלק באַזיצן די דערקענטע-ניש, אַז דאָס יידנטום שטייט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט און האָט בלויז איין מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, דאַן וועט דער ווילן זיך צוריק־קערן, נישט אַ ווילן, וואָס פאַרטיפט זיך אין בענקשאַפט און ווערט גלייכצייטיק אויסגעוועבט ביז צו אַ בלויזן וואונטש, נאָר אַ נאַציאָנאַלער באַשלוס, אַ פאַרייניקטע אָנשטרענגונג פון אַלע לעבעדיקע קרעפטן פון פאָלק, וואָס האָבן געזען דעם אָפענעם אָפּגרונט גרייט זיי איינצו-שלינגען און האָבן באַשלאָסן זיך אויסצולייזן. דאַן וועט דאָס פאָלק זיינע אינערלעכע שונאים, וואָס לייגן אים שטיינער אויפן וועג קיין ציון, שוין מער נישט באַהאַנדלען מיט וואַקלדיקער שוינונג, וואָס באַליידיקט אונזער נאַציאָנאַלע ערע, נאָר, אָנגעפילט מיטן ערנסט פון דער שיקזאַל־פראַגע, וועט עס זיי שטעמפּלען אַלס פאַררעטער, וואָס בלייבן אומבאַשטראָפט נאָך דערפאַר, ווייל ישראל איז מאַכטלאָז. ערשט דאַן וועט אויפגעוועקט זיין יענער פאָלקסווילן, וועגן וועלכן הערצל האָט געמענט זאָגן: אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין בבא-מעשה.

די פֿאַלשע נביאים, וואָס וויגן איין דאָס פֿאָלק מיט אַ נאַציאָנאַלער צוקונפֿט אין גלות, זענען פֿאַר זיין נאַציאָנאַלן ווילן פֿאַטאַל. זיי דעזאָריענטירן אים, זיי רעדן וועגן צוויי און מערערע פֿאָרמען פֿון דערהאַלטן דאָס יידנטום, זאָגן צו אַ דויערנדיק נאַציאָנאַל לעבן אין גלות און חלומען וועגן ארץ־ישראל אויך. אַזוי־אַרום ווערט דער פֿאָלקסווילן צעבראָכן. ער וואַקלט זיך אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען און קען זיך נישט דערהויבן צו אַן אַנטשיידענער טאַט. וואָס מער בירורות מען האָט, אַלץ שוואַכער און וואַקלדיקער איז דער ווילן.

דער מערדערלעכער אמת, וועגן וועלכן עס איז אויבן גערעדט געוואָרן, ווייזט זיך אויך דאָ אַרויס באַפֿרוכטנדיק און באַלעבנדיק. דאָס איינזען, אַז דער גלות האָט קיין צוקונפֿט נישט, פֿאַרשאַרפֿט דעם קריזיס און שטאַרקט ממילא די נאַציאָנאַלע גרייטקייט צו דער אַנטשיידונג און הויבט אויף די אינטענסיווקייט פֿון דער אויסלייזונגס-אַרבעט.

דאָס איינזען, אַז די נאַציאָנאַלע פֿאָרם פֿון דערהאַלטן דאָס יידנטום איז אַן איין און איינציקע און אויסשליסלעכע, אַז דער ענטפֿער אויף אונזער שיקזאַל-פֿראַגע איז אָדער טויט אָדער לעבן, וועט טאַקע אַרויסרופֿן אַ דערשיטערונג, וועט אָבער אויך ברענגען צו דער צונויפֿזאַמלונג פֿון פֿאָלקסווילן; דער ווילן וועט זיך פֿאַרוואַנדלען אין מעשים, און אַלץ וועט זיך קאָנצענטרירן אין איין ריכטונג, פֿאַר איין וועג, פֿאַר איין ציל.

פֿאַלשע נביאים זענען אויך די פֿאָלקספֿירער און פֿאָלקסרעדנער, וואָס וועקן דעם גלויבן אין אַ באַלדיקער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם, און די דערגרייכונג פֿון אַ גינסטיקער באַציונג פֿון אַ זיגרייכער גרויסמאַכט פֿייערן זיי אַלס גאולה. זיי פֿלאַמען אויף אין פֿאָלק די באַגייסטערונג און פֿרייען זיך מיט דער ביליקער ווירקונג, אָבער עס איז דאָך נישט מער ווי פֿייערווערק פֿון אַ פֿאַרפֿירערישן פֿאַראַל, אַ רגעדיקער דערפֿאָלג פֿון אַ נישט פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַגיטאַציע, וואָס מאַכט די דערפֿילונג פֿון אַ צוויי טויזנטיאָריקער בענקשאַפֿט אָפּהענגיק פֿון אויסערלעכע מאַכט־פֿאַקטאָרן און צעפּיעשטשעט און צעווייקט, דורך פֿריע

פייערלעכקייטן, דעם פאָלקסווילן, וואָס פון אים אַליין איז אָפּהענגיק אונזער שיקזאַל, בשעת אין אמתן האָבן מיר אַ פולשטענדיקן מאָטיוו צו וואָרענען דאָס פאָלק פאַר צו פריע האָפענונגען, צו שיצן עס פאַר ביטערע אַנטוישונגען און צוגרייטן עס צו אַ לאַנגן, שווערן וועג, ד. ה. צו שטאַרקן זיין ווילן, איינצוהאַרטעווען אים און פאַרפאַנצערן אים קעגן די קלעפּ, וואָס קענען נאָך קומען. כדי צו האָבן דעמדאָזיקן בטחון אין דער גאולה דורך אויסערלעכע הילף אָדער דורך דיפּלאָמאַטישע פּאַפּיר־שניצקעס, כדי צו גלויבן אין אַ משיח פון אימפּעריאַליזם, מוז מען פריער גלויבן, אַז דער וועלט־אימפּעריאַליזם וועט איבערהויפּט האָבן אַ קיום, און די השפּעה פון אַזאַ אמונה איז די אונטערגראָבונג פון די בעסטע רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן אין פאָלק, די אונטערגראָבונג פון אַן אַנדער גלויבן אין אַן אַנדער ריכטונג, פון בטחון אין דעם זיג פון די אָרעמע און אונטערגעדריקטע.

אויב איר ווילט — נאָך איז דער ווילן נישט צייטיק, נאָך איז ער נישט גענוג צייטיק געוואָרן, כדי צו ווערן אַקטיוו. און נישט ווייניק זענען מיר אַליין שולדיק, וואָס ארץ־ישראל איז נאָך נישט אונזערס. מיר האָבן נישט געוואָלט, נישט מיטן גאַנצן איינשטעל פון די נאַציאָנאַלע אימפּולסן געוואָלט, נישט אַזוי אַנטשלאָסן, געשלאָסן, ווי עס מוז ווען אַ פאָלק, וואָס וויל צוריק געווינען זיין לאַנד. מיט רעכט זאָגט דער העברעישער פּאָעט יעקב כהן: גלות איז נישט בלויז אַ תשובה, עס איז אויך אַ שווערע שולד. אונזער נאַציאָנאַלע פאַרשקלאַפונג איז אַ שאַנד נישט בלויז פאַר אונזערע באַדריקער.

## 2.

פאַראַן אויך נעגאַטיווע מאָמענטן, וואָס אויף זיי באַציט זיך די האָפענונג פון ציוניזם.

די אַסימילאַציע, ווי מיר ווייסן, איז מעגלעך. נאָכמער, פון זינט דער צעטרייסלונג פון אונזער דינים־מלוכה, פון אונזער מלוכה

אין אַ מלוכה, קומט זי מיט געוואַלד, ד. ה. זי גייט מיטן כּוח פון אַ נאַטירלעכן פּראָצעס, וואָס נאָר דער ווילן פון אַ גיבור קען קעגן אים ביישטיין. און דאָך, אַלס לייזונג, יעדנפאַלס אין אירע ערשטע סטאַדיומס, איז זי נאָך זייער פּראָבלעמאַטיש, אפשר מער פאַר די אַסימילירנדיקע, ווי פאַר די אַסימילאַנטן.

די אַסימילירנדיקע קומט אָפט אָן שווערער צו פאַרדייען די אַסימילאַנטן, בפרט נאָך די יידישע אַסימילאַנטן, דערפאַר, ווייל שטאַמענדיק פון אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, קענען זיי זיך נישט קנעכטיש אונטערגעבן און קענען נישט פאַרשווינדן שפורלאָז. דערפאַר, ווייל זייענדיק אינטעלעקטועל הויך אַנטוויקלט, רייך אין שאַפנדיקע און צעשטערנדיקע פעאיקייטן, אָנגעפילט מיט אַ שטרעבנדיקן גייסט פון אַ קולטורעלן הערשערווילן, מיט אַ נשמה, וואָס רייסט זיך פאָרויס עפּעס צו טון, באַמיען זיי זיך, בכיוון אָדער נישט בכיוון, צו אַסימילירן די פעלקער דאַדורך, וואָס זיי ווילן אין זיי אַסימילירט ווערן. זיי זענען אין דער אַסימילאַציע צו אַקטיוו און ווערן לעסטיק.

אין די ערשטע סטאַדיומס פון דער אַסימילאַציע זענען זיי אַ שאָדן נישט בלויז פאַר דעם פאָלקסקערפּער, וואָס פון אים שטאַמען זיי, און נישט בלויז פאַרן יידנטום, פון וועלכן זיי קענען זיך נישט אינגאַנצן אָפּרייסן — זיי זענען אויך אַ שאָדן פאַר יענעם פאָלקסקערפּער, וואָס אין אים באַמיען זיי זיך איינצוגלידערן און, באַהערשט ווערנדיק, צו הערשן. זיי מאַכן אָפט מוטנע דאָס וואַסער אין די קוואַלן פון דער פרעמדער קולטור, פאַרפלאַכן זי אפילו, ווען זיי בוירען זיך כּלומרשט טיף אַריין אין איר. זיי באַשעדיקן איר אורשפּרונג, פאַרדאַרבן איר מקור.

זיי שפּילן זיך ס׳רוב אויף דער אויבערפלאַך, אָדער זיי ווערן אַנאַליזירער, גריבלער, בייסיקע ברומער; זייער כּוח איז דאָס אָפּשפּאָטן און די איראָניע. אַ מיט זיך צופרידן חכמהנען זיך, אַ מוחדיק פאַרשטיין אַלץ אין דער וועלט. איבער די זאַכן, לעבן אָדער אונטער די זאַכן, אָבער נישט אינווייניק אין זיי, נישט זיין איינגעוואַקסן. זייער גייסט איז צו ניכטער און ווייסט נישט פון דער פאַרשיכּורטקייט פון דעם, וואָס שאַפט פון זיין וואָרצל אַרויס. זיי זענען אינגאַנצן אומ-

פאַרטייאיש, ווייל זיי שטייען מן הצד, זענען בלויז צושויער. דאָס אָפּשפּאָטן און די איראָניע איז טאַקע דער כּלי-זיין און די נקמה פון די עקספּראָפּריאירטע, פון די, וואָס זענען פון זייער נחלה באַרויבט.

זיי, די יידישע אַסימילאַנטן זענען גערן קאָסמאָפּאָליטן: נישט האָבנדיק קיין באָדן אונטער די פיס, שפּירן זיי נישט די געהיימע כּוחות פון נאַציאָנאַלן געניוס. זיי זענען גערן פאַרמיטלער צווישן די פילגעשטאַלטיקע נאַציאָנאַלע קולטורן; צונויפמישער, וואָס לייגן קיין אַכט נישט אויף דער מאַכט פון דער אָרגאַנישער געשלאָסנקייט; פּראָסטיטואירטע נשמות, וואָס קענען נישט די קדושה פון דעם, וואָס איז איינציק אין זיין אַרט און איינמאָליק. זיי זענען פילזייטיק, ווייסן אַ סך, עס פעלט זיי די באַגרענעצונג פון דער פּערזענלעכקייט, די קאָנצענטרירטקייט פון כאַראַקטער, די נאַיוקייט פון אוממיטלבאַרקייט, די שמאָלקייט פון קענען זיין נאַר אַזוי. זיי זענען אין ערגעץ און אומעטום היימיש. דעריבער האָבן זיי ליב די ברייטקייט און אַנטלויפן אין דערהויבנקייט. פון דרויסן און פון אויבן — עס פעלט זיי דער פרומער פאַרלאַנג צום שטילן קליינעם לעבן. זיי זענען גערן וועלט-אויסבעסערער.

זיי זענען גערן די ראַדיקאַלן און די מאָדערנסטע צווישן די מאָדערנע, זיי זענען גערן כּופרים, איבערשאַצער פון אַלטע ווערטן, איבערקערער: נאַקעטע נשמות, אָנזעצער, וואָס האָבן זייער נאַציאָנאַלן אייגנטום פאַרלוירן, אינטעלעקטועלע פּראָלעטאַריער — זיי געפינען קיין רו נישט, — אָט די רינגלעך, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון דער היסטאָרישער צייט. אויף זייער אידעאַליזם קלעבט שטענדיק אַ ביי-זער חשד; די אָנוואָרצלדיקע איז לייכט צו זיין פריי לגבי די פאַר-וואָרצלטע, לייכט צו זיין פרייהייטס-אַפּאָסטאָלן, לייכט צו פּרעדיקן עפּעס פאַר זיי. אויך זייערע גוטע מידות טראָגן דעם געבוירענעם סימן פון זינד.

און האָבן זיי נאָך, דידאַזיקע אַסימילאַנטן, אַ שטיקל יניקה אין יידנטום, קענען זיי נישט מער ווי אַרויסרופן אַ צעטומלעניש; זייער בליק איז געטיילט אויף צווייען. געווינט צוצוגלייכן און אויסצו-

גלייכן, טראַכטן זיי אויס ענלעכקייטן צווישן זאַכן, וואָס זענען בעצם
נישט גלייך, פאָרן צונויף אַזוינס, וואָס עס לאָזט זיך נישט צונויפפאָרן,
פירן צונויף יידנטום מיט דייטשטום, יידנטום מיט פראַנצויזנטום א. ד. גל.
זיי פאַרגוואַלדיקן ביידע טיילן, צעקאַליעטשען אי דאָס יידנטום אי
דאָס דייטשנטום אָדער פראַנצויזנטום אָדער עפּעס אַן אַנדער טו ם.
אַזוי, צום ביישפּיל, שניידן זיי אַרום פון דייטשנטום זיין גרויליק
טיפן מיטאָס, צו וועלכן זיי זענען נישט אימשטאַנד צו באַקומען אַן
עכט פאַרהעלטעניש, שלעפּן דאָס דייטשנטום אַרויס פון זיינע זאַפטיקע
שאַכטעס פון גערמאַנענטום, באַרויבן אים די מאַרכיקע עלעמענטן פון
זיין קראַפט-פאַרגעטערונג, זיין העלדן-פאַרהערלעכונג, זיין יוגנטלעכע
שטיפערישקייט און מוטווילן, באַפרייען עס פון אַלץ, וואָס גיט
אים אַ געוויכטיקן אויסדרוק און איז זיי דעריבער נישט צו דער
האַנט, רייניקן עס און נישט מיד ווערנדיק פון דעם תּפל, וואָס פאַר-
שלייערט, ווי זיי זאָגן, דעם עיקר, ביז עס פאַרלירט שוין אין שמעלצ-
אויוון פון זייער גייסט זיין שטאַרקע, אָפּזונדערנדיקע אָריגינעלקייט
אויף אַזויפיל, אַז זיי האָבן שוין די מעגלעכקייט עס צו פאַרייניקן
מיט עפּעס פרעמדעס. אַזוי קאָמענטירן און אינטערפּרעטירן זיי דאָס
דייטשנטום, ביז זיי פאַריידישן עס כּמעט, אַנטדעקן אין אים מוסר פון
הכנעה און פון טאָלעראַנץ, לויבן אים און שפּירן נישט דערביי, אַז
דאַדורך פאַרשוועכן זיי ז יי ן אידעענוועלט — די אידעען פון גלייכ-
קייט און גערעכטיקייט, און אפילו דעם מעסיאַניזם. באמת, זיי טוען אים
אַן עוולה.

אַזוי האָט אָפּגעטון מיטן דייטשנטום דער ווירדיקסטער פאַר-
טרעטער פון דער אידעאַליסטישער אַסימילאַציע, פון דער האַלב-
אַסימילאַציע — הערמאַן כהן. נישט לייכט איז דעמדאָזיקן גרויסן יידן
אָנגעקומען זיך אונטערצוטונקען אין דער גערמאַנישער קולטור. ער,
דער פרעמדער, האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן איר פאָלקישן שטעמפּל און
ראַמען און ער האָט זי פאַרפרעמדט; ער האָט אונטערגעגראָבן איר געצנ-
דינערישן יסוד און איר אונטערגעשאַרט אידעען פון יידישקייט—ער האָט
זיך אין איר נוקם געווען, אַזוי ווי אַ ייד איז זיך נוקם.

הײנט װי זעט אױס די ייִדישקײט, װאָס זײ שמוגלען אַרײַן אין די פֿרעמדע קולטורן? זײ טוען זי אױס איר נאַציאָנאַלן לבֿוש, פֿאַרלײקענען איר שטאַם-גאָט, פֿאַרדאַרבן איר גאָט פֿון נקמה און איר „ה׳ צבֿאות״, פֿאַרװאַנדלען די ייִדישקײט, װאָס איז אַבסטראַהירט אױסגעטון פֿון יעדן לעבן, אין אַ מעטאַפֿיזישן זױגשװאָם, װאָס קען אַרױסזױגן אַלע אידעען, װעלכע זענען באַקװעם פֿאַר דער אַסימילאַציע. זײ שנײַדן צו און פּוצן צו די ייִדישקײט אין דער געשטאַלט פֿון איר אומגעראָטענער קאָפּיע, פֿון קריסטנטום. זײ מײנען, אַז זײ פֿאַרשענערן זײ און מאַכן זײ מיאוס. און אַזױ קומט די ייִדישקײט אָן צו די פֿעלקער אין אַ קאַריקאַטורישער פֿאַרקרימטקײט, װאַסערדיק, אױס-געװײקט, דעגענערירט; אַ מאַטער גײסט, װעלכער יחסנט זיך אָן שום הרפּה דערמיט, װאָס ער באַזיצט נישט קײן גוף. אַן אומהײלעכן חשד דערװעקט דידאָזיקע דורך ייִדישע אַסימילאַנטן קריסטלעך צוגעשניטענע ייִדישקײט. באמת, אױב אין דער גרױסער װעלט פֿון געצנדינער זענען נאָך פֿאַראַן קריסטן, אַזױ דאַרף מען זײ זוכן צװישן די ייִדישע אַסימילאַנטן, און דעריבער טאַקע שפּירט מען זײ נאָכמער אַלס פֿרעמדע אין דער אַזױגערופֿענער קריסטלעכער װעלט.

אפשר איז זיך די קריסטלעכע װעלט פֿון זינט אַכצן יאָר-הונדערטער אין אונז נוקם, נישט צוליב דער פּלומרשטער אָדער פּאַק-טישער קרײציקונג פֿון ישו הנוצרי, נאָר, פֿאַרקערט, דערפֿאַר, װאָס ער איז געבױרן געװאָרן און געלעבט און די פֿעלקער אָנגעװאָרפֿן מיט געװאַלד אַ תּורה, װאָס טוט זײ װײ, פֿאַרגװאַלדיקט זײער אײגענעם שטײגער און אַסימילירט זײ כּמעט צו ייִדנטום.

די ייִדישע אַסימילאַנטן װעלן צוגעצױגן װערן צו פֿאַראַנטװאָרט-לעכקײט נישט בלױז דורכן ייִדישן פֿאָלק, נאָר אױך דורך די איבע-ריקע פֿעלקער. זײ זינדיקן אַ קעגן דער נאַציאָנאַלער סטרוקטור פֿון די פֿרעמדע קולטור-פֿאָרמען, זײ פֿעלשן זײַן היסטאָרישע סיגנאַטור, דעם נאַציאָנאַלן שטעמפּל פֿון דער נשמה, דורך אַ געפֿעלשטער, דורך אַן אױסגעײדישטער ייִדישקײט. זײ פֿעלשן דאָפּלט. זײ פֿאַררײַבן די גרענעצן, װײַל אין זײער נשמה זענען אַלע גרענעצן פֿאַרריבן. און

עס איז אַ הייליקער חוב פון די פעלקער צו וואַכן און היטן די מחיצות פון זייער אינדיווידואַליטעט.

בכן איז די יידישע אַסימילאַציע אַן אַטענטאַט, וואָס ווערט באַגאַנגען גלייכצייטיק אי אַקעגן יידנטום, אי אַקעגן אַנדערע נאַציאָנאַל-קולטורן. און מען קען זען אַ סימן פון פאַרטיפונג און פאַרפיינערונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, בשעת די יידישע אַסימילאַנטן ווערן אָפּגעשאַצט אַזוי ווי אַריינדרינגער און נישט אומעטום זענען זיי זוכה צו באַקומען אַ פּרעמיע פאַר זייער דעגענעראַציע. פאַרקערט, אין קרייזן פון עטיש און עסטעטיש פּראָגרעסיווע נישט-יידן באַגעגענען זיי אַ געפיל פון עקל, בשעת עס בילדעט זיך אויס אַ מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם, וואָס זיין כוונה איז—זיך פאַרטיידיקן קעגן די סעמיטישע אַסימילאַנטן.

דער מדרש זאָגט: אַ צרה, וואָס רירט אָן יידן אַליין, איז נאָך קיין צרה נישט; אַן אמתע צרה איז נאָר יענע, וואָס רירט אָן יידן צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע אומות-העולם.

דער גלות איז אַ צרה נישט בלויז פאַר יידן אַליין, נאָר פאַר אַלע פעלקער, צווישן וועלכע די יידן זענען צעזייט און צעשפּרייט. פאַר אונז איז עס אַ נאַציאָנאַלע, פאַר די איבעריקע—אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּראַגע. אָבער אויך די אַסימילאַציע, די איינציקע גרינטלעכע לייזונג פון דעמדאָזיקן פּראָבלעם אין גלות, איז אין אירע ערשטע סטאַדיומס אַליין אַ יידישע פּראַגע און אַ צרה נישט נאָר פאַר יידן אַליין.

אין דערדאָזיקער בשותפותדיקער צרה קען מען געהאָלפן ווערן דורך דער צווייטער לייזונג—דורך דער אויסלייזונג פון גלות אַרויס.

און דעריבער האָט הערצל געמעגט זאָגן: עס איז אונזער גרעסטער פּאַטריאָטיזם און מיר ברענגען דערמיט נוצן אונזער לאַנד, בשעת מיר אַרבעטן מיט ביי דער לייזונג פון דער יידישער פּראַגע.

## 2.

דאָך, מער ווי דידאַזיקע נעגאַטיווע מאָמענטן פון דער אַסימי־לאַציע, איז דער פּאָזיטיווער מאָמענט, וואָס פון אים זענען זיי אין לעצטן סך־הכּל באַשטימט, אַ פאַקטאָר פון בטחון אינם אידעאַל און אין דער אַרבעט פון ציוניזם.

געוויס איז די אַסימילאַציע אַ טענדענץ פון דער ווירקלעכקייט. אָבער זי קען אויסגעפירט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען זי איז גובר די עטישע און עסטעטישע ווידערשטאַנדן. זי הויבט זיך אָן אַלס קנעכט־שאַפט און קען זיך דורכמאַכן נאָר אין פאַרמאַסקירונג און נאָכאַמונג. איז עס דען מעגלעך, אַז דידאָזיקע צוואַנגסלאַגע פון גלות זאָל נישט אויסטיילן אַזעלכע מאָסן, וואָס קענען נישט און ווילן נישט ברענגען דעם קרבן פון אינערלעכער אמתדיקייט און זעלבסטשטענדיקייט און קלויבן בעסער אויס דעם וועג, וואָס פירט אַרויס פון גלות, דעם וועג קיין ציון?

יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע מעלות און חסרונות, זיין וואָרצל אָבער איז שטענדיק שאַפעריש, פּרוכטבאַר. די טיפּעניש קען נישט זיין אוממאָראַליש, קען נישט זיין מיאוס. אָבער די אויסגעוואָרצלטע, די אַסימילאַנטן, פאַרלירן אינגיכן די גוטע אייגנשאַפטן פון זייער שטאַם־פאָלק און פאַסן זיך שנעל צו צו די שלעכטע אייגנשאַפטן פון זייערע קאָפּיע־מאָדעלן, פונם אַדאָפּטיוון פאָלק. אפילו ווען זיי הויבן זיך אויף דורך זייער צופּאַסונג אויף אַ העכערער נאַציאָנאַלער קולטור, איז עס אויך סוף־כל־סוף פאַר זיי אַ ירידה. עס פעלט די איינ־געוואָרצלטקייט, די טראַדיציע, די היסטאָרישע איבערלעבונג, וואָס אָן דעם איז יעדע קולטור בלויז ציוויליזאַציע. בכן, צי מוז נישט דער פּראָצעס פון דער אַסימילאַציע זיך אָנשטויסן אויף מאָראַלישע שטערונגען, וואָס ווירקן אַנטשיידנדיק ביי איידעלע נאַטורן?

אפילו ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז אינדיווידועל ווערט די נשמה פון די אַסימילאַנטן גאָרנישט פאַרדאָרבן, דאָך מוז דער אַקט

פון דער אַסימילאַציע אַנערקענט ווערן אַלס אוממאָראַליש, פונקט אַזוי ערך ווי דער קאַפּיטאַליסט קען אויך לויט דער סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג אינדיווידועל זיין אַן אָרנטלעכער מענטש, אָבער דער קאַפּיטאַליזם אַלס שטאַנד, אַלס קאָלעקטיוו באַדייט אַן אוממאָראַלישע עקזיסטענץ פון עקספּלאָאַטאַציע און פּאַראַזיטיזם. פון דידאָזיקע אַלגעמיין-מענטשלעכע מאָטיוון באַדאַרף דער ציוניסטישער גאולה-געדאַנק באַקומען שטאַרקנדיקע נאַרונג פאַר זיין אידעאַליסטישער אָנשויונג.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס הערצל איז אונז אַנטשטאַנען אין מערב, סאַמע אין תהום פון דער אַסימילאַציע. ער איז צום ציוניזם געקומען נישט אַלס ייד: ער איז דעם יידנטום פולשטענדיק פרעמד געווען. ער איז צום ציוניזם געקומען אַלע מענטש. אַן עטישע און עסטעטישע קראַפט איז עס געווען, וואָס האָט אים צו זיין פאָלק צוריקגעפירט. דידאָזיקע קראַפט איז עס, וואָס פון איר שטראַלט אַרויס דער כישוף פון זיינע פשוטע רייד. אָט די קראַפט איז עס, פונוואַנען עס איז אַרויס די רעוואָלוציאָנערע ווירקונג פון זיינע אייגנטלעך נישט נייע אידעען. דער פשוטער זאַץ פון זיין באַקענטעניש: „מיר זענען אַ פאָלק, איין פאָלק", האָט געקלונגען ווי אַ בשורה פון דערוויייטנס, ווי אַן אַנטפלעקונג. די צעשטערונג און די איבערקערעניש פון אַ גרויסער נשמה ציטערן נאָך אין אַלע זיינע ווערטער און מעשים. ער האָט דערקענט די אַסימילאַציע אַלס אַן אוממאָראַלישן, אומעסטעטישן אַקט. דעם געוויש פון פליגלען, וואָס זיינע אויערן האָבן פאַרנומען איבער זיין קאָפּ, בשעת ער האָט פאַרפאַסט די „מדינת היהודים", איז געווען די פלאַטערניש פון זיין נשמה בשעת איר אויסלייטערונג. אַנדערש קען מען נישט פאַרשטיין דעם פענאָמען הערצל.

עס איז כמעט ציניש צו זאָגן: די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, דער דרייפוס-פּראָצעס איז געווען דער מאָטיוו פון זיין לערע. ניין. דאָס איז געווען נאָר איר אויסערלעכע סיבה, פונקט ווי דער פאַל פון עפּל פאַר ניוטאָנען ביי זיין אַנטדעקן דאָס געזעץ פון שווערקייט.

בשעת הערצל שמייסט דעם „מוישע״, פילט מען דערין דעם צאָרן איבער אַ מאָראַלישן דעפעקט. דאָס בונטעוועט זיך דער קינסטלער קעגן דער אומאויפריכטיקייט און ווירדעלאָזיקייט, קעגן דער זינדיקייט פון דער אַסימילאַציע. דאָס איז — דער דורשט נאָך גאַנצקייט און אויסגעגליכנקייט, בשעת הערצל פאָדערט אַ צוריקקערונג און ווייזט אָן דעם וועג קיין ציון. אַזוי האָט ער געזאָגט: „ווי אַ רייניקנדיקער שטורעם גייט דורך דער ציוניזם און רייניקט אויס דאָס גאַנצע יידנטום״.

און אַן אַנדערש מאָל: „איך ווייס נישט, צי נאָך אין דעם דור וועלן מיר דערלעבן די באַפרייונג פון חרפה און עלנט. מעגלעך איז עס, מיטן תנאי, אַז מיר זאָלן זיין קלוג און אַנטשלאָסן. דאָס אָבער ווייס איך, אַז שוין דאָס וואַנדערן אויף דעמדאָזיקן וועג וועט אַנדערע מענטשן מאַכן פון אונז. מיר וועלן צוריק געווינען אונזער פאַרלוירענע אחדות און צוזאַמען מיט איר אַ ביסל כאַראַקטער, און טאַקע אונזער אייגענעם כאַראַקטער. און ערשט דאַן וועלן מיר צוזאַמען מיט אַנדערע אָרנטלעכע מענטשן קאָנקורירן אין גערעכטיקייט. ליבע צום נאָנטן און הויכער פרייהייט, וועלן מיר זיין אַקטיוו אויף אַלע פעלדער פון ערע, זאָרגן ווי צו גיין פאָרויס אין קונסט און אין וויסנשאַפט, כדי דער גלאַנץ פון אונזערע מעשים זאָל אָפּשיינען אויף די אָרעמסטע פון אונזער פאָלק. אָט אַזוי פאַרשטיי איך דאָס יידנטום״.

דידאָזיקע אַלגעמיין-מענטשלעכע מאָטיוון געפינען מיר דערהויפּט אין ציוניזם פון מערב. די נאַיווע השכלה, וואָס האָט געדראָט איינצושלינגען אונזערע טאַטעס, גיט דעם פאָלק צוריק פיל פון זיינע זין און דווקא אַלס צייטיק-געוואָרענע פרוכטן פון די פּאָזיטיווע ווערטן טאַקע פון דערזעלבער השכלה: אַ דאַנק דער פאַרטיפטער און פאַרפיינערטער אויסבילדונג פון מענטשן אין ייד. אַזוי הויבט מען אָן אין מערב — נישט אין דערזעלבער מאָס אין קולטור־אָרעמען מזרח — צו שפּירן די אַסימילאַציע אַלס זינדיקן פעלער, די מאָדערנע גלות־עקזיסטענץ אַלס צושטאַנד פון זינדיקייט, אַלס שולד און נישט בלויז אַלס שטראָף. דער מערבדיקער ציוניזם האָט באַקומען זיינע

אָנרעגונגען מער פון דער אַלגעמיינער וועלטקולטור, ווי פון קוואַל פון יידנטום און פון דער יידישער פאָלקס-ווירקלעכקייט. ער איז געטראָגן געוואָרן דורך דעם געוויסן פון אַ דערהעכערטן מענטשנטום, פון אַ תשובה-געפיל, פון אַן אויפטרייסלונג פון באַוואוסטזיין, פון פרייהייט און פון ערע. דאָס איז דער ווילן צו אַ מאָראַלישער און שענערער עקזיסטענץ, דער ווילן, אַז אין ייד זאָל ווידער געבוירן ווערן דער מענטש. דערפון נעמט זיך דער פּאַטאָס פון אַ זיך ראַנגלענדיקער, רייניקנדיקער רעליגיעזקייט, וואָס עטעמט פון זיינע קינסטלערישע רעגונגען און פאָרמירונגען.

נישט ווילנדיק האָט די השכלה טיילווייז דערפילט די פונקציע פון אַ צוגרייטונגס-סטאַדיום פאַרן ציוניזם. מיטן צוריקקער פון די פאַרלוירענע זין צום יידנטום ברענגען זיי אים מיט געוויסע ווערטן, וואָס זיי האָבן זיך פאַרשאַפט אינדערפרעמד.

בכן מעג דער ציוניזם בויען זיין בטחון אויפן פּראָגרעס פון דער קולטור. זיין נאַציאָנאַלער גלויבן איז גלייכצייטיק אַ גלויבן אין דער מאַכט פון גוטס און שיינס.

געוויס וואָלט עס געווען אַ פּאַטאַלע אונטערשטיצונג פון די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע היסטאָרישע פאַקטאָרן, ווען מיר זאָלן זאָגן, אַז יענע מאָראַליש-עסטעטישע מאָמענטן זענען אימשטאַנד צו פאַרמיידן די אַסימילאַציע, און נישט בלויז צו שטערן די אַסימילאַציע-טענדענצן. מיר ווייסן גאַנץ גוט: אין פאַרלויף פון דורות ווערט אפילו צוגערויבט פאַרמעגן פאַרוואַנדלט אין אייגנטום, די נאָכאַמונג ווערט אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפט, די געמאַכט העוויה ווערט אויפריכטיק, דאָס געקינסטלטע ווערט נאַטירלעך. אין פאַרלויף פון דער צייט וועט די אַסימילאַציע שלאָגן וואָרצלען; איר זינד ווערט אויסגעלאָשן, ווערט פאַרטיליקט דורך דעם געוואָרענעם און פאָרמירטן. דעריבער קען די ציוניסטישע באַקענטעניש אין דעם זין נישט זאָגן: מיר, יידן, קענען זיך נישט אַסימילירן. נאָר: מיר ווילן זיך נישט אַסימילירן. איך האָב דעריבער גערעדט בלויז פון טאָרמאַזן אין פּראָצעס פון דער אַסימילאַציע און פון אַ בטחון, אַז עס וועט זיך אויסטיילן

אַ גייסטיקער שמאַנט נאַר דער איבערגאַנגס-עפּאָכע פונם יידנטום.

* *

*

על-כל-פנים זענען אין ציוניזם טעטיק, באַוואוסט און אומבאַוואוסט, ריין מענטשלעכע אידעאַלן לעבן די נאַציאָנאַלע. אויך אין יידישקייט איז דאָס ריין מענטשלעכע און דאָס נאַציאָנאַלע פאַרפלאָכטן איינס אין אַנדערן. דאָ קערן מיר זיך אום צוריק צום אויסגאַנגס-פונקט פון ערשטן קאַפּיטל.

דאָס יידנטום איז באַשטימט פון צוויי גרונט-מאָמענטן. קיין פאָלק איז נישט געווען אויף אַזאַ הויכער מדרגה נאַציאָנאַל, ווי דאָס יידישע פאָלק. קיין פאָלק האָט נישט געהאַט, אַזוי ווי ישראל, אַזאַ הויכן זין פאַר זונדערונג און אָפּגעזונדערטקייט. מען מעג זאָגן: צוזאַמען מיטן באַגריף פון געטלעכער איינציקייט און איינהייט האָט ישראל אויך אַנטדעקט דעם באַגריף פון נאַציאָנאַלער איינציקייט און איינהייט. בכן האָט ער צוערשט זיך דערטראַכט צום גרונט-באַגריף פון דער נאַציע. אָבער קיין פאָלק, ווי יידן, האָט אויך נישט פון לכתחילה אַריינגעשטעלט אַלס ציל אין דער נאַציאָנאַלער אָפּגעשיידקייט און אָפּגעצוימטקייט די וועלט-היסטאָרישע אויפגאַבע: די זונדערונג אַלס אויסטיילונג פון אַ פאָלק פון כהנים, וואָס האָט די באַשטימונג צו לייכטן פאָרויס פאַר אַלע פעלקער און צו דערפילן די הייליקע עבודה ביים מזבח פון רעכט און גערעכטיקייט. אַזויאַרום איז די נאַציאָנאַלע פאָרם מיטן אוניווערסאַלן אינהאַלט, די שמאָלקייט פון דער פאַרטיקולאַריסטישער אַרום-גרענעצונג מיט דער ברייטקייט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אויפגאַבע געווען אָרגאַניש צונויפגעבונדן, פונקציאָנעל באַצויגן איינס אויפן אַנדערן. אין דער תקופה פון השכלה האָט זיך דער אוניווערסאַלער

אינהאַלט אָפּגעריסן פון זיין נאַציאָנאַלער פאָרם, וואָס איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן ביז צו דער מדרגה פון אַ שאָלעכץ און דעריבער אַוועקגעוואָרפן געוואָרן. באַלד איז געקומען דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון אַן אָרגאַנישער און פונקציאָנעלער ליימונג: דער אינהאַלט, וואָס אָן אים האָבן זיך אָנגעקלאַמערט די מערב-יידן, האָט געמוזט פאַרפלאַכט ווערן, דער קערן פאַרדאָרבן ווערן. אָנשטאָט צו זיין אַ מוסטער פאַר די פעלקער, זענען יידן געוואָרן זייערע נאָכמאַכער.

צוזאַמען מיט דער זיכערונג פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם וויל דער ציוניזם אָפּראַטעווען אויך דעם אינהאַלט מיט די אַלגעמיין-מענטשלעכע טענדענצן. ער וויל אָבער נישט האָבן די מיסיע פון עלנט, פון שוואַכן — אָרעמקייט און ליידן האָבן טאַקע שטענדיק זייער פיל אויפגעטון אין קולטורקאַמף פון דער מענטשהייט און זענען שטענדיק געווען אַ מיטל צו דערוועקן פּראָגרעסיווע אידעען, אָבער צי דאַרפן זיי צוליב דעם פאַרבלייבן? — ער וויל נישט האָבן די מיסיע פון פאַרמיטלער, צו זיין דער אינטערנאַציאָנאַלער קנויל פון די פאַרשיידנפאַרביקע פאַרהעלטענישן, דער פּלאָנטער פון די קעגנגעזעצטע באַציונגען. ער וויל נישט האָבן די מיסיע פון אַ שוואָם, וואָס זויגט איין אַלץ אין זיך, און פון אַ לייעק, וואָס דאַרף אַלץ איבערגיסן פאַר אַנדערע. ער וויל די מיסיע פון וואָרצל שטאַרקן, פון קוואַלנדיקן, פון שאַפערישן.

אויף דער מיסיע פון גלות ליגט אַ חשד. מען האָט אַ סיבה זי צו באַטראַכטן אַ ביסל אָן צוטרוי. מען באַקומט חשק צו פרעגן: צי איז נישט אַמאָל דער יידישער אוניווערסאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם בלויז דער אויסדרוק פון אונזער פאַרלעגנהייט, די הפקרות פון דער היימלאָזיקייט? צי איז נישט אַמאָל דער קאָסמאָפּאָליטישער הומאַניזם אויסגעטראַכט געוואָרן דורכן יידנטום, כדי צו פאַרענטפערן און פאַרשענערן זיין נאַציאָנאַלע אַנאָמאַליע? צי איז עס העלדישקייט אָדער מיר מיינען אונזער אייגענע טובה. בשעת מיר, די פון רעכט באַרויבטע, קעמפן פאַר רעכט און גערעכטיקייט? מען באַקומט חשק

צו פרעגן: וואָס וואָלט געווען, ווען די יידן וואָלטן געהאַט אַ לאַנד? צי וואָלטן זיי נישט געזייט שנאה און האַס, ווי אַלע אַנדערע פעלקער? צי וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין חשק צו מלחמות און צו איינעמען אַנדערע לענדער, ווי אַלע קריסטלעך-געצנדינערישע פעלקער? וואָס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן צוגעקומען צו מאַכט — צי וואָלטן זיי די מאַכט נישט פאַרגעטערט? צי וואָלטן זיי נישט פאַרפאָלגט, אונטער־געדריקט אַנדערע פעלקער? בקיצור, צי שטעלן זיי אַמאָל נישט אַרויס זייער אומגליק אַלס צדקות?

דער ציוניזם, אויב עס איז דערלויבט אַזוי צו זאָגן, וויל אַרויסשטעלן די צדקות פון יידנטום אויף דער פראָבע. און ער איז זיכער, אַז די פרייע מיסיע פון יידנטום אויף זיין היסטאָרישער ערד וועט בעסער געראָטן און וועט פון ציון צייטיק ווערן צו אַן אמת אוניווערסאַלער השפעה.

* *

*

אין גלות זענען מיר אויף אַלגעמיין־קולטורעל אין אַ פאַלשער לאַגע. די פרעמדע קולטור אינדערפרעמד ווערט אונז אַ נאַציאָנאַלע סכנה. ווען אונזער אייגענע קולטור זיין איינגעפלאַנצט אין אונזער אייגענער ערד, דאַן וועט דאָס פרעמדע, וואָס מיר ברענגען מיט זיך, ווערן אַ ברכה פאַר אונז. מיר וועלן אַרויסציען פון גלות און אַריינציען אַהיים ברכוש גדול. צי ליגט דען נישט סוף־כל־סוף אינם פרעמדן פיל פון אונזער אייגנס, וואָס איז אונז עקספּראָפּריאירט געוואָרן: מיר האָבן אומעטום געבויט פּיתום און רעמסס. צי האָבן אונזערע אבות נישט מיטגענומען זייער אייגנס, פאַרדינטעס, בשעת זיי זענען אַרויס פון מצרים ברכוש גדול? היינט וואָלט מען דאָס אָנגערופן עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן.

דער ציוניזם וויל באַזייטיקן די סכנות פון די פרעמדע קול־טורן. טאַקע דאַדורך וועט ער די יידן פריי מאַכן פאַר דאָס אַלגעמיין־

מענטשלעכע, ווי אויך פֿאַר דאָס פֿרעמדע. עס איז פּסיכאָלאָגיש זייער באַלערנדיק און סימפּטאָמאַטיש פֿאַר דער צוקינפֿטיקער אַנטוויקלונג פֿון אונזער קולטור, אַז די העברעישע רענעסאַנס־קולטור האָט געשפּאָלטן דאָס געטאָ פֿון די יידישע לערן־אינהאַלטן און מיט אַ געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער זיכערקייט ברייט געעפֿנט דעם טויער פֿאַר פֿרעמדע קולטור־ווערטן, בשעת די ליטעראַטור פֿון יידנטום אין פֿרעמדע שפּראַכן — און אפֿילו, אָדער ערשט טאַקע, די נאַציאָנאַליסטישע — קוועטשט זיך איין מיט מורא אין אַלערליי פּירושים און אינטערפּרע־טאַציעס פֿון אַ יידישן גייסט און באַגרענעצט דערמיט איר אינהאַלט. די העברעישע ליטעראַטור מעג פֿריי אויפֿנעמען דאָס פֿרעמדע און דערמיט באַרייכערן דאָס יידנטום, די אַנדערע אָבער, ווייל זי איז אין אַ פֿרעמדער שפּראַך, איז זי דורך אינסטינקטיוון אָדער באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַליזם פֿאַראורטיילט צו פֿאַרטיידיקן אָדער צו דערהאַלטן אַ געטאָ: ווייל אויב נישט דאָס, וואָס דען בלייבט נאָך דערין יידישעס?

מיט דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג וועט אויך דער אינטער־נאַציאָנאַליזם באַקומען אַ פֿרייען וועג: אַ קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס באַציט זיך מיט יושר צו דער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט און איז דערהאַלטן אין שאַפֿערישע דיפֿערענצירונגען פֿון יעדערליי באַזונדערן שטייגער, וועט אָנפֿירן דער וועלטגייסט. די פֿעלקער, וואָס זענען נאָך נאַציאָנאַל נישט עמאַנציפּירט, וועלן זיך אָדער אונטערטונקען אין דעמדאָזיקן אינטערנאַציאָנאַליזם און וועלן אים מפֿקיר זיין זייער אינדיווידואַליטעט, אָדער זיי וועלן זיך אים אַקעגנשטעלן מיטן כּוח פֿון אינסטינקט און זעלבסטדערהאַלטונג און אים שטערן אין זיין וועג. דער ציוניזם וויל שיצן דאָס יידנטום פֿאַר דער סכּנה, וואָס דראָט די נאַציאָנאַל נישט עמאַנציפּירטע נאַציעס ביי דער דערנענ־טערונג פֿון נצחון פֿון דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעע, וואָס ברעכט זיך דורך דורך אַלע איבערקערענישן און קאָנוואולסיעס פֿון אַ וועלט־רעוואָלוציע; און גלייכצייטיק וויל דער ציוניזם נישט דערלאָזן דערדאָזיקער גרויסער אידעע צו באַגיין עוולות קעגן יידנטום. דער

ציוניזם וויל פריי מאַכן דאָס יידישע פאָלק פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזם און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פאַרן יידישן פאָלק. אין לעצטן סך-הכל קען אונזער נאַציאָנאַלע באַפרייונג, אויב זי וועט נאָר נישט דעגענערירט ווערן אין שאָוויניזם, נישט האָבן קיין אַנדער מיין, ווי די באַפרייונג צו ווערן אַ פולוועדטיקער מענטש און צו אינטערנאַציאָנאַלער קולטור-אַנטוויקלונג.

---

VI 1942:779

הויפּט־פֿאַרקויף:
קאָאָפּעראַטיוו „ביכער" וואַרשע, נאַלעווקי 2a
Spółdz. „BYCHER" Warszawa, Nalewki 2a